STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00709

# POYLN

## Yehiel Yeshaia Trunk

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Rachel Zylberberg*
*in memory of*
*Zvi Zylberberg, who perished in the Holocaust*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# י. י. טרונק
# פוילן
## זכרונות און בילדער

י. י. טרונק

# פוילן

## זכרונות און בילדער

ערשט בוך

פאַרלאַג מעדעם-קלוב
ניו־יאָרק
1944

J. J. TRUNK

# POILN

Copyright 1944 by Medem Club

Published by
FARLAG MEDEM CLUB
175 East Broadway, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

Posy-Shoulson Press, New York
255

מיין טיפסטן דאַנק די טייערע חברים פון „בונד“, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

י. י. טרונק

דאָס דאָזיקע בוך איז דאָס ערשטע פון אַ ריי ביכער, אין וועלכע איך וויל אויסשטעלן דאָס בילד פון מיין לעבן אין די ראַמען און אין שייכות מיט דעם בילד פון דעם יידישן לעבן אין פוילן.

אין פוילן איז דאָס יידישע לעבן געווען טיף איינגעוואָרצלט אין דער ערד און אין דער לאַנדשאַפט, און פון יענע זאַפטן האָט זיך געצויגן די גאַנצע יידישע שעפערישקייט. דאָס ביטערע און טראַגישע שיקזאַל פון דער יידישער געשיכטע איז אָנגעקומען ווי אַ פינצטערער שטורעם איבער די פולע און וואונדערלעכע יידן פון פוילן. טיפע און גאַנצע יידן אין זייערע קלאַסן און אין זייערע שטאַנדן. פון יענע יידן האָט געוויט דער הייליקער ריח פון לעבעדיקער יידישער קאָנטינואיטעט. „ריח בני כריח השדה אשר ברכו ה׳”. די שווערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זייערע קעפּ, און אין זייער פאַרגאָסענעם בלוט האָט דער שונא פון דער וועלט געוואָלט זען דעם סוף פון דער אייביקער יידישער אומה.

אָבער די פוילישע יידן זיינען נישט אַזוי לייכט אָפּגעטרעטן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער. דער אַלטער יידישער הערואיזם האָט תמיד אַרויסגעלויכטן פון זייערע טראַדיציעס און פון זייערע רעוואָלוציעס, פון זייערע פרומקייטן און פון זייערע אַפּיקורסישקייטן. — אין פוילן האָבן מיר געהאַט די זכיה מיט די אייגענע אויגן צו זען דאָס בילד פון אַן עם ישראל סבא.

די לעצטע יידישע קעמפער אין דער געטאָ זיינען אויף זייער אופן געגליכן געווען צו די קעמפער אין חורבן ירושלים. דער קאַמף פון יידן אין די פוילישע שטעטלעך, דער קאַמף פון יידן מיט די שונאים פון דער וועלט איז פון די שענסטע מוסטערן פון מענטשלעכער דערהויבנקייט. די הייליקע יידן אין פוילן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך מיין פאָטער חיים אברהם און מיין מוטער ביילע פראדל, איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך.

י. י. טרונק.

ניו־יאָרק, דעם 3טן נאָוועמבער, 1943

# אינהאַלט


קאַפּיטל איינס:
דער ווידע ברוך ׳גזשיוואַטש שטאַמט פון פּראָסטע ייִדן ................ 13

קאַפּיטל צוויי:
ר׳ יהושיעלע קוטנער .................................. 21

קאַפּיטל דריי:
די באָבע לאה ........................................ 37

קאַפּיטל פיר:
מיין פאָטער דער עילוי ................................ 45

קאַפּיטל פינף:
מיט דער הילף פון סגולות און גוטע־ייִדן וואַקסט אויס מיין מוטער צו
אַ כלה־מיידל ......................................... 51

קאַפּיטל זעקס:
אין די טיפע וועלדער הערט דער ווידע פון דעם קוטנער עילוי .......... 65

קאַפּיטל זיבן
דער הויף אין אַסמולסק ................................ 73

קאַפּיטל אַכט:
בוידן מיט ייִדישע אָרעמעלייט אויף די פּוילישע וועגן ................ 97

קאַפּיטל ניין:
די ייִדישע בעטלערס און בעטלערקעס קומען אויף דעם אָרעם־מאָלצייט ... 105

קאַפּיטל צען:
די סעודה פאַרן ווידנס פּויערים .......................... 113

קאַפּיטל עלף:
ר׳ גרשון־העניך ראַדזינער .............................. 121

קאַפּיטל צוועלף:
חופּה־טאָג ............................................ 141

קאַפּיטל דרייצן:
דאָס גבירישע חופּה־קלייד פון וואַרשע .......................... 149

קאַפּיטל פערצן:
קבלת־פּנים פאַרן חתן .................................. 155

קאפיטל פופצן:
דער באַרימטער נח נאַשעלסקער גייט באַזינגען דעם חתן ............ 161

קאפיטל זעכצן:
מען גרייט זיך צו כלה־באַדעקנס ............................ 169

קאפיטל זיבעצן:
הבדלות ברענען ................................................ 177

קאפיטל אַכצן:
דער פעטער יעקל מיט יר־חמיאלן לויפן אַרויס קוקן ווי ר׳ ישעיה פריוועס
קומט צופאָרן מיט דער קאַטש ................................ 183

קאפיטל ניינצן:
דער גרויסער וואַלד־סוחר ר׳ יעקב ענגלמאַן ...................... 197

קאפיטל צוואַנציק:
דער סאַכאַטשאָווער גאון .......................................... 209

קאפיטל איין און צוואַנציק:
סימכע גייגע גייט צו ד׳ רביצנס ............................ 223

קאפיטל צווי און צוואַנציק:
צוויי ברידער פון צוויי טאַטעס .............................. 233

קאפיטל דריי און צוואַנציק:
מוצאי־שבת ..................................................... 245

די זעלבסט־ביאָגראַפיע פון אַ מענטש הייבט זיך נישט דווקא אָן מיט די פערזענלעכע לעבנס־בילדער וועלכע ער שלעפּט אַרויס פון די אייגענע דערינערונגען. אין גאַנצן גענומען איז דער מענטש דער סך־הכל פון פריערדיקע דורות און זייער פּראָדוקט. דער מענטש איז נישט מער ווי די סינטעזע פון אַ לאַנגער געשיכטע. איך וויל אָנהייבן מיינע זכרונות מיט דער גענעאַלאָגיע פון מיינע עלטערן.

# קאַפּיטל איינס

דער זיידע ברוך גזשיוואַטש שטאַמט פון פּראַסטע יידן. דער פירשט סאַפּיעהאַ. די ענִיוותדיקע און פרומע באָבע חיה. דאָס בת־יחידקעלע ווערט אויסגעגעבן ביי גוטע־יידן.

מיין זיידע פון דער מוטערס צד, ברוך גזשיוואָטש, האָט געשטאַמט פון פּראָסטע פּוילישע דאָרפס־יידן. אונדזער שטוב אָבער, זינט איך גע־דענק זי, איז געווען סיי אַ לומדיש־משכילישע, סיי אַן אויפגעקומען־גבירישע שטוב, דעריבער האָט מען זיך געהאַלטן פון דערוויטנס פון זיידנס פּראָסטער דאָרפישער משפחה. זי איז אונדז נישט אָנגעשטאַנען צום יחוס.

דעם זיידנס משפחה האָט טאַקע געמוזט זיין גאָר אַ פּראָסטע. פון די פעטערס און די געשוועסטערקינדער האָט געשמעקט מיט דעם פּראָסטן אָפּשטאַם פון יידן. מ׳האָט זיך געשושקעט, אַז דעם זיידנס פאָטער — ווען נאָמען איך האָב נאָר געהערט ווען מ׳האָט דעם זיידן אויפגערופן צו ששי — איז געווען אַ דאָרף־שווייגער אין אַ דאָרף הינטער קערניזשע. דער זיידע האָט געשטאַמט פון זיין ערשט ווייב. ווי עס האָט אויסגע־קוקט דעם עלטער־זיידנס שטוב און ווי עס איז בכלל געווען דעם זיידנס יוגנט צווישן די פּויערים און די שיקסעס פון דאָרף האָב איך קיינמאָל נישט געקענט געוואויר ווערן. די דאָזיקע גאַנצע פאַרגאַנגענהייט האָט מען געהאַלטן ביי אונדז „אונטערן שטערצל״. עס איז דאָרט מן הסתם צוגעגאַנגען געגוג פּראָסט, דאָרפיש און פּויעריש. דער זיידע ברוך האָט אין זיין יוגנט געמוזט זיין, אַזוי צו זאָגן, אַ היפשער נאַטור־מענטש. שפּעטער אָבער, ווען דער זיידע איז געוואָרן אַ גרויסער גביר האָט ער געלערנט „תנא דבי אליהו״ און געטראָגן שבת אַ זיידענע קאַפּאָטע. אויף ראָש־השנה איז ער געפאָרן צום רבין און דאָרט ביים רבין געווען אַ „טיש־זיצער״ צווישן שיינע יידן און רבנים, און געטראָגן (ביים רבינס טיש) אַ שטריימל.

אין זיין יוגנט־צייט האָט דער זיידע ברוך פאַרלאָזט דאָס שווייגערישע עלטערן־הויז און אַוועק אין דעם נעבנדיקן שטעטל קערניזשע. דאָרט איז ער פּלוצעם אַריין אין אַ חסידישער סביבה, מ׳האָט מיט אים גע־לערנט און ער איז געוואָרן אַ שטיקל בן־תורה. ווי ער האָט דערציילט האָבן אים ייִנגלווייז די וואָרקער חסידים פון קערניזשע מיטגענומען צו ר׳ מענדל וואָרקער. ער איז מיט זיי מיטגעפאָרן אין אַ גרויסער באַלעגאָלישער בויד. דער זיידע פלעגט אָפט און מיט גרויס פאַרגעניגן דערציילן פון אָט דער לאַנגער חסידישער נסיעה צום וואָרקער רבין. אין דער באַלעגאָלישער בויד וואָס האָט זיך קוים און לאַנג געשלעפּט איבער די זאַמדיקע פוילישע וועגן האָבן די פאַרנדיקע חסידים כסדר געטאַנצט פון שמחה. אין אַלע קרעטשמעס האָט מען געפּראַוועט סעודהלעך און די פעסלעך בראַנפן וואָס מ׳האָט מיט זיך מיטגעפירט אַזש פון קערניזשע האָט מען כסדר אָנגעפילט מיט נייער משקה. דער זיידע ברוך איז געווען אַ שיינער דערציילער. זיינע מעשיות האָבן געהאַט סטיל, פאַרב, און פאָלקסטימלעכע פאַנטאַזיע. ער האָט דער דאָזיקער נסיעה געגעבן דעם קאָלאָריט פון אַן עולה־רגל־זיין קיין ירושלים, און תמיד האָט ער באַ־טאָנט מיט שטאָלץ, אַז אים, דעם פּראָסטן אָרעמען ייִנגל האָט מען מיט־גענומען אויף דער עקסטאַטיש־פריילעך־חסידישער נסיעה צום וואָרקער רבין!

די באָבע חיה, דעם זיידן ברוכס ווייב, איז געווען פון אַ בכבודיקער באַלעבאַטישער פאַמיליע, פון זשיכלין. אירע עלטערן זענען יונגער־הייט במשך פון איין וואָך געשטאָרבן פון דער כאָלערע. די באָבע איז פאַרבליבן אַן אָרעמע יתומה. אַ מומע האָט זיך אויף איר מרחם געווען און זי גענומען צו זיך אין הויז. ביי אונדז אין שטוב האָט מען וועגן דער פריער אָרעמער פאַרגאַנגענהייט נישט גערעדט, און איך בין מיך משער, אַז ביי דער דאָזיקער מומע איז די באָבע חיה געווען אַ פּשוטע דינסט. אין אירע יונגע יאָרן האָט די באָבע חיה געמוזט זיין אַ גרויסע יפת־תואר. אויף דער עלטער — זי איז געשטאָרבן צו עטלעכע און אַכציק יאָר — האָט זי נאָך אויף זיך געטראָגן די שפּורן פון איר אַמאָ־ליקער שיינקייט. איר בלאָס פּנים האָט געהאַט אויסערגעוויינטלעכע רעגלמעסיקע פאָרמען, די הויט איז געווען בלאָס מיט דעם שימער פון

אַן אַמאָליקער אידעלער צאַרטקייט. די אָרעמע יתומה פון זשיכלין האָט געהאַט אַ קלאַסיש-גריכישע נאָז.

די באָבע איז געווען אַ שטילע ווי אַ טויב. דער זיידע האָט זי נישט געמוזט שטאַרק ליב האָבן, ווייל ער פלעגט אָפט אויף איר שרייען און קיינמאָל נישט אַרויסווייזן איר קיין צערטלעכקייט און צו איר נישט גערעדט קיין גוט וואָרט. דאָס האָט נאָך מער נידערגעשלאָגן איר כאַראַקטער. אין שטוב האָט זיך די באָבע חיה אַרומגעדרייט מיט אמת יידישער ענוות און זי האָט כסדר מורא געהאַט פאַרן זיידן. נישט געקוקט אויף דער הערשערישער באַציאונג צו איר, האָט זי דעם זיידן ליב געהאַט מיט דער ליבשאַפט פון אַ שטילער יידישער טאָכטער וואָס קלערט גאָרנישט איבער און שענקט אַוועק אירע געפילן לויט די געבאָטן פון דער תורה. זי האָט דעם זיידן קיינמאָל נישט אָנגערופן ביים נאָמען. אַלע אין שטוב האָבן אויף איר געהערשט. די באָבע חיה האָט אין זיך געהאַט אַ סך פון אַ יידישער צדיקת, געווען גאָט-פאַרכטיק און ליב געהאַט צו טאָן צדקה בסתר. דערפאַר איז זי געווען אָבערגלויבעריש ווי אַ פאָלקס-קינד, זי האָט אין אַלצדינג באַאיוו געגלייבט, אין גוטע יידן און אין פּיפּערנאָטערס. זי האָט אויך געהאַט אַ ווילדע אמונה אין דאָקטוירים און אין כלערליי רפואות און סגולות. אַלצדינג וואָס איז געווען העכער פון איר שכל און געהאַט מאַכט איבערן גליק, געזונט און לעבן פון אַ מענטש האָט מיט אַ מאָדנער ערפורכטיקייט אימפּאָנירט דעם מינדערווערטיקייטס-געפיל פון דער באָבע חיה. סיי אין דער פאָרם פון אַ שטילער באַהאַלטענער גוטסקייט און סיי אין דער פאָרם פון אַ מאַכטלאָזער רעזיגנאַציע איז דאָס מינדערווערטיקייטס-געפיל געווען טיף באַגראָבן אין האַרצן פון דער דאָזיקער שווייגנדיקער יידענע וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גליקלעך לעבן, תמיד געווען אָפּהענגיק פון דעם חסד און דעם ווילן פון אַנדערע.

די חתונה פון דער באָבע חיה מיטן זיידן ברוך האָט פאַר דער באָבעס צד געמוזט זיין אַ מעזאַליאַנס. די באָבע פון אַ קליינבירגערלעך-באַלעבאַטישער פאַמיליע און דער זיידע סך-הכל אַ „שווייגער-יונג“. נאָר די באָבע איז געווען אַן אָרעמע הילפלאָזע יתומה און די מומע ביי וועלכער זי איז געווען פאַר אַ דינסט האָט איר אויף ס׳גוואַלד געוואָלט „צודעקן דעם קאָפּ“ און זי חתונה מאַכן פאַר אַ פאַרדינער.

נאָך דער חתונה האָט דער זיידע זיך געמאַכט אַ געוועלבל אין סאַניק און ס׳איז אים גוט אָוועקגעגאַנגען. די סאַניקער גיטער האָבן געהערט צו אַ גרויסן פּוילישן מאַגנאַט — פּירשט סאַפּיעהאַ, און דער זיידע האָט ביי אים נושא־חן געווען און געוואָרן ביי אים אַ „זשידעק״. ביז צו זיינע לעצטע יאָרן, ווען דער זיידע איז שוין געווען אַ גרויסער מיליאָנער, האָט ער נישט אויפגעהערט דעם פּירשטס נאָמען צו דער־מאָנען מיט פיל ערפורכטיקייט, און אַז ער, דער פּירשט הייסט עס, האָט דעם זיידן גערופן „מאָי בערעק״ און אַפילו אים מיטגענומען אויף דער פּריצישער קאַטש. ביים פּירשט האָט דער זיידע אָנגעהויבן צו מאַכן אַ גרויס פאַרמעגן און גענומען דערפער אויף אַרענדע. שפּעטער האָט דער זיידע אַליין געקויפט אַ גוט מיטן נאָמען אַסמולסק, טאָקע נישט ווייט פון סאַניק, אויסגעבויט פאַר זיך אַ הויפישן פּאַלאַץ, געוואָרן אַ ידישער פּריץ.

אין דעם דאָזיקן גוט אַסמולסק בין איך געבוירן געוואָרן.

נאָך וואוינענדיק אין סאַניק האָבן דער זיידע מיט דער באָבע געהאַט אַ סך קינדער, נאָר זיי זענען אַלע אויסגעשטאָרבן יונגערהייט. פון זייע־רע געשטאָרבענע קינדער האָט דער זיידע מיט דער באָבע קיינמאָל נישט גערעדט און זיי נישט דערמאָנט. זיכער צוליב אָבערגלויבערישע סיבות. זיי זיינען געבליבן סך־הכל ביי אָן איינציקער טאָכטער און דאָס איז מיין מוטער.

דאָס ציטערדיקייט מיט וועלכער מיין מוטער, דאָס איינציק איבער־געבליבענע קינד, איז דערצויגן געוואָרן פון אירע עלטערן, האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. מען איז מיט איר אַרומגעפאָרן צו גוטע־יידן, אַז זיי זאָלן זי בענטשן. די באָבע חיה האָט מיט פיל פרומקייט און מיט זייער אַ שטיל קול דערציילט ווי זי איז מיט דעם איינציק איבערגע־בליבענעם קינד געפאָרן צום גאָסטינינער צדיק (דעם דאָזיקן וואָס שלום אַש האָט באַשריבן אין „תהילים־ייד״) און דער הייליקער גאָסטינינער האָט זיינע כשרע הענט אַרויפגעלייגט אויפן קעפל (נאָכדעם ווי מ׳האָט דאָס קעפל צוגעדעקט מיט אַ טיכל. נאָר אויף אַזאַ אופן האָט דער גאָסטינינער צדיק אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף די קעפּ פון די ווייַ־בער) פון דעם איבערגעבליבענעם מיידל און זי געבענטשט. די באָבע

חיה האָט צוגעגעבן אַז זי האָט דאָס קינד אויסגעווײנט ביי די הייליקע צדיקים.

דאָס איז געווען בערך ווען דער זיידע ברוך איז שוין געווען דער פּריץ פון גוט אַסמולסק. אָבער נישט אַזוי שנעל האָט זיך דאָס אָרעמע „שווייגער־ייִנגל" געקאָנט צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז ער איז אַ פּריץ, אַ גוט־באַזיצער און אַז זיין אַסמולסק גרענעצט זיך מיט די גיטער פון פירשט סאַפּיעהאַ. סאַפּיעהאַס אַ שכן! אַפילו אין זיין רייכקייט האָט דער זיידע קיינמאָל נישט געביטן זיין אַלטן שטייגער, ער איז געבליבן אַ פּראָסטער דאָרפישער ייִד און האָט געהאַט אַ קנאַפּע השגה אין אַ בעסערן עולם־הזה ווי אַ גוטער קנאָבל־באָרשט מיט קאַרטאָפל. זייענדיק שוין דער פּריץ פון גוט אַסמולסק האָט ער נאָך נישט געוואוסט ווי אַזוי ווערט מען עפּעס אַ פּריץ, און קוים האָט ער זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו פּריצישקייט — דער זיידע איז געווען פּרימיטיוו אויפריכטיק — האָט ער נישט געמאַכט די שטיק פון אַן אויפגעקומענעם נגיד. ער האָט זיך נישט געפירט מעשה גביר און געבליבן וואוינען צווישן זיינע אַלטע באַקאַנטע ייִדן פון דער יוגנט־צייט, ד"ה פון דער אָרעמער שווייגער־צייט.

דער זיידע האָט געבאַלעבאַטעוועט איבערן גוט אַסמולסק און דער־ביי נאָך צוגעקויפט נייע גיטער און וועלדער. זיין פאַרמעגן איז געוואַקסן — אָבער אַליין איז דער זיידע געבליבן וואוינען אין אין אָרעמער שטוב ביי אַ ייִדישן פּויער סימכע גייגע. די באָבע האָט געהאַדעוועט היגער און גענדז. אַ שטילע, באַשיידענע פרוי האָט זי נישט געהאַט די מינדסטע אַמ־ביציע פון אַ גבירטע, ווי תמיד איז זי פאַרבליבן דאָס געהאַרכזאַמע פוס־בענקעלע ביים שטרענגן מאַן, וועמען זי האָט קיינמאָל נישט אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט באַהאַלטענערהייט געשיקט פּדיונות צו אַלע קלענערע גוטע־ייִדן און מהנה געווען פון איר „קניפּל" כל־המינים פאַרדעכדיקע רבילעך וואָס האָבן זיך אין ביידלעך אַרומגעשלעפּט איבער פוילן. די באָבע האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין אונטערשייד, זי האָט אָבערגלויבע־ריש געגלייבט אין אַלע „שטריימלעך" ווי אין אַ העכערן כח. צו די גרעסערע און באַקאַנטע צדיקים פון פוילן איז זי אָבער אַליין געפאָרן, און מיטן זיידנס וויסן. דער עיקר איז זי געפאָרן צום גאָסטינינער און צום הייליקן צדיק ר' יאַנקעלע פון ראַדזימין. וואָרעם דער זיידע ברוך איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון הייליקן צדיק פון ראַדזימין ווען

ברכה דער ז״ידע האָט פֿאַרדאַנקט זיין פֿאַרמעגן. די ציטערדיקע באָבע חיה האָט געקאָכט טעפּ מיט געקעכץ פֿאַר אָרעמע לייט און האָט נאָר געהאָט איינס אין זינען: אָפּצוראַטעווען פֿון מלאך־המות דאָס איינציקע טעכטערל.

# קאַפּיטל צוויי

ר׳ יהושיעלע קוטנער. זיין מוטער. דער שלימזל, דער פעטער נתן־מאיר. די באָבע פריווע. דער חסידישער הוליאַקע, דער פעטער יעקל. דער פעטער יעקל אַלס עסיק־פאַבריקאַנט. דער פעטער יעקל אין פורים. קרייט ווי אַ האָן און מאַכט קאָזשלקעס פאַר ר׳ יהושיעלע קוטנער. דעם פעטער יעקלס „קלוגע״ עצות. די מיוחסת, די מומע שפרה־מירל. דער „נפש־חיה״. דער זיידע ר׳ משהל.

פון מיין פאָטערס צד שטאַם איך גראַד פון גרויסן יחוס. דער יחוס איז אַ צווייאיקער. פון איין צד אַ לומדישער און פון דעם צווייטן צד אַ רבישער.

מיין פאָטערס זיידע איז געווען דער באַרימטער גאָון ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געווען דער פּאָפּולערסטער תלמודי־שער אויטאָריטעט אין זיין צייט. זיין נאָמען האָט באמת געקלונגען בכל תפוצות ישראל. ער איז געווען דער לעצטער פוסק און פון אַלע עקן וועלט האָט מען זיך צו אים געווענדט מיט שאלות וועגן די שווער־סטע תלמודישע פראַגן. נאָך היינט איז זיין נאָמען אַ לעגענדע, און איך אַליין האָב געטראָפן ספרדישע יידן אין טיפן מאַראָקאָ, וועלכע האָבן זיין נאָמען דערמאָנט מיט ערפורכט.

ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געווען די קרוין פון אונדזער משפחה, די ערשטע רינג פון אונדזער שלשלת היוחסין. איך געדענק אים נאָך פון קינדערוויז. ווען ער איז נפטר געוואָרן בין איך אַלט געווען זעקס יאָר. די ערפורכטיקייט אַרום אים פון דער גאַנצער סביבה איז געווען אומהיימלעך גרויס, אַז אַפילו אַ קינד איז פון איר סוגערירט געוואָרן. אַלע האָבן עפּעס ווי געציטערט וועגן זיין עקסיסטענץ און דאָס הויז־געזינד איז געווען שטאָלץ מיט זיין גרויסקייט. הגם די ווייבער פון דער משפחה האָבן נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף אין וואָס אייגנטלעך עס באַשטייט ר׳ יהושיעלעס גרויסקייט. די לומדים, וואָס האָבן אים גע־קענט און דערציילט פון אים, האָבן געזאָגט אַז ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט גערעדט זייער פלינק, עס האָט זיך געשאָטן פון אים מיט קורצע ציטאַטן און נאָר גרויסע לומדים האָבן אים געקאָנט פאַרשטיין און אָנהאַלטן

מיט אים דעם תלמודישן דיספוט. איך געדענק אים ווי אַן אַלטן ייד מיט אַ גרויער באָרד. ער איז געזעסן טיף אין אַ גרויסער לעדערנער רבנים־שטול.

ר׳ יהושיעלע איז געווען אויסערגעוויינטלעך פּאָפּולער ביי די אָר־טאָדאָקסישע יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט. אָבער אַפילו ביי די פּשוטע פאָלקס־מענטשן אין קוטנע, וואו ער איז געווען רב, איז געווען זייער גרויס זיין אָנזען, און די פּראָסטע יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן דערציילט פאַרשיידענע מעשיות פון הייליקן „סאַדיק״.

אין אונדזער משפחה זענען אַרומגעגאַנגען וועגן אים אַלערליי לע־גענדעס, און אויך לעגענדעס וועגן זיין אָפּשטאַם און זיין יוגנט. זיין מוטער דבורה איז געווען אַ פּראָסטע אָרעמע יתומה אין פּלאָצק. זי איז געווען אַ מאַרק־שטייערקע, און דאָס איז געווען איר פּרנסה. ווען זי האָט פון איר שטיין גאַנצע טעג אין מאַרק אין היץ און אין קעלט אָנגעזאַמלט אַ נדן — און זי איז שוין געווען אַ מיידל אין די יאָרן — איז זי געגאַנגען צום דאַמאָלסדיקן רב אין פּלאָצק, ר׳ לייבוש חריף, זי האָט אים געוויזן די שווער פאַרהאָרעוועטע פאַר רענדלעך און געבעטן אַז ער, ר׳ לייבוש חריף, זאָל איר אויסקלייבן אַ מאַן אַ תלמיד־חכם. ר׳ לייבוש חריף זאָל האָבן געענטפערט, אַז ער קאָן אין פּלאָצק אַ געוויסן עלטערן ייד, אַ גרויסן תלמיד־חכם, און דאָס נעמלעך איז איינער אַן אָרעמער מלמד, אַ ביטערער אביון, אָבער אַ גרויסער למדן. דערצו איז דער תלמיד־חכם ר׳ דוד אַן אַלמן מיט עטלעכע קינדער און פּייניקט זיך כסדר און קאָן זיך קוים מפרנס זיין. דאָס מיידל דבורה האָט געפרעגט ר׳ לייבוש חריפן, צי איז טאַקע דער דאָזיקער אביונדיקער מלמד אַ גרויסער תלמיד־חכם. „יאָ, מיין קינד, ער איז גאָר אַ גרויסער תלמיד־חכם״, האָט ר׳ לייבוש חריף געענטפערט. דבורה, אַן אויסגעהאָרעוועטע און אויסגעמוטשעטע, האָט נישט געוואָלט קיין מנוחה און זי האָט מיט פרייד אויף זיך גענומען חתונה צו האָבן מיט דעם אָרעמען אַלמן וואָס איז אַ גרויסער תלמיד־חכם. מיט דעם תלמיד־חכם האָט זי נישט מער געהאַט ווי אַן איינציק קינד און דאָס איז געווען ר׳ יהושיעלע קוטנער.

שוין אַלס קינד האָט ר׳ יהושיעלע געשמט איבער פּוילן אַלס אַן אויסערגעוויינטלעכער עילוי. אַ רייכע יידישע משפחה אין פּלאָצק האָט דעם אָרעמען עילוי גענומען פאַר אַן איידעם.

די באָבע פריווע, ר׳ יהושיעלעס ווייב, געדענק איך גאָר גוט. ווען זי איז געשטאָרבן בין איך שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור. זי איז געווען אַ טאָכטער פון זייער אַ פאַרמעגלעכער משפחה. באַקאַנט איז נאָר איר מוטער, די באָבע ראַצע. די באָבע ראַצע איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ איטשעלע פלאָצקער, איינער פון די גרעסטע יידישע מאַגנאַטן אין פאַרצייטיקן פוילן. ר׳ איטשעלעס פאָטער, ר׳ שמואל לאָסקער, האָט אפילו געהאַלטן די פוילישע מינץ, ד״ה ער האָט געגאָסן פאַר דער פוילישער מלוכה זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. ר׳ שמואל לאָסקער איז געווען פאַרמשפּט צום טויט, ווייל ס׳האָט געפעלט צו דער וואָג זילבער וואָס די מלוכה האָט אים געגעבן אויסצומינצן. פון טויט איז ער ניצול געוואָרן, ווי דער שטייגער איז, על פּי נס. אין אונדזער משפּחה דערציילט מען, אַז ווייל ר׳ שמואל לאָסקער איז שטענדיק געזעסן על התורה ועל העבודה האָט ער נישט געהאַט געניג צייט אַכטונג צו געבן אויף זיינע מענטשן, און דערייבער האָט אים געפעלט פונעם סכום זילבער. אַ ברודער פון ר׳ שמואל לאָסקער איז געווען אַ וואַנדערנדיקער מקובל און אַ מחבר פון אַ באַוואוסטן קבלה־ספר.

נאָר כ׳וויל מיך אומקערן צו דער באָבע ראַצע.

ווי עס קוקט אויס איז די באָבע ראַצע געווען די הויפּט־פּערזאָן אין די מסתרים און די עקרת־הבית. וואָרעם איר נאָמען פיגורירט אויפן ערשטן פּלאַן פון די משפּחה־אַנאַלן. איר מאַן, דער זיידע ר׳ חיים, איז פאַרבליבן אין שאָטן. ווי איך שטעל מיר פאָר האָט ער נישט געמוזט זיין פון הויכער מאַנספאַרשוינישער און גייסטיקער קוואַליטעט. אַ באַווייז דערצו זענען זיינע זין, די פעטערס, ד״ה די לייבהאַפטיקע ברידער פון דער באָבע פריווע.

די דאָזיקע פעטערס האָב איך פּערזענלעך נישט געקאַנט. זיי זיינען געשטאָרבן אידער איך בין געבוירן געוואָרן, נאָר אין דער משפּחה האָט מען פון זיי דערציילט און דערציילט. פון איינעם, דעם פעטער נתן־מאיר, האָט מיין פאָטער דערציילט גוטאַרדיק קאָמישע געשיכטעס. דער פעטער נתן־מאיר, ווי עס שיינט אויסצוקוקן, איז געווען אַ גייסטיק נישט אַנטוויקלטער ייד. זיין לעבן איז פול געווען מיט קאָמישע אינצידענטן, און זיי האָבן זיך גענומען פון זיין גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט און נישט־

אַריענטירטקייט. מיין פאָטער האָט דערציילט פאָלגנדיקע מעשיות פון פעטער נתן־מאיר.

דער פעטער נתן־מאיר האָט געהאַט אַ טבע אַרומצופאָרן איבער פוילן. פון וואַנען ער האָט גענומען הוצאות אויף די יאַזדעס ווייס איך נישט. ער פלעגט קומען צו זיין שוואָגער ר׳ יהושיעלע קוטנער אויף הילף. אין קוטנע פלעגט ער אָפּזיצן עטלעכע וואָכן, שלאָפן אין דער סוכה, אַרומדרייען זיך גאַנצענע טעג פאַרחושט. אַ ווילדער שוויגער. טאָמער האָט זיך דער פעטער נתן־מאיר מישב געווען און נאָך אַ לאַנגן שוויגן געוואָלט עפּעס אַ זאָג טאָן, איז זיין זאָג תמיד אַריינגעפאַלן ווי אַ יון אין דער סוכה. דער פעטער נתן־מאיר פלעגט זיך שטענדיק טועה זיין, און פון זיינע טעותים זיינען אַרויסגעקומען די קאָמישסטע סיטואַציעס. ער איז געווען אַ הויכער אויסגעצויגענער ייד, און עס פלעגט אים גאָר נישט זיין קשה צו ווערן אָנטאָן — על פּי טעות — אַ קאַפּאָטע פון אַ קליין יינגל. ווען די קאַפּאָטע איז אויף אים נישט אַרויפגעגאַנגען האָט ער זי בגוואַלד אויף זיך אַרויפגעריסן און דערביי הויך אויפן קול אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג אַז עפּעס איז אים די קאַפּאָטע אין מיטן דרינען אויסגעוואַקסן. דער פעטער נתן־מאיר פלעגט תמיד פאַרשפּעטיקן די באַן, און די סיבה איז אויך געווען אַ קאָמישע, נעמלעך, ווען די אָנקומענדיקע באַן האָט אַ פייף געטאָן האָט זיך דער פעטער נתן־מאיר אויסטערליש דערשראָקן פון דעם פייף און פון שרעק באַדאַרפט משתין־זיין, אידער ער האָט זיך פונאַנדערגעקנעפּלט, געוואַשן די הענט און אָפּגעזאָגט דעם אשר־יצר, וואָס ס׳האָט ביי אַזאַ בריה ווי דער פעטער נתן־מאיר פאַרנומען אַ סך צייט, איז דער צוג דערווייל אַוועקגעגאַנגען. — אַזוי אַז ווען ער האָט נאָך אַ לאַנג זיצן אין קוטנע ביי דער שוועסטער ענדלעך באַשלאָסן אַהיים צו פאָרן איז ער פון־דאָס־ניי געבליבן וואָכנלאַנג זיצן. וואָרעם טאָג ביי טאָג האָט זיך, מעשה שטן, איבערגעחזרט די מעשה מיטן פייף און מיטן משתין־זיין און דער פעטער נתן־מאיר האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז איינמאָל נאָך אַזאַ לאַנגן „קווי־פּראָ־קוואָ״ פון פעטער נתן־מאיר מיט דער באַן, האָבן ענדלעך קלוגע מענטשן אים געעצהט, דעם פעטער נתן־מאיר הייסט עס, אַז ער זאָל גיין צום צוג מיט אַ צען שעה פריער פאַרן צוג־אָפּגאַנג, ער וועט זיך דאַן צוגעוווינען צום פייפן פון אַנדערע צוגן, וועט

אויפהערן זיך צו דערשרעקן מיט אַלע שפּעטערע קאָנסעקווענצן פון משתין־זיין, און וועט זיך דאַן ענדלעך קאָנען אַרויסקריגן פון קוטנע. די עצה איז דעם פּעטער נתן־מאיר אויסטערליש געפעלן געוואָרן. צומאָרגנס, אַ צען שעה פאַרן צוג־אָפּגאַנג האָט ער זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו איילן צו דער באַן. פון גרויס איילעניש האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שאַנק און זיך געשפּאָלטן דעם קאָפּ. דער פּעטער נתן־מאיר איז דאַן פון־דאָס־ניי געבליבן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אין קוטנע אין בעט. דערביי האָט ער געזאָגט דעם קלוגן אַפאָריזם, אַז פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. און אויך דער דאָזיקער לאָגישער אַפאָריזם איז געווען אַ חידוש פאַרן פּעטער נתן־מאיר וואָס האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַריינפּאַסן דאָס ריכטיקע וואָרט אין דער ריכטיקער סיטואַציע. און מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָרט פון פּעטער נתן־מאיר וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער ריכטיקער צייט. נאָך אַ מעשה פלעגט מען ביי אונדז אין דער משפחה דערציילן פון פּעטער נתן־מאיר: דער פּעטער נתן־מאיר האָט געהאַט אַ טאָכטער. זייענדיק ראש־השנה ביים רבין האָט ער מיט איר דאָרט אַ שידוך געטאָן מיט אַן אַנדערן חסיד. קומענדיק אַהיים האָט ער פאַרגעסן צו דערציילן אַז ער האָט די טאָכטער מיט מזל פאַרקנסט. אין אַ יאָר אַרום איז ער ווידער געווען ביים רבין און דאָרט מיטן מחותן אָפּגעשטעלט דעם זמן־החתונה. ער האָט ווידער אין דער היים קיין וואָרט נישט דערציילט. אין אַ שיינעם טאָג איז אויפן מאַרק אין פּעטער נתן־מאירס שטעטל אָנגעקומען צו פאָרן אַ פול געפּאַקטע בויד מיט חתונה־געסט, מחותנים און מחותנתטעס. דער חתן, אַ בלאַסער פון פאַסטן אין חופּה־טאָג, אין אַ נייעם קאַשקעט און אין אַ נייער חתונה־זשיפּיצע. די מחותנים־בויד איז מיט אַ געפּילדער פאַרפאָרן פאַרן הויז פון פּעטער נתן־מאיר, גלייבנדיק אַז זיי ווערן דערוואַרט ווערן פון אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים, און אַז עס קאָכן זיך שוין אין די טעפּ די מאָלצייטן פאַר דער חתונה. ווי פאַרוואונדערט זיינען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז דאָס הויז־געזינד פון פּעטער נתן־מאיר האָט נישט די מינדסטע אַנונג נישט בלויז דערפון אַז היינט איז חופּה־טאָג נאָר זיי וויסן צומאָל נישט אַז די טאָכטער איז אַ כלה געוואָרן. די מחותנתטעס האָבן אַ קוק געטאָן אויף דער מיקלאַמפּערשטער כלה און זיי איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דאָס מיידל,

אַ צעשויבערטע, אַ שמוציקע, איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און געשמאַק אויסגעקערט דעם דיל מיט אַ בעזעם. ס'איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. דער חתן איז שיער ניִשט געפאַלן אין חלשות פון פּאַסטן און פון בושה. און ווען מ'האָט געפרעגט אויפן קלוגן מחותן, ד"ה וואו איז דער גזלן, דער מחותן נתן־מאיר? האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פעטער נתן־מאיר איז גאָר ניִשטאָ אין דער היים. עס האָט זיך אים אויף אַ טשעקאַוועסט אַ קאַפּעטשקעלע פאַרגלוסט אַ פּאָר צו טאָן צום רבין.

נאָך פאַרשיידענע וואונדערלעכע און גראָטעסקע מעשיות איז ביי אונדז אין דער משפחה דערציילט געוואָרן פון פעטער נתן־מאיר וואָס האָט שטענדיק זיך פאַרשפּעטיקט און שטענדיק געטאָן דערנעבן. ווען איך האָב געהערט דערציילן די דאָזיקע מעשיות איז שוין דער פעטער נתן־מאיר געווען אין ליכטיקן גן־עדן אַ קיימאַ־לן פון אַ יאָר פערציק. פונדעסטוועגן האָט מען ניִשט פאַרגעסן אים צו דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט. און געלעגנהייטן זיינען געווען אַ סך, וואָרעם יעדער טרונק איז בטבע אַ שטיקל חוש און אַ היפּש קאַפּעטשקעלע אומבאַהאָלפן אין לעבן. אין אונדזער משפחה איז געגאַנגען אַ ווערטל, אַז אין יעדן טרונק שטעקט אַ שטיק פון פעטער נתן־מאיר. און דאָס איז זייער ריכטיק. אפילו בנוגע מיר אַליין: ס'שטעקט אין מיר אַ סך פון פעטער נתן־מאיר.

אין דער משפחה פון דער באָבע פריווע האָט געשטעקט גאָר גאָר אַ סך פון פעטער נתן־מאיר.

ווי איך געדענק די באָבע פריווע איז זי שוין געווען אין טיפער עלטער און אַן אלמנה נאָך ר' יהושיעלע קוטנער. זי איז אין מיין זכרון פאַרבליבן אַ קליינע און אַן איינגעבויגענע, אַן אַלטיטשקע זקנה מיט קאַליע אויגן און מיט אַ ווייס שפּיצן־הייבל אויפן קאָפּ. זי איז געזעסן אויף אַ פּאָטער־שטול און צוגעלייגט נאַסע וואַטע צו די קאַליע אויגן. פריער, ווען ר' יהושיעלע קוטנער האָט געלעבט, איז זי געווען די עקרת־הבית אין שטוב, און זי איז געווען זייער ענערגיש. קיין איבע־ריק גוטע איז זי ניִשט געווען. זי האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט געפירט איר ראָל. איר איינציקע זאָרג און לעבנס־ציל איז געווען אָפּצוהיטן איר מאַן. אַזוי אַרום האָט זי געגלייבט עקשנותדיק אָפּצוהיטן דעם קוואַל פון דער תורה. ווען ר' יהושיעלע איז נפטר געוואָרן און געלעגן אויף דער ערד איז די באָבע פריווע צוגעגאַנגען און אויפגעדעקט דעם

גרויסן מת און אים געזאָגט אין טויטן פּנים אַריין, אַז אויף יענער וועלט זאָל ער געדענקען דאָס זי האָט אַ חלק אין זיין תורה.

ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט געהאַט דריי קינדער. איין זון וועלכער איז שפּעטער געווען קוטנער רב און דער פאָטער פון מיין פאָטער און צוויי טעכטער.

די עלטסטע טאָכטער איז געווען די מומע שׂרהל. די מומע שׂרהל איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע צדיקת, אַ פּשוטע ביי זיך, און אַ פאָלקס־מענטש. נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען דעם קוטנער גאונס טאָכטער פלעגט זי פאַרקערן מיט דעם סאַמע פּראָסטן פאָלק. זי איז זייער באַליבט געווען אין שטאָט. איר מאַן, דער פעטער יעקל, איז געווען אַ קליינער דיקלעכער ייד און אַ קאָמישע פיגור. קודם־כל איז ער געווען אַ ווילדער חסידישער הוליאַקע. אין זיין יוגנט האָט ער גאַנצע טעג געסעודהט מיט חסידים און נישט געוואָלט עוסק זיין אין קיין שום געשעפטן. איינמאָל אין לעבן האָט מען קוים ביי אים געפּועלט צו פאַרלייגן אַן עסיק־פאַבריק. האָט עס נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. וואָרעם די חסידים האָבן אויסגעטרונקען דעם בראָנפן וואָס מ׳האָט געקויפט פאַר דער פאַבריק. דער פעטער יעקל האָט אויף די שפּענער אַרויפגעגאָסן הוילע וואַסער און אַזוי אַרום געהאַפט על פּי נס צו באַקומען עסיק. דאָס נס איז נישט געשען, און דער פעטער יעקל איז צו זיין גרויס צופרידנקייט געוואָרן אויס פאַבריקאַנט און פאַרבליבן ווייטער דער אַלטער באַהעמישער חסידישער הוליאַקע. די מומע שׂרהל האָט זיך געעפנט אַ צעלניק־געוועלבל, אָהין נישט אַריינגעלאָזט דעם פעטער יעקל, און אַזוי זיך מפרנס געווען פון אייגענער האָרעוואַניע. וויפל די מעשה מיטן וואַסער אויף די שפּענער איז אמת, ווייס איך נישט. יעדנפאַלס איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן פעטער יעקלס גאַנצן מהות. זיינע גלאַנץ־טעג זיינען געווען שׂמחת־תורה און פּורים. איבערהויפּט פּורים. דעמאָלסט איז דער פעטער יעקל געווען אויף דער העכסטער מדרגה. צוויי טעג פאַר פּורים און צוויי טעג נאָך פּורים איז דעם פעטער יעקל נישט געווען צו דער־קענען. דאָס פּנים איינגעריסט מיט סאַזשע, די קאַפּאָטע איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, האָט ער געטאַנצט מיט חסידים אין די קוטנער גאַסן און האָט אפילו געהאַט דעם ליבן און פריילעכן מוט אין אַזאַ מאַס־קאַראַדן־הולך אַריינצוקומען צו זיין שווער ר׳ יהושיעלע, וועלכער איז

שטענדיק פאַרנומען געווען מיט תורה און נישט געהאַט דאָס פאַרשטענ־
דעניש און דאָס געמיט פאַר אַזעלכע באַהעמיש־חסידישע דרכים. ר׳
יהושיעלע קוטנער האָט דעם פעטער יעקל נישט ליב געהאַט, קודם כל,
ווייל ער, דער פעטער יעקל, איז געווען אַ לאָ־יוצלח אין לעבן, נישט
קיין איבעריקער חכם און האָט זיך נישט געזאָרגט דערפון וואָס די גאַנצע
לאַסט פון פרנסה ליגט אויף דער שוואַכער גוטמוטיקער מומע שרהל.
צווייטנס איז דער פעטער יעקל געווען גאָר אַ קנאַפּער למדן. דאָס האָט
אים אויך נישט פאַרשאַפט קיין גרויס אַנזען ביי זיין גאונישן שווער.
דער פעטער יעקל האָט דערפון געוואוסט און געפילט זיך הכנעהדיק און
מינדערווערטיק אין די אויגן פון זיין שווער. פורים אָבער, האָט זיך דאָס
בלעטל איבערגעדרייט. פורים האָט זיך דער פעטער יעקל געפילט דער־
הויבענער פון אַלע למדנים און וואוילגעלערנטע. פורים איז דער יום־
טוב פאַר פריילעכע יידן. אַ צעזונגענער, אַן איינגעריסטער, מיט אַן
איבערגעקערטער קאַפּאָטע, איז דער פעטער יעקל צוזאַמען מיט אַ גאַנצע
כאַפּטע איינגעריסטע און צעטאַנצטע חסידים — אויך נישט קיין לומדים —
אַריינגעפאַלן צו ר׳ יהושיעלע קוטנער מיט אַ ברייטן גוטן־פורים. דער
פעטער יעקל האָט קודם־כל געמאַכט אַ קאַזשעליק אין מיטן דער שטוב
פאַר די אויגן פון ר׳ יהושיעלע קוטנער וואָס איז מאַיעסטעטיש געזעסן
אין זיין ברייטער לעדערנער פאַטער־שטול און געלערנט. דאַן איז גאָר
דער פעטער יעקל אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און פון דאָרט אַראָפּגע־
קרייט ווי אַ האָן. ס׳איז געווען דער איינציקער טאָג, פורים, ווען די
חסידישע באַהעמיע מיטן פעטער יעקל אין דער שפּיץ האָבן — לעגאַל —
באַהערשט די ערנסטע גאוניש־רבנישע שטוב פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.
נאָך פורים האָט זיך אַלץ אויסגעלאָשן ווי אַן אויסגעברענטער האָלץ־
פלאָקער און דער פעטער יעקל איז געבליבן שטיל און הכנעהדיק אין
דער ביטול־באַציאונג פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, און האָט געפּראַוועט
חסידישע סעודות ביי זיך אין דער היים אונטער דעם שוץ פון דער גוט־
מוטיקער מומע שרהל.

אַחוץ דעם איז דער פעטער יעקל געווען אַ מאָדנער טיפּ. קודם־
כל האָט ער תמיד געהאַט סודות. וואָסערע סודות האָט אַזאַ לעבנס־לאָ־
יוצלח און הוליאַקע ווי דער פעטער יעקל געקאָנט האָבן? אַ פּסיכאָלאָג
וואָלט עס לייכט געקאָנט דערקלערן: נעמלעך, אין דעם וואָס דער

פעטער יעקל האָט פון דער מינדסטער נאַרישקייט געמאַכט אַ סוד, דערין האָט געשטעקט אַ געוויסער — פּסיכישער — זיין זיך אַרויסצוהייבן פון דער אַטמאָספער פון מינדערוועטיקייטס־געפיל אין וועלכן אַלע האָבן דעם פעטער יעקל איינגעוויגט אַלס דעם קלאַסישן לאָ־יוצלח. אויף אַ „סוד" פלעגט, ווי געווינטלעך, דער פעטער יעקל אָוועקרופן אין אַן אָפּגעלעגענער שטוב אַריין. דער סוד איז געווען — אפשר האָט יענער אַ שטיקל אשר־יצר־פּאַפּיר, און נאָך אַזעלכע ענלעכע „סודות" אין וועלכע דער פעטער יעקל האָט אַקצענטירט די וויכטיקייט פון זיינע געברויכן. דערצו איז דער פעטער יעקל געווען אַ מענטש מיט אַ „גלייכן שכל". אַזוי ווי עס איז אָנגענומען געווען, אַז אין פּראַקטישע זאַכן פרעגט מען נישט קיין עצה ביי אַזאַ אומבאַהאָלפענעם הוליאַקישן בטלן ווי דער פעטער יעקל, האָט זיך דער פעטער יעקל אַליין געשטופּט מיט עצות, צי מען האָט יאָ געפרעגט ביי אים צי נישט. זיינע עצות זיינען אַרויסגעקומען מיטן אמתן לאָקירדע און פלעגן זיך שטענדיק קלעבן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. געוויס פלעגט קיינער אויפן פעטער יעקלס עצות נישט לייגן דעם מינדסטן אַכט, אָבער דער פעטער יעקל איז דערפון קנאַפּ נתפּעל געוואָרן, ער האָט געטאָן דאָס זייניקע און אַלעמאָל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ „קלוגער" עצה.

איבערהויפּט האָט דער פעטער יעקל געגלאַנצט מיט עצות ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ חתונה אין דער משפחה און די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַן אַנדערער שטאָט און מ׳האָט באַדאַרפט אַהין צו פאָרן מיט דער באַן. אויב פאָרן — האָט דער פעטער יעקל אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן פאָר־פּלענער. איז למשל אויסגעקומען אַז אין יענער שטאָט אַריין דאַרף מען נישט מער צו פאָרן ווי צוויי שעה און מיט אַ גוטער פאַרבינדונג, האָט דער פעטער יעקל אַזוי אויסקאָמבינירט מיט זיין „גלייכן־שכל" אַז מ׳זאָל פאָרן צוויי טעג מיט צוויי נעכט, אַרויספאָרן פון קוטנע דריי אַזייגער ביינאַכט, קומען אַהין אין יענער שטאָט אַריין אין עטלעכע טעג אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שלאָפן. דערין האָט געשטעקט אַ גאַנצע קאָמבינאַציע ווי אַזוי צו קענען עסן פינף אַזייגער פאַרטאָג פאָרן דאַווענען. אַז מען שמועסט אַ „גלייכער שכל"! פאַרשטייט זיך, ווי תמיד האָט קיינער נישט געלייגט

אויפן פעטער יעקל די מינדסטע אויפמערקזאמקייט, נאר דער פעטער יעקל האט געטאן דאס זייניקע.

די צווייטע טאכטער פון ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געווען די מומע שפרה־מירל, די אזוי גערופענע „קאלישער רביצן״.

אין קעגנזאץ צו דער עניוות און פשטות פון דער מומע שרהל האט זיך די מומע שפרה־מירל געבלאזן מיטן יחוס, און אויף א מינוט נישט פארגעסן, אז זי איז א טאכטער פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. חוץ דעם איז איר פאמיליע־לעבן געווען פונקט קאפויער ווי דאס פאמיליע־לעבן פון דער מומע שרהל. איר ערשטע חתונה איז געהאלטן געווען אין דער משפחה הינטער זיבן שלייערן. די סיבה איז געווען די פאלגנדיקע: איר פאטער ר׳ יהושיעלע קוטנער האט מיט איר א שידוך געטאן מיט א רייכן ייד פון ווארשע. דעם ווארשעווער יונגנמאן האט נישט געסמאקעוועט די גאונישע תורה־שטוב פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. עס האבן אים ווייניק גערעדט צום הארצן סיי די גמרות און די גאונישע פשטלעך, און סיי דאס יחוסדיקע ווייב. אין א שיינעם טאג איז דער יונגערמאן אוועק קיין בערלין, דוכט זיך מיט א שיקסע; ס׳איז געווען א גרויסע חרפה און א בושה און מ׳האט דעם יונגנמאן אויף געשווינד אפגעגט. דער יונגערמאן האט אויך נישט געמוזט זיין שטארק „צעפירט״ דערפון. די מומע שפרה־מירל איז געבליבן א זעכצן יאריקע גרושה. זי האט באלד חתונה געהאט מיט איינעם פון די בארימטסטע רבנים אין פוילן, מיט דעם קאלישער רב, ר׳ חיים אלעזר וואקס, דער מחבר פון ספר „נפש־חיה״. ער איז געווען א מאן שוין הויך אין די פערציקער, אן אלמן און א מטופל מיט קינדער. פון דאן אן האט זיך אנגעהויבן די גאלדענע צייט פאר דער מומע שפרה־מירל. אירע יחוס־קאמפלעקסן האבן געפונען דעם ריכטיקן באדן וואו זיך פונאנדערצושפילן. דער קאלישער רב האט זיך ליב געהאט משדך צו זיין מיט די גרעסטע גבירים אין פוילן, און די מומע שפרה־מירל האט זיך געטונקט אין סאמעט און אין יחוס. ווען איך האב זי געקענט איז זי שוין געהאט ארונטערגעקומען פון איר מלוכה, זי איז געווען אן אלמנה נאכן „נפש חיה״. שפעטער האט זי ר׳ יהושיעלע קוטנער חתונה געמאכט פאר אן אלטן ייד, ר׳ שמעון צילילך, א לאדזשער גביר און אן אויסטערלישע פערזאן פון וועלכער עס וועט מיר נאך אויס־

קומען אַ סך צו דערציילן. די מומע שפרה־מירל איז פאַרבליבן נאָכן קאַלישער רב מיט צוויי טעכטער און מ׳האָט זי כּסדר גערופן מיטן אַלטן טיטל — „די קאַלישער רביצן״. זי האָט געהאַט אַ היפּש בייכל, אַ גראָבע רויטלעכע נאָז און כּסדר נישט פאַרגעסן ווער זי איז, פון וואַנען זי שטאַמט, און פון איר מלוכה ביים „נפש חיה״.

מיין זיידע, ד״ה דעם פאָטערס פאָטער, איז געווען אַ בן־יחיד ביי ר׳ יהושיעלע קוטנער.

דער זיידע איז געווען אַ הויכער וואונדערלעך שיינער ייד, מיט אַ מאַיעסטעטישן אויסזען פון אַ סלאַווישן קניאַז. די רבנישע זיידענע מלבושים, דער שטריימל און דער קאַלפּאַק האָבן אים גאַרנישט צוגעגעבן קיין „יידישקייט״, פאַרקערט זיי האָבן אים נאָך צוגעגעבן די מאַיעסטעטישע סלאַווישקייט, וואָס מ׳זעט אויף די געמעלן פון מאַטעיקאַ און ריעפּין. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין זיין געשטאַלט איז מיין פאָטערס פאָטער געגליכן צו די מאַגנאַטישע זיידעס פון דער באָבע פריווע.

זיין כאַראַקטער, וועלכן עס וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו שילדערן, איז געווען זייער אַ מאָדנער און זייער אַ קאָמפּליצירטער. דערצו האָט צוגעשפּילט, וואָס עטלעכע יאָר פון זיין יוגנט, שוין נאָך זיין חתונה, האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ שווערע גייסטיקע קראַנקייט. די יאָרן פון זיידנס „גייסטיקער נאַכט״ האָט מען ביי אונדז אין דער משפּחה געהאַלטן בסוד. מ׳האָט זיך נאָר געשושקעט פון די גרויסע נסים וואָס זיינען מיט אים געשען און ווי אַזוי ער איז געזונט געוואָרן. דעם זיידנס „גייסטיקע נאַכט״ האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ שווערע פּסיכישע קראַנקייט מיט זייער ערנסטע קאָמפּליקאַציעס. יעדנפאַלס איז ער אין זיין שפּעטערן לעבן געווען אַ געזונטער מענטש און לעבנס־פעאיק. ער איז געווען רב אין שטעטל וויסקיט און נאָך ר׳ יהושיעלעס טויט האָט ער איבערגענומען דאָס קוטנער כּסא־רבנות. דער זיידע איז געזעסן אַ סך און געלערנט, געטרונקען אַ סך וויין אויף שמחות און אויף חסידישע סעודות. נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדערער רבין, דעם אַזוי גערופענעם „ישמח ישראל״, איז דער זיידע געווען פון די ערשטע קאַנדידאַטן צו ווערן רבי. ער האָט נישט געוואָלט.

יעדנפאַלס, ווי מיר וועט אויסקומען אין די ווייטערע בענדער צו שילדערן זיין כאַראַקטער, אַזוי ווי איך האָב אים פערזענלעך געקענט, זיינען אַ סך פון זיינע האַרטנעקיגע עקשנותן געווען איבערבלייבענישן פון יענער „גייסטיקער נאַכט".

# קאַפּיטל דריי

**די באָבע לאה. וואורקער חסידות. חסידישע נסיעות קיין וואורקע. דער „יונגער וואורקער“. ר׳ ישעיהלע פּראַגער. די באָבע לאהס חתונה אין פּראַגע. דער זיידע ר׳ משהל ווערט קראַנק. די באָבע לאה אין בוידעם־שטיבל לעבן דער קוטנער ווייבער־שול. זי לייענט יידישע מעשה־ביכלעך. קינדער־נחת.**

די באָבע לאה, דעם זיידנס ווייב, ד״ה ר׳ יהושיעלע קוטנערס שנור קומט אַרויס פון אַ גרויסן רבישן יחוס. איר מוטערס פֿאָטער איז געווען דער באַקאַנטער ר׳ יצחק וואורקער, און דעם פֿאָטערס פֿאָטער איז געווען ר׳ ישעיהלע פּראַגער.

ר׳ יצחק וואורקער איז געווען איינער פון די אַפּאָסטאָלן פון פּוילישן חסידות. דער אַנטיפּאָד פון קאָצקער. דער קאָצקער האָט דאָס גאַנצע חסידות געשטעלט אויף דער יחידישער און אינדיווידועלער פּערזענלעכ־קייט. ביים קאָצקער איז די גאַנצע וועלט געווען נישט מער ווי אַ שטיק חומר. די מענטשהייט איז אַ טייל חומר פון דעם וועלט־חומר. נאָר אַן איינ־ציקע יחידישע פּערזענלעכקייט קאָן זיך — נאָך גרויסע אינערלעכע קאַמפן — באַפרייען פון דער וועלט־חומרדיקייט, זיך דערלייזן און אויפ־הייבן. דעם קאָצקערס אידעאַל איז געווען נישט מער ווי „צען ידן וואָס זאָלן שטיין אויף אַלע דעכער און שרייען ה׳ מלך״. די וועלט קאָן נאָר דערלייזט ווערן אין אַן איינציקן מענטש. די וועלט און די מענטשהייט אַלס אַזעלכע, קאָנען קיינמאָל נישט אַרויסגיין פון דעם קרייז פון דער חומרדיקייט. זיי מוזן אייביק אין איר פאַרבלייבן. אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע קאָן מען דעם קאָצקערס דרך פאַרגלייכן מיט די אידייען פון ניטשע און שאָפּענהאָוער. זיי האָבן אויך געזען די וועלט בלויז אַלס דערשיינונג פון אַ טעמפּן נידעריקן ווילן און נאָר דער געניע צי דער „איבערמענטש״ קאָן זיך אויף אַ וואונדערלעכן און מיזאַמען אופן דער־הייבן איבער דעם פינצטערן און היהשן שיקזאַל פון דער וועלט. ס׳איז דער וועג צום ענדגילטיקן מיזאַנטראָפּישן פּעסימיזם.

דעם וואורקערס דרך איז געווען פונקט אַ קאַפּויערדיקער און פון אַ פולשטענדיקן אָפּטימיסטישן שטאַנדפּונקט, געמלעך: אַז די אור־קוואַלן

פון דער וועלט זיינען אַ גרויסע ליבע, ד״ה אַ גרויס געמיינזאַמקייטס־געפיל. דאָס נידעריקע און שלעכטע איז נאָר אַ פאַרבלאָנדזשעניש אַרויס פון דער שלמותדיקער וועלט־האַרמאָניע. איטלעכער מענטש איז אין מהות זיינעם אַ געטלעכע סובסטאַנץ, און אויב דער מענטש וויל נאָר קאָן ער לייכט צוריקקומען צו זיין וועלט־מקור. דעם וואורקערס ליב־שאַפט צו אַלע מענטשן איז נאָך היינט שפּריכווערטלעך ביי די פּוילישע חסידים. אַ ליבשאַפט, וואָס איז באַהויכט געוועזן מיט וועלט־חכמה און וועלט־דערקענטעניש. דער קאָצקער האָט געזאָגט: דער וואורקער „קריכט אַרום מיט די שטיוול אין הימל״, ד״ה, אַז ער, ר׳ יצחק וואורקער, זעט דאָרט, אין די דערהויבנקייטן פון לעבן, אַן אָרט פאַר אַלע מענטשן.

די באָבע לאה איז געווען ר׳ יצחק וואורקערס אַן אייניקל, אַ טאָכ־טער פון זיין טאָכטער. דעם וואורקערס טאָכטער, די באָבע בלימעלע, איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע פרוי און אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. איך האָב זי נאָך גוט געקענט. אין די ווייטערע בענדער וועט מיר אויס־קומען אַ סך פון איר צו דערציילן.

די באָבע בלימעלעס ערשטער מאַן איז געווען דער זון פון ר׳ ישעיהלע פּראַגער. ר׳ ישעיהלע איז געווען איינער פון די גרויסע פּוילישע גוטע־יידן און דער מחבר פון ספר „הרי בשמים״. ר׳ אברהמעלע, ר׳ ישעיהלע פּראַגערס זון איז געווען ביאַלאָבזשיקער רב. ער איז יונגערהייט גע־שטאָרבן אין וואורקע ביי ר׳ יצחק וואורקערס זון ר׳ מענדל, דער א״ג „יונ־גער רבי״. אַזוי האָבן אים חסידים גערופן אין קעגנזאַץ צו זיין פאָטער — ר׳ יצחקן, וועלכן מ׳האָט גערופן „דער אַלטער רבי״.

נאָכן טויט פון איר פאָטער ר׳ אברהמעלע איז די באָבע לאה פאַר־בליבן ביי איר זיידן ר׳ ישעיהלע פּראַגער. איר מוטער, די באָבע בלי־מעלע, האָט באַלד חתונה געהאַט פאַר ר׳ זלמן שעפּסער, אַ באַקאַנטער רב און פון די אָנגעזעענע וואורקער חסידים. די באָבע לאה מיט נאָך אַן עלטערער שוועסטער אירע, די מומע ראַכטשע, זיינען דערצויגן גע־וואָרן ביי ר׳ ישעיהלע פּראַגער.

זייער יונג איז די באָבע לאה אַ כלה געוואָרן פאַרן זיידן ר׳ משה פּנחס, ר׳ יהושיעלע קוטנערס בן־יחיד.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין פּראָגע ביי ר׳ ישעיהלען. נאָך אַ סך צענדליקער יאָרן שפּעטער האָבן אַלטע יידן אין וואַרשע דערציילט

פון דער דאַזיקער חתונה. ר׳ ישעיהלע איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ ייד ביי די ניינציקער. פון גרויס עלטער־חולשות איז ער כסדר געלעגן צו בעט, און פון בעט געפּראַוועט „רבישקייט״ מיט חסידים. ר׳ ישעיהלע זאָל האָבן געהאַט אַ סך הומאָר, און דער הומאָר האָט אים נישט פאַר־לאָזט אויך אין בעט, וואו ער איז געלעגן אַ שוואַכער גאָר אַ גייסטרייכער זקן. אויף דער חתונה זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע גרויסע גוטע־יידן און די באַרימטסטע רבנים פון פוילן. אַ שפּילעכל! ר׳ יהושיעלע קוטנער מאַכט חתונה מיט ר׳ ישעיהלע פּראַגער!

די חתונה איז געווען געגליכן צו די גרויסע רבישע שמחות וואָס זיינען פאַרבליבן אין זכרון פון די פּוילישע חסידים. לעבן חתן אויבן־אָן איז געזעסן ר׳ יהושיעלע קוטנער. די מחותנים פון כלהס צד זיינען געווען ר׳ ישעיהלע פּראַגער, וואָס איז קוים אײַנגעזעסן ביים טיש מחמת זקנה, און די פעטערס פון דער כלה, די צוויי זין פון ר׳ יצחק וואָרקער, ר׳ דודל אַמשינאָווער און ר׳ מענדל דער „יונגער וואָרקער״.

ווי חסידים דערציילן האָט דער „יונגער וואָרקער״ געהאַט אַ הדרת־פּנים פון אַ מלכות. אַ הויכער, אַ ברייטביייניקער, מיט אַ שוואַרצער מאַיעס־טעטישער באָרד. אין דער ווייסער ציידענער זשיפּיצע מיט די זילבערנע האַקעס האָט ער אַרויסגעשיינט פון עולם יידן ווי אַ געשטאַלט פון אַ העכערער וועלט. די חסידים וואָס זיינען געפאָרן צו אים — אַ סך פון זיי האָב איך פּערזענלעך געקענט אין מיין יוגנט — האָבן נאָך צענדלי־קער יאָרן נאָך זיין טויט נישט אויפגעהערט פון אים צו רעדן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער און רירנדיקער ליבשאַפט. די אויגן פלעגן זיך ביי זיי אָנצינדן ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן פונעם „יונגן רבין״.

דער „יונגער וואָרקער״ איז געווען אַ גרויסער שווייגער, האָט זעלטן גערעדט, נאָר יעדעס וואָרט וואָס איז געקומען פון זיין מויל האָט ווירק־לעך דערציילט פון אַ גרויסער אינערלעכער גייסטיקייט. ער האָט גע־רעדט מיט אַפאָריזמען, און פּונקט ווי דער קאָצקער האָט ער זיך ווייניק באַנוצט מיט לשון־קודשדיקע ווערטער. זיין ליבע צו גאָט איז אַדורכ־גענומען געווען מיט טיפער התלהבות און זיין שווייגנדיקע ליבע צו מענטשן איז געקומען פון דעם זעלביקן התלהבותדיקן צושטאַנד. די וואָרקער חסידים האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן ממש קערפּערלעך געפילט עפּעס אַן אומבאַשרייבלעכע ליבשאַפט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון

דעם „יונגן וואורקער". יעדער איינער וואָס האָט זיך נאָר דערנעענטערט צום קרייז פון דער דאָזיקער ליבשאַפט האָט זיך געפילט אינערלעך דערהויבן.

פון די נסיעות צום „יונגן וואורקער" פלעגן חסידים דערציילן ווי פון דעם פריילעכן עולה־רגל־זיין צום פאַרצייטיקן ירושלים. ווען די בוידן מיט פאַרנדיקע חסידים האָבן זיך דערנעענטערט צו די פעלדער פון וואורקע האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ חסידישע התלהבות און מען פלעגט פאַרגיין אין עקסטאַטישע טענץ. מ׳האָט געטאַנצט אין די בוידן, אין די קרעטשמעס, און אויף די פעלדער. אין דער ערשטער קרעטשמע פאַר וואורקע, אין דאָרף קינער, פלעגן זיך גאָר אָפּטאָן חסידישע התלהבותן. מ׳האָט פונאַנדערגעעפנט פעסלעך בראַנפן, מ׳האָט זיך געפילט אין איין דבקותדיקער חסידישער צוזאַמענקייט. און מ׳האָט געטאַנצט. דער „יונגער וואורקער" אַליין פלעגט זייער אָפט אַקעגנפאָרן די חסידים ביז צו דער קרעטשמע פון קינער. אַזוי שטאַרק איז געווען זיין ליבשאַפט און זיין אינערלעכע בענקעניש צו די יידן וואָס האָבן צו אים געצויגן אויף די וועגן קיין וואורקע. הגם עס איז גאַרנישט דער דרך פון אַ גוטן־יידן אַקעגנצופאָרן זיינע חסידים, די בענקשאַפט אָבער פון וואורקער איז געווען אויסטערליש גרויס און האָט תמיד געצויגן צו דער בענקשאַפט פון אַנדערע מענטשן ווי קוואַלן צו קוואַלן. בכלל האָט מען דעם וואורקערס דרך אין חסידות געקאַנט באַצייכענען אַלס אַ צושטאַנד פון אַן אייביקער דינאַמישער ליבשאַפט און דינאַמישער זעלישער אומגעשטילטער בענקשאַפט.

אויף דער חתונה אין פראָגע איז דער „יונגער וואורקער" געזעסן אויבן־אָן צווישן די גרויסע רבנים און גוטע־יידן. ווי חסידים דערציילן האָט ער אַרויסגעשיינט ווי אַ הימלישע געשטאַלט אין זיין מלכותדיקער שיינקייט, אין דער ווייסער זיידענער זשיפּיצע און מיט דער שוואַרצער מאַיעסטעטישער באָרד. ער איז געזעסן לעבן גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער און האָט וואונדערלעך געשוויגן. בעת ר׳ יהושיעלע איז געשוואומען אין ים־התלמוד און די גרעסטע רבנים פאַרבליפט מיט זיינע לומדישע גאונישקייטן. פלוצעם האָט זיך דער „יונגער וואורקער" אָנגערופן צו ר׳ יהושיעלע קוטנער:

— קוטנער רב, וואָס איז טייטש „אחד"?

ר׳ יהושיעלע קוטנער איז אַליין אין זיין יוגנט געווען אין קאָצק. פאַרגעטערט דעם הייליקן גאַסטיניגער און געהאַט גרויס סימפּאַטיע פאַר חסידות, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער וואורקער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז אין אַ פּשוט ווארט וואָס יעדער ייד פאַרשטייט און עס ליגט ביי יעדן ייד אויף די ליפּן שטעקן אַ סך מער געטלעכע טיפעניישן ווי אין די בנינים פון גאונישער לומדות. ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט מיט גרויס פאַרשטענדעניש פאַרן וואורקערס מיין געענטפערט דעם „יונגן וואורקער״:

— וואָס מיינט איר, איז דער טײַטש אחד, וואורקער רבי?

דער יונגער וואורקער האָט געענטפערט:

— אחד איז דער טייטש איין און איינציק. דערמיט האָט ער געוואָלט אויסדריקן דאָס גרויסע פאַנטעאיסטישע געפיל, וואָס האָט תמיד געגליט אין זיין אינערלעכקייט, און וואָס איז געווען דער מקור פון זיין ליבשאַפט־געפיל.

אָט אַ די אַלע מעשיות און ווערטער האָבן וואַרשעווער אַלטע חסידים אַרומדערציילט צענדליקער יאָרן נאָך דער באָבע לאהס חתונה.

אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה, האָט די באָבע לאה געגעסן קעסט ביי ר׳ ישעיהלע פּראַגער. דאָן איז זי אַריבערגעפאָרן מיטן מאַן נאָך קוטנע צום שווער, ר׳ יהושיעלע.

דאָס פּאָרפאָלק זיינען נאָך ממש געווען קינדער, און די באָבע לאה האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט זיך מיטן זיידן משהל, מיטן מאַן הייסט עס, געשפּילט אין זאַמד אויפן הויף פון ר׳ יהושיעלעס הויז אין קוטנע. דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך געשפּילט צוזאַמען מיט אַלע חדר־יינגלעך. דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער שטרענגער און פאַנטאַזיעלאָזער באָבע פריווע, און זי האָט זי ביין געמוסרט.

כמעט אין זעכצנטן יאָר פון איר לעבן איז די באָבע לאה פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט מיין פאָטער.

די באָבע לאה פלעגט מיר אָפט דערציילן פון יענע צייטן. זי האָט געוואוינט אין אַ קליין בוידעם־שטיבל נעבן דער קוטנער ווייבער־שול. איר איז געווען זייער אומעטיק. דאָס חסידישע וואורקער אייניקל, די באָבע לאה, אויפגעצויגן אין פראָסטער אהבת־ישראל און צווישן פריי־לעכע חסידישע הוליאַקעס, האָט זיך שלעכט געפילט אין דער ערנסטער

רבניש־גאונישער שטוב פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. דאָ האָט זיך זעלטן ווער אויסגעשמייכלט. דער איינציקער הוליאַקע אין דער משפחה, דער פעטער יעקל, איז ווייניק אַריינגעקומען צו זיין שווער. ר׳ יהושיעלע האָט אים נישט געליטן. נאָר פורים און שמחת־תורה האָט דער פעטער יעקל געפילט, אַז זיין פריילעכקייט שטייט נישט אָפּ אין חשיבות פון ר׳ יהושיעלעס גאונות. פורים און שמחת־תורה האָלט זיך אַפילו דער רבונו של עולם אַ ביסל ווייטער פון דער טרוקענער גמרא און ער וויל בעסער זיין צוזאַמען מיט די חסידישע הוליאַקעס. דער פעטער יעקל פלעגט טאַקע אַריינפאַלן אין דער שטויביקער ספרים־שטוב פון זיין שווער דעם גאון, מיט אַ כאַליאַסטרע בגילופנדיקע חסידים און מיט אַ ווילדן און ברייטן גוט־יום־טוב. דער פעטער יעקל איז געווען אַ וואורקער חסיד, און נאָר ער אַליין פלעגט דער באָבע לאה דערמאָנען אין אירע פאַרשוואונדענע קינדער־יאָרן. די צדיקת, די מומע שרהל, איז געבעך גאַנצע טעג געווען פאַרנומען מיט שווערער דאגת־פרנסה. די שטאָלצע קאַלישער רביצן האָט געקיניגט אין איר מלכות ביים קאַלישער רב. זי איז זעלטן געקומען קיין קוטנע, און אַפילו ווען זי איז געקומען, האָט זי עפּעס געזען אין דעם עניוותדיקן רבישן יחוס פון דער באָבע לאה אַ קאָנקורירנדיקע מאַכט צו דעם ברייטן רבנישן יחוס פון ר׳ יהושיעלען און פון קאַלישער רב. די קאַלישער רביצן האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אַ יחוס וואָס שטאַמט נישט פון גרויסער געלערנטשאַפט און פון טיפע רבנישע לעדערנע שטולן. אויך מיר אַ יחוס וואָס שטאַמט פון מענטשן, וואָס אַפילו פּראָסטע אַרענדאַרן פאַרשטייען זייערע ווערטער און מ׳דאַרף צו זיי גאַרנישט האָבן קיין באַזונדערס געשליפענע קעפּ. די באָבע פּריווע איז געווען אַן ערנסטע הומאָרלאָזע שוויגער, שטענדיק פאַרטון אין קיך, אָדער אין קהלישע צדקה־זאַכן, און דער שווער, ר׳ יהושיעלע, דער גאון פון דער וועלט, די באַרימטקייט, איז מאַיעסטעטיש געשוואומען אין ים־התלמוד. און די באָבע לאה האָט צו אים אַרויפּ־געקוקט ווי אויף עפּעס אַ גרויסער אומפאַרשטענדלעכער זאַך, מיט וועלכער אַ יידענע האָט נישט קיין שום שייכות. דער זיידע משהל, די באָבע לאהס יונגער מאַן, איז אַוועקגעגאַנגען אויף גאַנצע נעכט אין וואורקער שטיבל אַריין, וואו ער האָט געהוליעט מיט חסידים און געכאַפּט דאָרט אַ קערטל. וואָרעם שפּילן אַ קערטל האָט אויך געהערט צו די חסידישע

סעטיקייטן פון וואורקער חסידים. און ס'האָט געהייסן, אַז דאָס קערטל דערנעענטערט צווישן זיך די הערצער פון די חסידים און פאַרגרעסערט דעם פלאַם פון צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט. אַזוי איז די באָבע לאה, כמעט נאָך אַ קינד, און שוין אַ פאַרגאַנגענע אין טראָגן, גאַנצע נעכט געזעסן אַליין אין איר בוידעם־שטיבל, נעבן דער אַלטער ווייבער־שול. זי האָט זיך געשראָקן, וואָרעם זי האָט געוואוסט, אַז צוועלף ביי נאַכט זאַמלען זיך אין דער דערנעבנדיקער ווייבער־שול טויטע ווייבער צו דאַווענען און צו זאָגן תחינות.

די באָבע לאה פלעגט זיך מורא האָבן אויסצוטון און אָוועקלייגן שלאָפן. ביי אַ קליין גראַשנדיק ליכטל איז זי געזעסן און געוואַרט, אַז איר יונגער מאַן זאָל ענדלעך אַהיימקומען פון שטיבל. דערווייל, אין דער נאַכט־שטילקייט ביים קאַרגן שײַן פון גראַשן־ליכטל, האָט זי זיך אָנגעהויבן אויסלערנען צו לייענען יידישע מעשה־ביכלעך. די יידישע מעשה־ביכלעך פון די ערשטע משכילים. די דאָזיקע מעשה־ביכלעך האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף דער באָבע לאה, אַנטוויקלט איר קוק אויפן לעבן און זי געשטימט קריטיש צו אַ סך אָנגענומענע זאַכן. די משכילישע יידישע מעשה־ביכלעך האָבן אויך באַשטימט דעם גייסטיקן גורל פון די קינדער, וואָס זיינען איר, דער באָבע לאה, שפּע־טער געבוירן געוואָרן.

# קאַפּיטל פיר

מיין פֿאָטער דער עילוי. נחת. מיין פֿאָטער שרייבט שירים. דער כּתבֿ־יד פֿון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

אין אָט די שטימונגען, כמעט נאָך אַ קינד, האָט די באָבע לאה געבוירן מיין פּאָטער. די באָבע לאה פלעגט מיר אָפט דערציילן: דאָס דאָזיקע קינד איז געווען איר איינציקע טרייסט אין די לאַנגע נעכט ווען זי איז געזעסן איינע אַליין אין בוידעם־שטיבל נעבן דער וויבער־שול און גע־וואַרט אויפן זיידן וואָס האָט געהוליעט אין חסידים־שטיבל. דאָ האָט זי געלייענט די יידישע מעשה־ביכלעך וועלכע האָבן אויף איר יונג און פאַר־בענקט מיידלש האַרץ געווירקט ווי טוי אויף אַ טרוקעניש. אָדער זי האָט געקוקט אויף דעם קליינעם לעבעדיקן נפשל אין דער וויג וואָס איז עפּעס ווי אַ גרויס וואונדער אַרויס פון איר שויס. דאָס קינד אין דער וויג איז געווען ווי דאָס לעבעדיקע און פאַרקערפּערטע געשטאַלט פון אירע מיידלשע בענקשאַפטן און האָפענונגען אין דער טרוקענער און כמורנער שטוב פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. אַ שטוב וואו די גאַנצע אַטמאָס־פערע איז געווען אָנגעפילט מיט די גרויסע גאונישע אומפאַרשטענ־דענישן, טיפע אומפאַרשטענדענישן פון דער תורה וואָס זענען נישט צוגעגלעך פאַר וויבער און פאַר פשוטע מענטשן. פּונקט פאַרקערט ווי אין רבישן וואורקע.

ביים זיידן האָבן זיך שוין דאַמאָלס געמוזט אַרויסווייזן די סימנים פון דער שפּעטערער „גייסטיקער נאַכט". די אומהיימלעכע, פינצטערע און עקשנותדיקע אַטמאָספערע וואָס נעמט אַרום די טונקעלע און גע־היימנישפול־אָפגעשלאָסענע וועלט פון דער „גייסטיקער נאַכט" האָט געמוזט באַזונדערס אָפּשרעקן דאָס נאַאיווע, און אין איר נאַטור פריילעכע און טרוימערישע מיידל. וואורקע איז געווען דער קוואַל פון פרייד און ליבשאַפט. די וואונדערלעכע גייסטיקע אָפנקייט פון געמיט. וואורקע איז געווען דער קעגנזאַץ צו דער וועלט וואו די באָבע לאה האָט איצט

געוואוינט און וואו זי האָט פאַרברענגט די מוראַדיקע און איינזאַמע נעכט בשכנות פון טויטע ווייבער. טויטע ווייבער וואָס זענען חצות־צייט אַנ־געקומען פון בית־הקברות און געזאָגט יאָמערלעכע תחינות אין דער פוסטער ווייבער־שול.

דאָס קינד אין וויגל האָט פאַמעלעך אַנגעהויבן אויסצואוואַקסן. שוין גאָר קינדוויז האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אויסערגעוויינט־לעכע פעיקייטן. די באָבע לאה איז געווען גליקלעך. פאַמעלעך האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז אין אָט אַ דעם וואונדער־קינד וואַקסט אַ צוויטער ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ יהושיעלע קוטנער אַליין האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט די פעיקייטן פון דעם קליינעם אייניקל, און שוין גאָר קינדוויז אים גענומען אונטער זיין השגחה. דאָס האָט דעם אַלטן תלמודישן גאון דערנעענטערט צו דער באָבע לאה.

***

עס וועט מיך אַראָפּפירן פון דער טעמע ווען איך וועל דערציילן פון מיין פאָטערס קינדער־יאָרן אַזוי ווי זיי זענען מיר איבערגעגעבן געוואָרן. ס׳זענען געווען די קינדער־יאָרן פון אַ ידישן עילוי אין אַ רבנישער שטוב. מיין פאָטער האָט אויך קינדוויז אָנגעהויבן צו שרייבן העבראַאישע שירים לויט דעם מוסטער פון די אַלטע משכילים. און ר׳ יהושיעלע קוט־נער, הגם ער האָט קנאַפּ געהאַלטן פון שירים, איז פונדעסטוועגן געווען אַזוי איינגעליבט אין דעם עילוישן אייניקל אַז ער האָט די דאָזיקע שירים געוויזן זיין אידעם, דער מומע שפרה־מירלס מאַן, דעם באַרימטן קאַלי־שער רב, דעם מחבר פון „נפש־חיה״. דער „נפש־חיה״ האָט געשמט פאַר אַ וועלטלעכן רב און געהאַט מחותנים צווישן די גרעסטע יידישע גבירים אין פוילן. די דאָזיקע ברייטע און גילדערנע מחותנשאַפט האָט געהיטן אַ טריט אין דער גרויסער וועלט אַריין, און האָט געשמעקט מיט גבירישע סאַליעס, אויסלענדישע וואַרעם־בעדער, זיידענע פּריצישע קליי־דער, טייער פאָרצעלאַן און גלאָז, גאָלד און זילבער און אידעלע ברי־סעלער שפּיצן. עס איז געווען די גרויסע וועלט אין קעגנזאַץ צו דער אַלטפרענקישער און רבנישער שטוב פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. דאָ האָט די קאַרגע באָבע פריווע געגעבן דעם טאָן פון דער באַלעבאַטישקייט. דער קאַלישער רב האָט אויך זייער ליב געהאַט דאָס אידעלע און עילוישע

יינגל. דער קאַלישער רב אַליין איז געווען אַ גרויסער מליץ און בעל־לשון־קודש און געהאַט אַ קליין דריבנע פּערל־כּתב, פּונקט אין היפּך צום קוטנער גאון וואָס האָט געהאַט אין זיין שרייבן אַ ווילדן רבנישן סטיל און מיט זיין כּתב. וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון גרויסע קאַטשערעס און לאַפּעטעס, האָט ער זיינע חידושי־תורה ווילקירלעך אַרומגעשריבן איבער אַלע גליונות פון די ספרים אין זיינע ספרים־אַלמערס. מ׳האָט געמוזט אויסגעפינען קונציקע איבערשרייבערס צווישן די לומדישע בחורים אין בית־המדרש וועלכע זאָלן זיך קאָנען פונאַנדערפּלאָנטערן אין די דאָזיקע הערגליפישע געשריפטסן. דער קאַלישער רב האָט פאַרן קוטנער גאון שטאַרק גערימט מיין פאָטערס שירים, אָבער איך בין זיכער אַז פון מיין פאָטערס פּשטלעך איז ר׳ יהושיעלע קוטנער אַ סך מער געווען צופרידן. אַ שאַרפע קשיא האָט ביי ר׳ יהושיעלען מער אויסגענומען ווי אַט די אַלע חנען פון דער העברעאישער מוזע.

אַזוי איז מיין פאָטער אונטערגעוואַקסן, זיך אַנטוויקלט און באַקומען מיט זיין עילוישקייט אַ שם איבער פוילן. ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט גישט אויפגעהערט אים צו רימען און צו שעצן זיינע פעיקייטן. דאָס אָרעמע מוטער־האָרץ פון דער טרוימערישער און אינטעליגענטער באָבע לאה האָט געוואַקסן פון נחת. דער זיידע ר׳ משהל איז ענדגילטיק געוואָרן שווער גייסטיק־קראַנק. די באָבע לאה האָט אָנגעהויבן צו באַקומען נאָך קינדער. איר איינזאַמקייט איז געוואָרן טיפער, איר בענקשאַפט גרעסער און ווייטער. זי האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין איר בוידעם־שטיבל נעבן דער ווייבער־שול און געהאַט לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט אין וועלכע זי פלעגט וויגן אירע קינדער, לייענען יידישע משכילישע מעשה־ביכלעך, און קוקן ווי איר עלטסטער זון דער עילוי וואַקסט אויס, באַקומט חן און לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן, ווערט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג פון ר׳ יהושיעלע קוטנער, און דערגרייכט פאַמעלעכל די עלטער פון אַ חתן־בחור.

אין דער איינזאַמקייט פון דער באָבע לאהס לעבן האָט ענדלעך אָנגעהויבן אַריינצושייגען די זון פון קינדער־נחת.

# קאַפּיטל פינף

מיט דער הילף פון סגולות און גוטע־יידן וואַקסט אויס מיין מוטער צו אַ כלה־מיידל. סימכע גייגט דער יידישער פויער. סימכע גייגט מיט אַ גלח אין אַ וואַלד־שטורעם. שׂרה־בינע. דער פעטער אברהמקע און די מומע רויזע. דער פעטער אברהמקע וואוינט אין אַ חורבה. די מומע רויזע קוואַלגערט דאָס יום־כפור־ליכט. ס'שמעקט מיט יום־הדין. דער פעטער מרדכי־בער מיט די זעקס פינגער. די מומע גענענדל. זייער גרויסע סטאַדע קינדער. דעם פעטער מרדכי־בערס שענק אין אָסמאַלין. לוויוויטשער ערד. לוויוויטשער פויערים און פויערטעס. זונטיק אויף די פעלדער. אָסמאַלינער יאַר־מאַרק. דער פעטער מרדכי־בער טאַנצט מיט די פויערים. תשעה־באָב אין אָסמאַלינער „מנין". חורבן ירושלים. מע מאַכט אַ גבאי. דער פעטער לייזער־יוסף און די מומע טויבע. דער פעטער לייזער־יוסף דערציילט פון דער טערקישער מלחמה און פון די שלאַכטן אַרום פלעווגע. דער פעטער לייזער־יוסף אונטערן פאַנטאָפל פון דער מומע טויבע. דער פעטער לייזער־יוסף באַהאַלט זיך צווישן די הינער.

אונטער דער ציטערדיקער האַנט פון דער באָבע חיה און מיט דער הילף פון הייליקע אַפּשפּרעכענישן, סגולות און די פרומע ברכות פון גוטע־יידן ביי וועלכע די באָבע חיה האָט נישט אויפגעהערט אָפּצוקלאַפּן די טירן, איבערהויפּט ביים אַלטן ראַדזימינער און ביים הייליקן צדיק פון גאָסטינין, איז אינצווישן אויסגעוואַקסן דאָס בת־יחידקעלע, דאָס פון טויט אויסגעבעטענע טעכטערל, מיין שפּעטערדיקע מוטער.

דער זיידע ברוך גזשיוואַטש, דער פּריץ פון אָסמולסק, האָט דערווייל נאָך אַלץ געוואוינט אין דעם נעבעכדיקן שטעטל אָסמאַלין. ער האָט געוואוינט אין אַן איינגעדונגענער שטוב ביי דעם יידישן פויער סימכע גייגע. ווען איך האָב געקאַנט סימכע גייגען איז ער שוין געווען אַ ייד אַ גביר, געהאַט אַ הויז אין לאָדזש און גלייכצייטיק געווען אַ וואַלד־שרייבער ביים זיידן אינעם גוט לאַגעווניקי. דער זיידע פלעגט אים אַמאָל מיטנעמען אויף אַ יום־טוב צום רבין נאָך סטריקעוו. סימכע גייגע האָט נעבעך געמוזט אָנטאָן אַ זיידענע זשיפּיצע און אַ שטריימל, מלבושים אין וועלכע ער האָט אויסגעקוקט ווי סימכע פלאַכטע אַלס גוטער־ייד. אָבער אויך אין די שפּעטערע „אויסגעמענטשלטע" צייטן איז סימכע גייגע פאַרבליבן אַ רויער און פּרימיטיווער דאָרפס־ייד. ער איז געווען אַ געפּאַקט פעסט יידל מיט אַ גראָבלעך זאַט קול און אַ האַרט גרוילעך בערדל וואָס איז אים פויעריש געוואַקסן אויף דער ברייטער גאָמבע און אויפן דיקן און רויטן האַלדז. ער האָט געהאַט אַ גוישע אויפגע־שאַרצטע נאָז און ברענענדיקע רויטלעכע אויגן. זיינע הענט זענען געווען אויסגעאַרבעטע, האַריקע, און מיט ערד אונטער די נעגל. ווי איך געדענק אים פון לאַגעווניקי איז סימכע גייגע אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מעשה פויער, אין שפּאַנצער און הויזן. ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי צור־

זאַמען מיט די גויים און מיט די הינער. ווען ער איז נישט געווען אין וואַלד אָדער אין טאַרטאַק ביי דער אַרבעט האָט ער זיך געשמאַק אַרומ־געדרייט צווישן די קי, צווישן די ציגן און די הינער. פון אים האָט געשמעקט מיט שטאַל־מיסט. סימכע גייגע האָט זיך כסדר געחברט מיט די פּויערים און געשאַלטן זיך מיט זיי אויף זייער לשון. ער האָט גערעדט אַ טיפן פּויערישן דיאַלעקט און געפילט זיך היימישער מיט די פּויערים ווי מיטן סטריקעווער רבין. סימכע גייגע האָט שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט זיך אַ רעוואָלווער און זיין ווילד פאַרגעניגן איז געווען אויסצושיסן צווישן די ביימער. דער עכאָ אין וואַלד פון דעם רעוואָלווער־קנאַל, דאָס קוקען פון דער קוקאַווקע, דאָס מעקען פון קי, דאָס שרייען פון געגנדז און הינער, דאָס אומהיימלעכע רוישן פון די אַלטע און פינצטערע דעמבאַווע וועלדער אין לאַגעווניקי, דער ווינט און דער רעגן האָבן היי־מישער און ליבלעכער אָפּגעקלונגען אין סימכע גייגעס רויען און פּרימי־טיוון געמיט ווי די אידעלע און קרענקלעכע קרעכצעניש ביי די גוטע־יידן צו וועלכע דער זיידע ברוך פלעגט אים אַ מאָל מיטנעמען. ווי די פּוי־ערים האָט סימכע גייגע געהאַט אַ פאַראַכטונג צו די בלייכע אויסגע־אידלטע שטאָט־יידן, און כאָטש אַ פרומער אַבערגלויבערישער ייד, פלעגט ער אָפּט מיט גרויס הנאה דערציילן ווי ער איז אַ מאָל אין אַ געוויטער־דיקער נאַכט אין טיפן וואַלד געשלאָפן צוזאַמען מיט אַ גלח אונטער אַן אַלטן בוים צוגעדעקט מיט דער גלחישער סוטאַנע. די בליצן האָבן צעריסן דעם הימל, די דונערן האָבן געקנאַלט צווישן די ביימער, דער רעגן האָט געפּלייצט אין די צערוישטע פינצטערנישן, און די ביימער האָבן זיך געבראָכן אין שטורעם. ער מיטן גלח האָבן זיך צוזאַמענגעטוליעט אונטער דער סוטאַנע. דער גלח האָט געזאָגט פּאַטשערדזש, און סימכע גייגע האָט זיך ווי אַ חיה צוגעהערט צו דעם נאַטורשפּיל פון די צעווויגטע עלעמענטן. זיין ווייב שרה־בינה, אַ קליינע געפּאַקטע יידענע מיט אַ געל אויסגעקראָכן שייטל, האָט פּאַר אים געציטערט אימת־מות, און אַזוי ציטערנדיק אויסגעטראָגן און געבוירן זיינע קינדער וואָס זענען געווען פּונקט אַזוי רוי און ריזיק געזונט ווי ער. שרה־בינה איז בלאָס געוואָרן ווען סימכע גייגע האָט אינמיטן דערין אָן שום סיבה אויף איר אַ גלאָץ געטאָן מיט זיינע רויטלעכע פייערדיקע אויגן און דערביי פון אונטער די שטעכנדיקע וואָנסעס אַרויסגעברומט אַ גראָבע פּויערישע קללה.

חוץ דעם האָבן אין אָסמאַלין געוואוינט דעם זיידנס משפחה, די געזונטע אַרענדאַרישע פעטערס און די מומעס. זיי האָב איך נאָך אַלע געקאַנט. כדי צו שילדערן די סביבה אין וועלכער דער זיידע ברוך האָט געוואוינט, וואו מיין מוטער איז דערצויגן געוואָרן, און וואו איך בין שפּעטער געבוירן געוואָרן, וועל איך מיך אָפּשטעלן ביי די דאָזיקע פעטערס.

דער פעטער אַברהמקע איז געווען דעם זיידן ברוכס עלטסטער ברודער. ער איז דווקא געווען אַ קליין אויסגעדאַרט יידל מיט אַן אויסגעקראַכן בערדל וואָס האָט אים אָפּן געלאָזט שטיקער פון דער גאָמבע, און מיט אַ לאַנגער רויטער נאָז וואָס האָט שטענדיק אויף זיך געהאַט בלוילעכע איינגעטרוקנטע בלאַטערן. דעם פעטער אַברהמקעס נאָז איז געווען אַ שאַרפע און אַ שפּיציקע און זי האָט אים אַדורכגעשניטן דאָס פּנים ווי אַ שפּיציק ברעט. דער פעטער אַברהמקע איז געווען אַ ווילדער שתקן, דערביי אָבער אַ פריילעך יידל. ער האָט תמיד אַראָפּגעהאַלטן דעם קאָפּ און כסדר געקוקט אויפן דיל, און ער האָט זיך שטענדיק געשיבערט ווי עס וואָלט אים געביסן. פאַר דעם יינגערן ברודער זיינעם, דעם גביר און אָסמולסקער פּריץ, האָט ער געהאַט אַן אויסטערלישן דרך־ארץ. דער דרך־ארץ האָט זיך אויסגעדריקט דערמיט, וואָס ווען דער פעטער אַברהמקע האָט געזען דעם זיידן ברוך, האָט ער נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו שיבערן און אַנטשוויגן געוואָרן ווי אַ שטיין אויף דער זיידע ברוך האָט צו אים נישט גערעדט, הגם ער האָט אים אַ ביסל ליב געהאַט. ווען איך בין געווען אַ קינד האָט דער פעטער אברהמקע געוואוינט אין אַ גרויסער פירעקיקער חורבה אינמיטן אָסמאַלינער מאַרק, אַ חורבה מיט אַ האַלב צעלייגטן און צעפוילטן שינדלדאַך. פאַר דער טיר פון דעם חרובן הויז איז געשטאַנען אַן אַלטער טרוקענער יאַטקע־קלאָץ ווי אַ גרויסער מזבח. ס'האָט געהייסן, אַז דער פעטער אַברהמקע לאָזט אַ מאָל קוילענען אַ קעלבל אָדער אַ שעפּסל און דערפאַר איז ער עפּעס אַזוינס ווי אַ קצב. ער האָט געהאַט אַ קליין דריבנע ווייבל, די מומע רויזע, דוכט זיך דאָס צווייטע ווייב. זי האָט געהאַט פול זומער־פּלעקן אויפן פלאַטשיקן ברייטן פּנים, געטראָגן אויפן קאָפּ אַ מין טשיפּיקל מיט אַ פויגל. ווי איך געדענק, איז די מומע רויזע שטענדיק געווען איינגעהילט אין אַן אַלטן צעריסענעם טערקישן שאַל און ווען

זי האָט געריעדט האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס פּישטשעט דער פויגל ביי איר אויפן טשיפּיק. אַט דאָס קרענקלעכע און אויסטערלישע פאַרפאַלק האָט אַנגעשיט מיט קינדער. אַלץ הייסט קינדער! פון דער שויס פון דער מומע רויזע זענען אַרויסגעקומען אַ מחנה זין און טעכטער, הויכע, געזונטע און ברייטביינעקע ווי די דעמבעס אין וואַלד, אָבער אַלע מיט גרויסע זון־פלעקן אויף די פּנימער, פונקט ווי די מומע רויזע. ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן זענען זיי אַרויסגעפלויגן פון דעם פעטער אַברהמ־קעס חורבה ווי טויבן פונעם טויבנשלאַק. זיי זענען ס׳רוב אַוועק נאָך לאָדזש, דאָרט געוואָרן אַרבעטער, און קיינמאָל זיך נישט צוגעוואָגט צום זיידן ברוך. פונקט ווי זיי זענען געווען גרויס און פעלדזן־געזונט אַזוי זענען זיי געווען שעמעוודיק ווי פּויערישע קינדער. איבערהויפּט האָבן זיי זיך געשעמט ווען זיי האָבן געזען דעם זיידן ברוך. זיי זענען רויט געוואָרן איבער די אויערן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ס׳איז געווען אַ פּויערישע שעמעוודיקייט און האָט געהאַט אַ געשמאַק פון רויטע עפּל. שפּעטער אין די יאָרן 1905—1906 זענען דעם פעטער אַברהמקעס זין אין לאָדזש אַריינגעטרעטן אין „בונד״ און אַנטיילגענומען אין דער רעוואָ־לוציע און געקעמפט אויף באַריקאַדן. פון דאַן אָן זענען די שוואַכע פעדעם צווישן זיי און אונדזער גבירישער משפּחה איבערגעריסן געוואָרן אינגאַנצן, און איך האָב זיי קיינמאָל מער נישט געזען.

אין סצענע מיט דער מומע רויזע האָט זיך מיר באַזונדערס איינ־געשניטן אין זכרון, און דאָס נעמלעך אין אָן ערב יום־כּיפּור. מיר האָבן שוין דאַמאָלס געוואוינט אין „הויף״, וואָס דער זיידע ברוך האָט אויפ־געבויט אינמיטן אַ גרויסן אויבס־סאָד. די באָבע חיה האָט זיך אָנגעטאָן דאָס אַראַגזש זיידענע קלייד מיט שפּיצן וואָס זי האָט עס געטראָגן בלויז פון יום־כּפּור צו יום־כּפּור. אַלס קינד האָט מיך די באָבע חיה מיטגע־נומען צו דער מומע רויזע אין דער חורבה. איך האָב געטראָגן די באָבע חיהס יום־כּפּורדיקע מחזור. די מומע רויזע און נאָך עטלעכע עלטערע יידענעס האָבן געוועלגערט דאָס גרויסע וואַקסענע יום־כּפּור־ליכט. די מומע רויזע אין דעם טערקישן שאַל און מיטן פויגל אויפן טשיפּיק האָט דערביי געאַרבעט מעשים. זי האָט געהאַט אַן אויסזען ווי די מכשפות אין „מאַקבעט״, נאָר אין אַ פאָלקסטימלעך יידישער אויסגאַבע. אַלע ווייבער, ובתוכם די באָבע חיה, זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש,

האָבן יאָמערלעך געוויינט און געזאָגט תחינות, און די מומע רויזע האָט בייז און פאַרביסן געוועלגערט דאָס געלע יום־כפור־ליכט ווי מ׳וועלגערט אַ מת ביי דער טהרה. עס האָט געשמעקט מיט יום־הדין, מיט טויט און מיט יענער וועלט. די מומע רויזע האָט נישט געוויינט, זי האָט נאָר אַלע מאָל אומגעריכט אַרויסגעלאָזט אַ וויסט הייזעריק קול ווי אַן אַלטע דערצאַרנטע הון. ביי דער דאָזיקער מיסטישער און געצן־דינערישער צערעמאָניע איז דער פעטער אַברהמקע געלעגן אויפן פּיעקעליק און זיך שטאַרק געשיבערט. דאָס אומהיימלעכע דעקאָראַטיווע בילד שטייט מיר נאָך היינט פאַר די אויגן.

דער צווייטער פעטער, ד״ה דעם זיידן ברוכס שוואָגער — וואָס האָט אויך געוואוינט אין שטעטל אַסמאָלין, איז געווען דער פעטער מרדכי־בער. דער פעטער מרדכי־בער איז געווען אַ הויכער געזונטער ייד, מיט אַ בלאָנדע, שטאַרק שטעכנדיקע באָרד. די אויגן האָבן אים תמיד געגלאַנצט מיט דעם קאַלטן און שאַרפן פייער פון אַ רויב־פויגל. ער האָט געהאַט מאָדנע הענט. אין איין האַנט האָט אים געפעלט אַ פינגער, און ער האָט דאָרט געהאַט אַ בערגל רויטלעך פלייש, אַ סימן פון אַן אָפּגעהאַקטן פינגער. אויף דער צווייטער האַנט האָט ער דערפאַר געהאַט גאַנצע געזונטע זעקס פינגער. ער איז געווען אַ גרויסער עם־הארץ, נישט געקאָנט קיין צלם פאַר קיין אלף, און קוים געקאָנט מאַכן אַ המוציא. זיין ווייב, דעם זיידן ברוכס שוועסטער, די מומע גענענדל, איז געווען אַ הויכע געזונטע יידענע, מיט אַ ביכל, מיט תמיד אַ רויט צעפלאַמט פּנים, און מיט אַ מויל ווייסע שפּיציקע ציין וואָס האָבן דערמאָנט אָן אַ רויב־חיה. די מומע גענענדל האָט געהאַט גוואַלדיק אַרויסגעשטעלטע בריסטן ווי גרויסע זיך באַמבלדיקע טעפּ, און זיי האָבן כסדר געשמעקט נאָך זייגן און נאָך מילך. אָדער זי, די מומע גענענדל, האָט געזויגן, און די מילך פון אירע בריסטן איז כסדר געפלאָסן פונעם צעקנעפּלטן שפּאַנצער, אָדער זי איז געווען אין די הויכע חדשים פון פעטער מרדכי־בער. דאָס פאַרפאַלק איז געווען דאָס אַרומגייענדיקע געשלעכטהאַפטיקייט. אַז דער פעטער מרדכי־בער פלעגט אַ לאַך טאָן האָט מען געגלייבט אַז עס דונערט פון אים אַרויס. דערביי פלעגט ער ליב האָבן פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן אַ קנייפּ צו טאָן מיט די זעקס פינגער דער מומע גענענדל אין פעטן און ברייטן הינטן אַריין. זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע סטאַדע מיט קינדער.

דער פעטער מרדכי־בער האָט געהאַט אַ שענק פונקט אַקעגנאיבער דער חורבה פון פעטער אַברהמקע. מ׳האָט צו איר געמוזט אַרויפגיין אויף עטלעכע הילצערנע טרעפּלעך. תמיד האָט פון דאָרט אַרויסגעשלאָגן אַן איבלדיקער ריח פון פעסער ביר און בראַנפן, פון טריפהנעם קאַלבאַס און פון פעטע געבראַטענע גענדז. אַ גאַנצע וואָך האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. די בוטלעס בראַנפן און די פעסער ביר האָבן געלאָזט הערן זייער ריח, די קאַלבאַסעס זענען פעטע געהאַנגען אויף שטריקלעך, און די ברוינע צעעפנטע גענדז זענען רואיק און שמאַלציק געלעגן אויף לאַנגע און שמוציקע טעלער. אין דער שענק איז געווען שטיל. מ׳האָט נאָר געהערט דאָס דונערנדיקע קול פון פעטער מרדכי־בערס געלעכטערס און דיווילדע געשרייען פון דער זייגנדיקער אָדער מעוברתער מומע גענענדל וואָס האָט אַפּגעיאָגט פון דעם אַנגעלאָדענעם שענק־בופעט די פרעסערישע סטאַדעס פון אירע קינדער. דער אמתער יום־הדין איז געווען דער מאַרק־טאָג וואָס איז יעדע וואָך געווען אין אַסמאַלין. דער מאַרק־טאָג אין אַסמאַלין איז איינער פון די שענסטע און פאַרביקסטע פאָלקס־דערשיינונגען אין פוילן. אַסמאַלין האָט געהערט צו דעם אַזוי גערופענעם, לוויוויטשער פירשטנטום. די רייכע פויערישע באַפעלקערונג דאָרט — וואָרעם די לוויוויטשער ערד איז איינע פון די פעטסטע אין פוילן — איז באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד מיט איר דעקאָ־ראַטיווער און פאַרביקער טראַכט. נאָך היינט צו טאָג ווען מען פאָרט אין אַ זוניקן זומערדיקן זונטיק אַדורך מיט דער באַן דורך דער לוויוויטשער געגנט קאָן דאָס אויג זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער וואונדערלעכער ראָ־מאַנטישער פּראַכט פון דער לאַנדשאַפט און מיט דער הלבשה־פאַרביקייט פון דער פויערישער באַפעלקערונג וואָס באַוועגט זיך אויף דער דאָזיקער לאַנדשאַפט. די פעלדער זענען צעשניטן אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פון בונטע און זאַפטיקע קאָלירן. דער גאָלדענער רייפער ווייץ, דער געלער לובין, די ווייסע קאַשע־בלומען, די גרינע קאָניעטשינע, און די לאָנקעס — דאָס אַלץ שפּילט צוזאַמען אין מאַלערישער פּערספּעקטיוו און אין אידעלער באַלויכטונג. די פויערים וואָס באַוועגן זיך אויף די וועגן און אויף די פעלדער גייען אָנגעטאָן געוואַנדער וואָס זייערע קאָלירן זענען אַן איבער־חזרונג פון די קאָלירן אויף דער לאַנדשאַפט. די מענטשן געהערן דאָרט צו דער לאַנדשאַפט און גיסן זיך פאַרביק מיט איר צוזאַמען. די לוויווי־

טשער טיכער, די פויערישע סוקמאַנעס און די וואַל־קליידער פון די פויערטעס — עס איז די לוויוויטשער לאַנדשאַפט וואָס איז דאָרט אַריינ־געוועבט פון די הענט און פון די טרוימען פון די לוויוויטשער טעכטער.

די לוויוויטשער לאַנדשאַפטן מיט די זיך אויף זיי באַוועגנדיקע מאָלע־רישע מענטשן, דערמאָנען אין זייערע פרימיטיווע אײדלקייטן אָן די זון־קאָלירן פון וואַן־גאָג. ווען ס׳ווערט אָונט אויף די לוויוויטשער פעלדער, און די דאָרפס־קירכעס הייבן אָן צו קלינגען אין שטילן זיך אָפּקילנדיקן בין־השמשות, דאַן פאַרוואַנדלט זיך דאָ די וועלט אין אַ מוזיקאַלישער סימפאָניע פון גאָלדענעם אומעט, פאַרבן, קלאַנג און שטימונג.

דער מאַרק אין אָסמאָלין איז געווען באַזונדערס פאַרבנרייך און האָט דערמאָנט אין די גרויסע מאַסן־סצענעס פון דער אויסשטאַטונגס־אָפּערע. די רייכע פויערים אין זייערע פאַרביקע סוקמאַנעס זענען אָנגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפער. די פויערטעס געזונטע, הויך געוואַקסענע, פלייש און מילך, זיי האָבן געטראָגן רויט־גרינע וואָל־קליידער, צעפלאָטערטע פאַר־ביקע בענדער אויף די אַרבל און אין די האָר, און געווען איינגעהילט אין די וואונדערלעכע לוויוויטשער טיכער וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי שטיקער פעלד און לאָנקע. אויף די ווייסע און פרישע פרויענהעלדזער — קאָלירטע שנירן פון אַלערליי גלעזערנע קרעלן. דאָס אַלץ האָט געווימלט אויפן אָסמאָלינער מאַרק צווישן די פורן מיט אויסגעשפּאַנטע האָפערדיקע און גוט געפּאַשעטע פערד, צווישן די טונען זאַפּטיק־טויאיקע פלוימען און שמעקנדיקע אויבסן, צווישן גרויסע פעטע קי, פעטע וואַליקע שעפּסן און עופות. די מאַרק־בײדלעך אין וועלכע די אָסמאָלינער יידן זענען געשטאַנען און געהאַנדלט, זענען פול געווען מיט כל־טוב, קליידער־שטאָפן און פאַרביקע פעלצן, שטיוול, טיכער און געוועטנדער, קרעלן און קליינע הייליקע בילדער, בלוי־געשטרייפטע טעפּ, טעלער, קריגן און קאַנען, מכשירים צו ערד־אַרבעט און בכלל אַלצדינג וואָס איז נייטיק צו דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. די פויערים און די פויערטעס האָבן אַלצ־דינג באַטאַפּט, אָנגעמאָסטן די מלבושים, געהאַנדלט און זיך געדונגען מיט יידן. די יידן און די יידישע ווייבער האָבן געשוויצט, אייליק געגעסן און געטרונקען, זיך געפּאַרעט, געשריגן אויף די פויערישע קויפער, און געהאָלפן זיי אָנמעסטן די מלבושים.

פרומע קאַליקעס האָבן געזונגען צווישן די אויסגעשפּאַנטע פורן און אויף די שטיינער. בעטלערס און בלינדע האָבן געבלעקעצט תפילות און אויסגעשטרעקט די הענט. יידישע קאַטעריניאַזשעס האָבן געשפּילט אויף די קאַטערינקעס וואו גרינע פּאַפּוגייען און ווייסע פעלד־מייזלעך האָבן געצויגן גורל־קוויטלעך.

פאַר דער שענק פון פעטער מרדכי־בער איז געווען דער גרעסטער יריד. דער פעטער מרדכי־בער, אַ צעיאַכמערטער, אין שפּאַנצער־און־הויזן איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון דער שענק און געגאָסן בראַנפן אין גרויסע גלעזער אַריין. ער האָט געקלאַפּט די שיכורע פּויערים אין די פּלייצעס. ווען מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט און די פּויערים מיט די שיקסעס האָבן געכאַפּט אַ טענצל האָט דער פעטער מרדכי־בער מיט די בראַנפן־גלעזער אין די הענט, אַ פּאַרשוויצטער, מיטגעכאַפּט דאָס פּויערישע טענצל און געטאַנצט מיט די שיקסעס. די מומע גענענדל, אַ זייגנדיקע אָדער אַ מעוברתטע, האָט דערווייל געגאָסן דעם בראַנפן און זיך אָפּגעיאָגט פון די פּויערים וואָס האָבן זי געוואָלט קנייפּן אין הינטן אַריין. אינעם מאַרק־טאָג האָבן די סטאַדעס קינדער פון פעטער מרדכי־בער באַלאַגערט דעם שענק־בופעט ווי די פליגן. די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען שמוציקע און מיט איינגעפּעטסטע באַקן פון דער גרויסער פּרעסאַרניע אינעם מאַרק־טאָג.

ביים פעטער מרדכי־בער איז אויך געווען דאָס מנין פון אַסמאַלין. שבת און יום־טוב האָט מען דאָרט געדאַוונט. שמחת־תורה האָבן דאָרט אַלע אַסמאַלינער יידן געשיכורט און געגעסן געענדזנס מיט קרויט. מ'האָט געמאַכט אַ שמחת־תורה־גבאי. צו דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָט מען ספּעציעל אויסגעקליבן דעם גרעסטן שלימזל פון דער דאָרפישער אַסמאַלינער קהילה. די אַסמאַלינער גבורים האָבן דעם אומגליקלעכן אויסגעקליבענעם גבאי געהויבן אין דער הייך ביז צום באַלקן פון דער שול און אַראָפּגעלאָזט מיט אַ ווילדן אימפּעט אויפן דיל. אַזוי האָט מען אים געהויבן היפּשע עטלעכע מאָל און דער גבאי איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער פון גרויסן כבוד. מ'האָט דעם גבאי אויך געניט צו טרינקען פולע גלעזער מיט משקה און ווען ער איז שוין געווען גוט שכור האָט מען אים אַראָפּגעלאָזט די הויזן און געמאַכט די גרויסע מישקאַנטע. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדן שמחת־תורה. די ווייבער האָבן מיטגעטאַנצט

און מיטגעטרונקען און לײדנשאַפטלעך געקושט די ספרי־תורהס. ענלעכע ווילדע ספּעקטאַקלען האָבן זיך איבערגעחזרט תשעה־באָב. מײַן פֿאָטער האָט מיר דערציילט, אַז דעם ערשטן תשעה־באָב נאָך זײַן חתונה, ווען ער איז געגאַנגען זאָגן קינות צום פֿעטער מרדכי־בער אין דער שול, האָט זיך אָפּגעשפּילט די פֿאָלגנדיקע ווילדע סצענע: אַסמאַליִנער ייִדן האָבן זיך גישט באַנוגנט צו ברענגען שטעך־בערעלעך און זיי צו וואַרפֿן אין די ייִדישע בערד ווי דער שטייגער איז ביי קינות, נאָר גלייך ווי ס׳זענען געפֿאַלן די ערשטע זאַצן פֿון „איכה״ זענען מיט אַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן די נאַפֿט־לאָמפּן. אין דער שול איז געוואָרן שטאָק־פֿינצטער. אין דער פֿינ־צטערניש האָבן אָנגעהויבן צו פֿליען פֿויערישע געקאָוועטע שטיוול איבער די קעפּ. מײַן פֿאָטער האָט קוים באַוויזן צו באַהאַלטן זײַן קאָפּ אין עמוד און ער האָט דערהערט ווילדע און יאָמערלעכע געשרייען אין דער פֿינ־צטער און דאָס געקלאַפּ פֿון פֿליענדיקע שטיוול. ס׳האָבן זיך געטראָגן געשרייען און געוואַלדן. פּלוצלינג האָט זיך פֿון דער פֿינצטערניש גע־הערט אַ יאָמערלעך געהייל: געוואַלד מײַן קאָפּ! מ׳האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. אויף דער ערד איז געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ און אין אַ קאַלוזשע בלוט סימכע גייגעס עלטסטער אײדעם איטשע־מאָטל... ס׳איז געוואָרן אַ געשלעגערײַ. סימכע גייגע האָט אַרונטערגענומען דעם פּאַסעק פֿון די הויזן און אָנגעהויבן אויסצוטיילן קלעפּ אויף לינקס און אויף רעכטס. ביילע, סימכע גייגעס טאָכטער, איטשע־מאָטלס ווייבל, איז אָנגעלאָפֿן מיט אַ גרויסן דראַנג, היסטעריש געשריגן: „געוואַלד, זיי האָבן דערהרגעט מײַן איטשע־מאָטלען״. און זי האָט אָנגעהויבן צו פּלעטן קעפּ. די שול האָט אויסגעקוקט ווי דער אמתער חורבן ירושלים. מײַן פֿאָטער איז קוים אַנטלאָפֿן מיטן לעבן און פֿאַרענדיקט די קינות ביי זיך אין דער היים.

אַזוי ווײַט פֿון פֿעטער מרדכי־בער און דער מומע גענענדל.

נאָך אַ פֿעטער האָב איך געהאַט אין אַסמאַלין, אויך דעם זיידן ברוכס אַ שוואָגער, נעמלעך דעם פֿעטער לייזער־יוסף. זײַן ווייב האָט געהייסן די מומע טויבע.

דער פֿעטער לייזער־יוסף איז געווען אַ מאָדנער טיפּ. אַליין איז ער געווען אַ זון פֿון אַ ייִדישן קאָלאָניסט הינטער סאָכאַטשעוו. ייִנגערהייט האָט ער געאַקערט און געזייט אויפֿן פֿעלד צוזאַמען מיט זײַן פֿאָטער און

ברידער. ער האָט אַהיימגעטריבן די טשערעדע קי און שעפּסן פון דער פּאַשע. אָבער ער האָט פון דעם קיינמאָל נישט גערעדט און זיך געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענט. דער פעטער לייזער־יוסף האָט געקוקט מיט ביטול אויפן פעטער מרדכי־בער. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן פּויליש מיט אַ שטאַטישן אַקצענט און געלייענט אַ פּוילישע צייטונג. ער איז געווען אַ דריבנע יידל מיט אַ שוואַרץ אינטעליגענטיש צוגעשוירן בערדל. דער פעטער לייזער־יוסף איז געווען אַ שטיקל ליגנער און אַ גרויסער בעל־מגזם. זיינע ליגנס זענען נישט געווען קיין בייזוויליקע נאָר אויסגעבורטן פון זיין מאָדנער פאַנטאַזיע. זיין שוואַכקייט איז געווען תמיד צו דער־ציילן פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה און פון דער באַלאַגערונג פון פּלעוונע. ער איז געווען אַ „מענטש" ביים זידן און תמיד געוואוינט מיט אים בשכנות. קינדווייז האָב איך אומצייליקע מאָל געשלונגען זיינע שילדערונגען פון דער טערקישער מלחמה, פון דעם גאַנג איבער די באַלקאַנען און פון דער באַלאַגערונג פון פּלעוונע. דעם פעטער לייזער־יוספס מלחמה־בילדער האָבן אָנגעצונדן מיין קינדערישע פאַנטאַזיע. ער האָט פון אָט דער מלחמה דערציילט מיט אַזאַ לײדנשאַפט, גלייך ווי ער וואָלט אַליין אין איר אָנטייל גענומען. ער האָט דערציילט פון דעם געקנאַל פון די ביקסן אויף די שלאַכט־פעלדער, פון דעם אַנפאַל פון די פיינדלעכע מחנות „נאַ שטיקי" און פון דעם טויט אויפן שלאַכט־פעלד. ער האָט דערציילט פון זעלנער וואָס שטאַרבן אין איינזאַמקייט און ווערן צעטרעטן פון די הירושנזיקע פערד, פון די יאַגנדיקע קאַזאַקן און פון דעם געראַנגל מיט די טערקישע רייטער, פון דעם הונגער אין דער באַלאַ־גערטער פעסטונג, פון דעם פאַלן פון פּלעוונע און פון די רויבערייען אין דער איינגענומענער שטאָט. דער פעטער לייזער־יוסף האָט געשריגן, געמאַכט מיט די הענט, אַקוראַט ווי ער אַליין וואָלט געשאָסן, געשטאָכן, געריטן און גערויבט. עס וועט מיר נאָך אין די שפּעטערדיקע בענדער אויסקומען פון אים אַ סך צו דערציילן.

די אַלע גבורות און העלדישע מעשיות זענען אָנגעגאַנגען אַזוי לאַנג ווי ער איז נישט געווען אונטער די פליגל פון דער מומע טויבע. קוים האָט די מומע טויבע אויף אים אַ קוק געטאָן, אָדער גאָר אַ געשריי געטאָן, אַזוי איז דער פעטער לייזער־יוסף נאָך קלענער און דינער געוואָרן ווי ער איז געווען. ער איז בלייך געוואָרן ווי אַ ליילעך און איז אַנטשוויגן גע־

ווארן ווי א שטומער. פאר דער מומע טויבע האט דער פעטער לייזער־יוסף געציטערט ווי א פליג. ער איז ממש נישט געווארן ווען זי האט זיך באוויזן אדער אפילו אים א רוף געטאן צום עסן. די מומע טויבע האט נישט געהאט דאס גרויסע גופישע רחבות פון דער מומע גענענדל, זי איז געווען א קליינע, א דארע, מיט א פנים וואס איז כמעט געווען גרין פון עפעס א בייזער בלאסקייט, און מיט זייער א לאנגער און שארף גע־שניטענער נאז וואס האט זיך איר אריבערגעבויגן איבער די דינע בייז אויסגעטרוקנטע ליפן. די מומע טויבע האט קיינמאל נישט געשריגן און געוואלדעוועט ווי די מומע גענענדל. אויבנאויפיק האט זי אויסגעקוקט גאר א שטילע, אבער איר איינערלעכער מאנסבילשער כאראקטער און די אייביקע גאליקע בייזקייט האבן געמאכט, אז דאס גאנצע הויזגעזינד איז געגאנגען אויף די נעגל ווען די אויגן ביי דער מומע טויבע האבן אנגע־הויבן גרין צו קוקן, די נאז האט זיך איר אויסגעקרימט און אויסגעצויגן ווי דער שנאבל פון א פאפוגיי, און די ליפן זענען איר טרוקן געווארן און זיך איינגעשרומפן איבערן קליינעם צוזאמענגעצויגענעם מויל. דער פע־טער לייזער־יוסף האט דאן פארגעסן אלע קאמפן ארום פלעווגע און ער וואלט גיכער זשעדנע געווען איינצוזינקען אין דער ערד אבי אויף זיך נישט צו פילן די גרינע בליקן פון דער מומע טויבע.

צווישן זיידן ברוך און דער מומע טויבע האט געהערשט אן אלטע פארביסענע שנאה. זיי האבן קיינמאל צווישן זיך נישט גערעדט און דער זיידע האט קיינמאל נישט דערמאנט איר נאמען. ווען דער פעטער לייזער־יוסף פלעגט זיך צעהיצן אין די פאנטאזיע־בילדער פון די מלחמות האט דער זיידע שטיל און איראניש געשמייכלט. פון גרויס ביטול צו אים פלעגט דער זיידע רופן דעם פעטער לייזער־יוסף „שאשעלע".

# קאַפּיטל זעקס

אין די טיפֿע וועלדער הערט דער ייִדע ברוך פֿון קוטנער עילוי. די באָבע לאה פֿאָרט זען די כּלה. אַנטוישונג. ר׳ יהושיעלע קוטנער געפֿעלט דער שידוך. מיין פֿאָטער און מיין מוטער ווערן למזל חתן־כּלה.

כ'האָב מיך אומישנע אָפּגעשטעלט צו דערציילן פון די פעטערס און מומעס אין אָסמאָלין, כדי צו שילדערן די סביבה אין וועלכער מיין מוטער איז אויפגעוואַקסן. דער פּריצישער „הויף" וועלכן דער זיידע ברוך האָט געהאַט בדעה אויפצובויען לכבוד דער חתונה פון זיין בת־יחידקע האָט נאָך דערוויַיל נישט עקסיסטירט. דער זיידע האָט נאָך אַלץ געוואוינט ביי סימכע גייגען. סימכע גייגע, די קינדער זיינע, דער איידעם איטשע־מאָטל און דאָס ווייב שרה־בינע זענען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג באָרוועס פונקט ווי אַלע פּויערים. די מאַנסבילן האָבן געאַקערט אויפן פעלד, די טעכטער האָבן געמאָלקן די קי. דער איידעם איטשע־מאָטל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ סטריקעווער חסיד און דאַן אַוועק קיין אַמעריקע, האָט נאָך יענע צייטן געפּאַשעט די פערד און געפירט הויכע לייטערוועגענער מיט היי אין סימכע גייגעס שייער אַריין. צום מיטאָג האָט די גאַנצע פאַמיליע געגעסן קאַרטאָפלעס מיט באָרשט. זיי האָבן געגעסן מיט הילצערנע לעפל און אַלע פון איין גרויסער ערדענער שיסל.

דער זיידע האָט געבאַלעבאַטעוועט אויף די פּרוכטבאַרע פעלדער פון זיין גוט אָסמולסק. ער האָט געהאַט גוטע און פעטע ווייצן און געפלאַנצט צוקער־בוריקעס פאַר דער צוקער־פאַבריק פון סאַניק. אין די לאַנגע ווינטער־חדשים אין די שנייען און אין די פרעסט האָט זיך דער זיידע אָוועקגעלאָזט אויף אַ שליטן אין זיינע וועלדער אַריין. ער האָט זיך איינגעהילט אין זיין מוראדיק גרויסן בערן־פעלץ און אַוועקגעפאָרן אויף לאַנגע וואָכן. די באָבע חיה האָט דאַן פריי אַרומגעבאַלעבאַטעוועט מיט אַלערליי פאַרדעכטיקע גוטע־יידן, מיט שעפערס און מיט סגולות. דאָס בת־יחידקעלע, מיין מוטער, איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיטן פּויערישן און פּראָסטן הויזגעזינד פון סימכע גייגע.

פאַרנדיק אין די שנייען פון די טיפע ווינטערדיקע וועלדער, ווען דער שליטן האָט געקלונגען אין דער ווייסער פּראַסטיקער איינזאַמקייט פון די וואַלד־ביימער, האָט דער זיידע ברוך געטראַכט, אַז דאָס אויס־געבעטענע בת־יחידקעלע וואַקסט שוין אונטער צו כלה־צייט. מ׳דאַרף אַ קלער טאָן וועגן שידוכים.

צווישן די וואַלד־שרייבער וועלכע דער זיידע ברוך האָט געהאַט זיצן אין זיינע וועלדער האָבן זיך געפונען אידעלע חסידישע יידן און לומדים. דער שם פון דעם קוטנער עילוי, ר׳ יהושיעלע קוטנערס איי־ניקל, האָט דערגרייכט צו אַלעמענס אויערן. עס האָט זיך דערטראָגן אַפילו צו די יידן אין די ווייטע רוישנדיקע פּוילישע וועלדער. דאָ איז דעם זיידע ברוך איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט געוואָלט האָבן דעם עילוי, ר׳ יהושיעלע קוטנערס אייניקל, אַלס אַ מאַן פאַר זיין טעכטערל.

נעבן אַסמולסק אין שטעטל גאָמבין האָט געוואוינט אַן אַלטער רב, אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער תם, ר׳ שמחה גאָמבינער. צו אים איז דער זיידע ברוך געפאָרן, אַז ער, ר׳ שמחה, זאָל זיך אַ קלייב טאָן קיין קוטנע און אָבשלאָגן ר׳ יהושיעלע קוטנער דעם שידוך. דער זיידע ברוך איז גרייט געווען פונאַנדערצעשפּענען די בייטלען מיט די גאָלדענע רענד־לעך אַבי ער זאָל האָבן ר׳ יהושיעלען פאַר אַ מחותן און דעם עילוי פאַר אַן איידעם.

דער זיידע ר׳ משהל איז דאַמאָלס געווען אויף דער העכסטער מדרגה פון דער „גייסטיקער נאַכט״. די באָבע לאה, אַ שוואַכע פרוי, אַ יתומה מיט קינדער. ר׳ יהושיעלע, ווי מיין פאָטער פלעגט מיר דער־ציילן, האָט שטענדיק געליטן פון אַ טויט־קאָמפּלעקס. ער איז געווען אַ פּעסימיסטישע נאַטור ווי יעדער ראַציאָנאַליסט. תמיד האָט ער געהאַט דאָס אומהיימלעכע באַוואוסטזיין אַז די וועלט איז אַ יאָמער־טאָל פול מיט חיות רעות און דער טויט שטייט הינטער יעדער טיר. ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געווען אַ שוואַרץ־זעער און זיך דאָס צוקונפט־בילד פון אַ מענטש אויסגעמאָלט מיט די פינצטערסטע פאַרבן. ער האָט כסדר גע־רעדט דערפון, אַז נאָך זיין טויט וועט די גאַנצע משפחה צעפאַלן אין עלנטקייט און נויט. וואָרעם דער איינציקער זון איז גייסטיק קראַנק און דער פעטער יעקל איז נישט קיין גרויסער בריה צום לעבנס־קאַמף. מיט ביטערער זאָרגעוודיקייט האָט ר׳ יהושיעלע קוטנער געוואָלט אַפּראַטעווען

זיין הויזגעזינד פון דער פינצטערער צוקונפט נאָך זיין טויט. דעריבער איז אים דער שידוך מיטן רייכן ישובניק זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט דערין געזען דעם איינציקן תכלית פאַר מיין פאָטער.

יידן דערציילן, אַז בשעת ר' יהושיעלע קוטנער האָט ס'ערשטע מאָל געזען דעם זיידן ברוך גזשיוואַטש, האָט ער דעם ישובניק אַ פרעג געטון כדי אים צו שטעלן אויף דער פּראָווו:

— פאַר ווייניקער ווי פופצן טויזנט רובל גדן וועט איר, ר' ברוך, נישט קריגן מיין איינגיקל פאַר אַ חתן. (פופצן טויזנט רובל איז דאַמאָלס געווען אַ מטמון מיט געלט.)

— וויפל איר ווילט, הייליקער רבי, האָט דער זיידע ברוך געענט־פערט, אַלץ גיב איך אַוועק, אייך צו האָבן פאַר אַ מחותן. מיין טאָכטער איז אַ בת־יחידה. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר געהער סיי־ווי אַלצדינג צו איר. פאַר וועמען האָרעוועט דען אַזאַ ייד ווי איך בייטאָג און ביינאַכט? אייער איניקל וועט גאָרנישט מער טון ביי מיר נאָר זיצן אויף כל־טוב און לערנען די הייליקע תורה.

ר' יהושיעלע קוטנער איז סיי־ווי גרייט געווען צו טון דעם שידוך אין וועלכן ער האָט געזען דעם איינציקן אויסוועג פאַר מיין פאָטערס צוקונפט. די צעעפנטע בייטלען פון זיידן ברוך האָבן ר' יהושיעלען אימ־פּאָנירט.

ס'איז געבליבן, אַז די באָבע לאה זאָל פאָרן זען די כלה.

דער איידעלער, ליידפולער און אינטעליגענטער באָבע לאה האָט פון תחילת אָן נישט געהאַרצט דער שידוך. דאָס עלטסטע קינד אירס, מיין פאָטער, איז געווען דאָס איינציקע ליכטיקייט אין איר פינצטערער לעבן, אַ לעבן מיט אַ גייסטיק־קראַנקן מאַן. די באָבע לאה האָט נאָך אַלץ גע־וואוינט אין דעם בוידעם־שטיבל נעבן דער ווייבער־שול. אַלע אירע מוטערלעכע האָפענונגען האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן געראָטע־נעם און געליבטן יינגעלע, אין וועלכן אַלע האָבן זיך געשפּיגלט. אַוועק־געבן דאָס אויסגעצערטלטע קינד אין אַ פוסטן דאָרף אַריין צו ישובניקעס האָט איר זייער נישט געשמעקט. ר' יהושיעלע קוטנער איז אָבער געווען דער איינציקער אויטאָריטעט אין הויז. די באָבע לאה, אויפגעצויגן געוואָרן ביי די גוטע־יידן פון פּראָגע און וואָרקע, איז געוואוינט געווען צו פאָלגן די געבאָטן פון צדיקים.

ווען די באָבע לאה איז אָנגעקומען קיין אַסמאַלין צו סימכע גייגען אין שטוב אַריין, איז איר גאָר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. סימכע גייגע, זיין ווייב שרה־בינע, די פעטערס און די מומעס האָבן גאָרנישט גע־וואוסט ווי אַזוי מע גייט זיך אום מיט אַן אײדל רביש אייניקל. זיי האָבן נישט געקאָנט רעדן שטיל און בנעימות ווי מע רעדט אין די רבישע הויפן. זיי האָבן נישט געקאָנט די אײדעלע שמועסן פון תורה און חסידות, צו וועלכע די באָבע לאה איז געוואוינט געווען אין איר גאַנץ לעבן. די פע־טערס פון דער כלה האָבן געדעדט הויך ווי די פויערים אויפן פעלד און זאַפטיק געלאַכט מיט פולע מיילער. ס׳זיינען געווען יידן פון אַ נאַטירלעך פּראָסט דאָרפיש לעבן. פויערישע יידן. דאָס כלה־מיידל, מיין מוטער, איז אויך נישט געווען פון די בלאַסע אויסגעצערטלטע כלה־מיידלעך אין די רבישע הויפן. מיין מוטער האָט אין זיך געהאַט די רויקייט פון דער פּראָסטער דאָרפישער סביבה. דער זיידע ברוך און די באָבע חיה האָבן אפילו נישט געוואוסט ווי אַזוי מע „לייטישט" זיך אויס אין גבירותשאַפט. געלט איז טאַקע געלט, אָבער פון קיין אַנדערן לעבנס־שטייגער אַחוץ ווי מע לעבט אין אַסמאַלין האָבן זיי נישט געוואוסט. מיין מוטער, ווען די באָבע לאה איז זי געקומען זען, האָט געטראָגן פּראָסטע, פויערישע שיך מיט פּאַדקאָוועס אַזוי ווי עס טראָגן די דאָרף־שיקסעס אין זונטיק. דער דאָזיקער אָרענדאַרישער קבלת־פּנים און די כלה אין די פּעסטע פויערישע שיך האָבן אויף דער באָבע לאה געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

אַהיימקומענדיק נאָך קוטנע האָט זי פאַר ר׳ יהושיעלען אויסדער־ציילט די גאַנצע ביטערע פרעמדקייט וואָס זי האָט באַגעגנט אין אַ סביבה וואָס זי האָט קיינמאָל נאָך נישט געהאַט געזען מיט די אויגן. וועגן פּראָסטע ישובניקעס און אָרענדאַרן האָט זי בלויז געלייענט אין די יידישע מעשה־ביכלעך. אגב האָט מיין מוטער דעם דאָזיקן ווידערווילן דער באָבע לאה קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ר׳ יהושיעלע, אין זיין טבע אַ פּעסימיסט און אַ שוואַרץ־זעער, האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע. אויף דעם יונגן ווייבל דער שנור זיינער, די באָבע לאה מיט די פּיצלעך קינדער, האָט ער גע־קוקט ווי אויף אַ לעבעדיקע עגונה, אַ שוואַכע מיט אַ קראַנקן מאַן. וואָס וועט זי טון נאָך זיך, ר׳ יהושיעלעס, טויט? סיידן אויסגיין פון הונגער. די באָבע לאה צו פאַרזאָרגן איז געווען ר׳ יהושיעלעס איינציקער ציל.

ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט געטון דעם שידוך מיטן זיידן ברוך גזשיוואָטש. מיין פאָטער און מיין מוטער זיינען געוואָרן חתן־כלה. מיין פאָטער איז דאַמאָלס אַלט געווען פערצן יאָר און מיין מוטער גאַנצע פופצן יאָר.

מיין פאָטער איז געווען אַ קליין, מאָגער און שוואַך יינגל.

# קאַפּיטל זיבן

דער „הויף" אין אָסמולסק. מ'פּאָרט נאָך כלה־אויסשטייער קיין וואַרשע. סימכע גייגע פּאָרט מיט אַלס „מבין". סימכע גייגע אין העקסלמאַנס רעסטאַראַציע. סימכע גייגע אין די וואַרשעווער שניט־קראָמען. סימכע גייגע דערציילט אָסמולסקער פּויערים פון די וואַרשעווער נסים. מע גרייט זיך צו דער חתונה. דער זיידע ברוך צעעפנט אַלע בייטלען. בדחנים. דער באַרימטער בדחן נח נאַשעלסקער. פיש אין די וואַסערן פון אָסמולסקער „הויף". די אָסמאָלינער משפּחה צוזאַמען מיט סימכע גייגען לאָזן זיך מאַכן זיידענע קאַפּאָטעס. קאָטשן פאָרן נאָך קוטנע. דער פעטער יעקל גיט עצות. ירחמיאל דער שוחט אויף די פעלדער פאַרן קוטנער שעכטהויז. ראַצע! דער „נאַר" פון דער קוטנער משפּחה. די פּראָסטע פעטערס מעסטן זיך אָן די זיידענע קאַפּאָטעס. פּויערים רייטן אַקעגן דעם חתן. קבלת־פּנים פון די בדחנים צוזאַמען מיט נח נאַשעלסקער. סימכע גייגע צווישן די רביצנס. די פּראָסטע פעטערס אונטער די עפּל־ביימער. ר' יהושיעלע קוטנער קומט צופאָרן נאָך אָסמולסק. דער פעטער יעקל אין דער קאָטש. הירשל נאמן. הירשל נאמן אין זיבן קאַפּאָטעס און מיט פולע פלעשער וואַסער אין די קעשענעס זיצט אויפן באָק. דער „נפש־חיה", דער גבירישער רב. נח נאַשעלסקער זאָגט גראַמען. די קאָטש מיט די ווייבער. ירחמיאל זעט חידושים אויף די פעלדער. ירחמיאל איז נושא־חן אין די אויגן פון סימכע גייגע. מען עסט אין סאָד.

גאַנצע דריי יאָר האָט געדויערט ביז צו דער גרויסער חתונה. אינ־צווישן איז דער זיידע ר׳ משהל געזונט געוואָרן. מ׳האָט עס צוגערעכנט צום זכות פון שידוך.

דער „הויף", וועלכן דער זיידע ברוך האָט געבויט אין גוט אַסמולסק, איז פאַרטיק געוואָרן. ס׳איז געווען אַ גרויס ווייס הויז מיט אַ סך ליכ־טיקייט און מיט גלעזערנע ווערענדעס. דער „הויף" איז געשטאַנען אינ־מיטן אַן אַלטן, צעוואַקסענעם אויבסט־סאַד. גלייך הינטערן „הויף", אַ קליינע סאַדזעווקע אַרומגערינגלט מיט ווערבעס און טאָפּאָלן. שטענדיק האָבן דאָרט געקוואַקעט די פרעש. פאָרן „הויף", אַ גרויסער קלאָמב מיט רויזן און בעז־ביימער. אין יענעם „הויף" בין איך געבוירן געוואָרן. דער זיידע ברוך האָט זיך ענדלעך אַרויסגעצויגן פון סימכע גייגע.

נאָך דריי יאָר האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה. די באָבע חיה מיט דער כלה זיינען געפאָרן נאָך ווארשע קויפן חתונה־אויס־שטייער. אַזוי ווי די באָבע חיה איז געווען אַ פשוטע דאָרפס־יידענע און האָט נישט געהאַט די מינדסטע השגה אין די שטאָטישע ווייבערישע מאָדעס, איז די באָבע לאה מיטגעפאָרן קיין ווארשע איינצוקויפן דעם אויסשטייער. די באָבע לאה האָט געהאַט דעם איידעלן רבישן געשמאַק פאַר ווייבערישע חנען, און זי האָט זיך אַגב אויך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די געשמאַקן פון דער באָבע חיה. ווארעם די באָבע לאה האָט מורא געהאַט, אַז די באָבע חיה קאָן איר נאָך מאַכן פאַרשיידענע סורפּריזן, און די כלה וועט אויסקוקן אויף דער חתונה נישט ווי קיין שנור פון הייליקע צדיקים, נאָר ווי אַ דאָרפס־שיקסע אין זונטיק.

אויף איינצוקויפן דעם כלה־אויסשטייער האָט דער זיידע ברוך מיט־געשיקט קיין ווארשע זיין געטרייען סימכע גייגע. איך ווייס נישט וואָס

סימכע גייגע האָט געקאָנט אויפטאָן ביי אַזעלכע ענינים ווי זיידענע קרי־נאָלינעס, ווייסע חופּה־קליידער, שפּיצן און געשטיקטע וועבענע העמדער, וכדומה אײדעלע גבירישע מאַטעריעס, וועלכע ער, סימכע גייגע, האָט נאָך זינט זיין לעבן נישט אָנגעזען אויף די אויגן. סימכע גייגע האָט יאָרן לאַנג — איך געדענק עס נאָך — דערציילט פון דער דאַזיקער נסיעה מיט דער קוטנער רביצן. ערשטנס, האָט סימכע גייגע זיך געפילט דערהויבן אין זיין פּויערישער מערכה דורך דעם וואָס ער איז גאַנצע טעג מיטגעגאַנגען מיט דער באָבע לאה איבער די וואַרשעווער קראָמען און צו די וואַרשעווער ווייבערישע שניידערינס. עפּעס איז סימכע גייגע — אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאַכט — מיט אַמאָל אַריינגענומען געוואָרן אין די יחוס־רעקוויזיטן פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, סימכע גייגע האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן די גרויסע פּרעסאַרניע אין וואַרשע ביי העקסלמאַנען אין רעסטאַראַציע. די שטיקער געפילטע פיש, די געבראָטענע גענדז און אינדיקעס, די פעטע צימעסן מיט קישקע, און די זיסע קאָמפּאָטן, מיט וועלכע סימכע גייגע האָט זיך אָנגעפילט דעם בויך. סך־הכל אַ פּויערישער בויך, וואָרעם זינט ער איז סימכע גייגעס בויך איז ער תמיד געוואוינט געווען צו שוואַרץ ברויט און קרויט מיט קאַרטאָפלעס. די דאַזיקע גרויסע איבערלעבענישן האָבן אויף סימכען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. דעם ייד האָט זיך פאַר־דרייט אין קאָפּ. צוריקקומענדיק נאָך אַסמאָלין האָט ער אויף דעם זיידנס שוואָגערס, ווי למשל אויף דעם פעטער מרדכי־בער, אָנגעהויבן צו קוקן היפּש פון אויבן אַראָפּ.

אַזוי האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער גרויסער חתונה.

פון מיינע עלטערנס חתונה האָב איך נאָך יאָרן־לאַנג געהערט דער־ציילן. אויף דער דאַזיקער חתונה זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צוויי משפחות פון דעם יידישן כלל אין פּוילן. משפחות, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די סאַמע עקסטרעמסטע עקן פון דער יידישער געזעלשאַפט. פון איין זייט רבנים, חסידים און גוטע־יידן, און פון דער אַנדערער — פּשוטע און פּראָסטע פאָלקס־מענטשן, יידן וואָס האָבן זינט לאַנגע דורות געוואוינט אין די טונקעלע טיפענישן פון די פּוילישע וועלדער און אויף די פאַרביקע ליכטיקייטן פון פּוילנס פעלדער, יידן וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען מיט די פּוילישע פּויערים און האָבן ווייניק געוואוסט פון די אײדעלע קלוגשאַפטן

פון דער תורה און פון די יידישלעכע פירעכצן פון די שטאָטישע און באַלעבאַטישע פוילישע יידן.

דער זיידע ברוך גושיוואַטש האָט צעעפנט אַלע בייטלען לכבוד דער דאָזיקער חתונה. (דער זיידע האָט שוין דאַן געוואוינט אין אַסמולסקער „הויף".) דער זיידע האָט באַשטעלט די באַרימטסטע בדחנים אין פוילן — און צווישן זיי דעם לייב פון די בדחנים נח נאַשעלסקער, משמח צו זיין די געהויבענע מחותנים. ער האָט אויך באַשטעלט אַזש צוויי קאַפּעליעס קלעזמאָרים. קוכערס און קעכינס האָט די באָבע לאה געשיקט פון קוטנע. קוכערס און קעכינס וואָס האָבן געקאָכט אויף די חתונות ביי ר' יעקב ענגלמאַן אין גלאַזנאָוו. מ'האָט ספּעציעל אויסגעפּאַשעט גאַנצע סטאַדעס אינדיקעס, געגנדז און הינער לכבוד דער חתונה. אין דער סאַדזעווקע הינטערן „הויף" האָט דער זיידע אַריינגעלאָזט גרויסע קאַרפּן, העכט און שלייענס. זיי זיינען דאָרט אין די וואַרעמע זומערדיקע וואַסערן נאָך גרעסער אויסגעוואַקסן און זיך פעט אויסגעפּאַשעט פאַר די טעלערס פון די צדיקים, וואָס וועלן קומען אויף דער חתונה. דאָס וואַסער אין דער סאַדזעווקע האָט זיך געראַיעט פון די פיל פיש. די פרעש האָבן פּרייעלעך געקוואַקעט אין די בלאָטיקע וואַסער־גרעזער און צווישן די ברעגעס פון דער סאַדזעווקע, וואָרעם אויך זיי, די פרעש, האָבן מיטגעפּרעסן פון די גרויסע זעק אַרבעס און לובין וואָס מ'האָט אַריינגעשיט אין וואַסער אַלס פּאַשע פאַר די פיש.

אַחוץ וואָס דער זיידע האָט געמאַכט דאָס גבירישע אויסשטייער פאַר דער כלה אין וואַרשע, האָט ער פאַר זיך אַליין און פאַר דער באָבע חיה געלאָזט נייען נייע נגידישע מלבושים, כדי צו האָבן שטאַנד אין די אויגן פון די מיוחסדיקע מחותנים. אויך די פעטערס און די מומעס האָבן זיך שטאָטישמעסיק אויסגעשלייערט לכבוד דער חתונה. סימכע גייגע האָט גאַנצע טעג דערציילט פאַר די אַסמאָלינער פּויערים פון זיין היימישקייט מיט דער באָבע לאה, פון די סאַמעטן און די זיידנס אין די וואַרשעווער קראָמען, און פון די עסנס אין העקסלמאַנס רעסטאָראַציע. אויך ער, סימכע גייגע, האָט זיך ס'ערשטע מאָל אין לעבן געלאָזט אויפנייען אַ לאַנגע חסידישע זיידענע קאַפּאָטע.

אַלע האָבן געפילט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין זיידנס אַסמאָלינער משפחה, אַ תקופה פון יחוס פאַר אַלעמען.

ווען ס'איז געקומען צו דער חתונה האָט דער זיידע ברוך איסגע־באַרגט ביי אַלע שכנישע פּריצים זייערע קאַטשן און זייערע שענסטע קאַרע פערד און זיי געשיקט נאָך קוטנע צו ברענגען די מחותנים, ר' יהושיעלע קוטנער און דעם חתן אויף דער חתונה. אויך זיין אייגענע קאַטש, וואָס ער האָט געקויפט לכבוד דער נייער תקופה, האָט דער זיידע ברוך אָקעגנגעשיקט נאָך קוטנע. קוטנע איז פול געוואָרן מיט פּריצישע קאַטשן. קוטנער יידן האָבן פול געמאַכט די געסלעך אַרום דעם רבס הויז און געגאַפט אויף דעם פּריצישן רחבות. די שוואַרצע פּריצישע פערד האָבן שטאָלץ געהירזשעט פאַר ר' יהושיעלע קוטנערס בית־דין־שטוב, און די אויסגעפוצטע קוטשעורס אין ליבעריעס און מיט לאַנגע וואָנסעס זיינען געשטאַנען אַרום דעם בית־המדרש און געקנאַלט מיט די בייטשן. די פּריצישע גויים זיינען געווען שיכורלעך פון דעם בראַנפן וואָס דער זיידע ברוך האָט זיי אין פולע פלאַשן מיטגעגעבן אויפן וועג.

קוטנער יידן האָבן לאַנג געדענקט דעם דאָזיקן צוג פון קאַטשן פאַר דעם רב און די מחותנים. צום מיינסטן האָט זיך געפאַרעט דער פעטער יעקל. הגם ער איז געשטאַנען פון דערווייטנס אויף די טרעפּלעך פון בית־המדרש און היפּשלעך מורא געהאַט פאַר די שיכורלעכע פּריצישע גויים מיט די בייטשן האָט ער פונדעסטוועגן געזאָגט מבינות אויף די פּריצישע קאַטשן. דער פעטער יעקל האָט געגעבן פאַרשיידענע „עצות" ווען מ'זאָל אַרויספאָרן פון קוטנע. פאַרשטייט זיך, אַז מען זאָל אַרויס־פאָרן דריי אַזייגער ביינאַכט, שלאָפן אָנגעטאָנענע אין די קאַטשן און עסן בחפזון אין די וועלדער.

דער פעטער יעקל האָט געהאַט זיין אייגנס אַן אידעם מיטן נאָמען ירחמיאל. ירחמיאל איז געווען אַ הויכער געלער ייד מיט אַ געל קאָזע־בערדל. אַלע האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר. ער אַליין, ירחמיאל, האָט דערין מודה געווען און יעדעס מאָל געזאָגט: „הערטס אַ מעשה, וואָס ווייס איך, איך בין דאָך אַ נאַר". זיין ווייב ראַצע, דעם פעטער יעקלס טאָכטער, איז געווען אַ קליינע, בלייכע און קרענקלעכע יידענע מיט אַן אויסטערליש לאַנגע גאָמבע און מיט אַ קוויטשיק קולעכל פון אַ צעבייזערטער אינדיטשקע. תמיד ווען ירחמיאל האָט געעפנט דאָס מויל, האָט ראַצע געזאָגט מיט איר קולעכל: „דו, ירחמיאל־לעבן, שוויג. אַ נאַר מישט זיך נישט אַריין ווען מענטשן רעדן". ירחמיאל האָט זיך

געצופט ביים גרעלן קאָזע־בערדל און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „ביסט געדערכט, ראַצע, אַ נאַר רעדט נישט אַריין צווישן מענטשן". פלעגט זיך ירחמיאלן ווערן אַמאָל עפּעס אַ זאָג טאָן און אַפילו גאָר צובאַמקען צום פעטער יעקלס „עצות", האָט אים דער פעטער יעקל באַלד איבערגעהאַקט, זיין איידעם ירחמיאל הייסט עס, און געזאָגט: „שווייג, דו ביסט אַ נאַר!"

פון דעם דאָזיקן ירחמיאל וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן, און איך דערצייל פון אים איצטער נאָר דערפאַר, ווייל די איינציקע טעמע וועגן וועלכער עס איז דערלויבט געווען ירחמיאלן צו רעדן, און ער האָט טאַקע זיין גאַנץ לעבן פון איר דערציילט וואו און ווען עס האָט זיך געלאָזט, און דערציילט מיט פולע שעפלעך און מיט אַלע פּרטים, איז געווען די טעמע וועגן די קאָטשן און דעם פּריצישן רחבות וואָס דער זיידע ברוך האָט פונאַנדערגעשפּרייט לכבוד דער גרויסער חתונה.

נאָך אַ סך, אַ סך צענדליקער יאָרן שפּעטער, ווען ירחמיאל איז שוין געווען אַ קראַנקער, צעבראָכענער ייד, אַ גרויסער בעל־מיחוש, אַ „גע־ברעכטער" אויף ביידע זייטן און פאַרהוקעט אַלס דער פּאַטענטירטער נאַר פון דער גאַנצער משפּחה, האָבן זיינע אויסגעלאָשענע און קרענקלעכע אויגן אויפגעלויכטן אין יענע זיסע דערינערונגען. דאָס קאָזע־בערדל אויף זיין גאָמבע האָט אויפגעציטערט. אַפילו זיין ווייב ראַצע און זיין שווער, דער פעטער יעקל, וואָס האָבן קיינמאָל ירחמיאלן נישט געלאָזט קיין וואָרט אויסרעדן און אים כסדר דערמאָנט אַז אַ נאַר דאַרף שווייגן, אויך זיי, די אייביקע שומרים פון זיין נאַרישקייט, זיינען אַנטשוויגן גע־וואָרן, ליב געשמייכלט און פריי געלאָזן ירחמיאלן זיך צעגיסן אין דער דערציילונג פון זיין איינציקער חשיבות, ד״ה, אין די זכרונות פון מיין פאָטערס חתונה. ירחמיאל האָט זיך טאַקע נישט געאיילט און דערציילט און איבערדערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אין אַסמולסק אין „הויף" האָט מען זיך דערווייל געגרייט צו דער חתונה. ווי איך האָב שוין אויבן דערציילט, האָט דער זיידע ברוך פאַר אַלע שוואָגערס זיינע, דעם פעטער לייזער־יוסף און דעם פעטער מרדכי־בער און פאַרן ברודער, דעם פעטער אברהמקע, געלאָזט מאַכן על־חשבונו — שפּאָגל־נייע זיידענע קאַפּאָטעס. זאָלן זיי, די פּראָסטע יידן, אויסקוקן לייטישער אין די אויגן פון די רבישע און רבנישע מחותנים. דער פעטער

ליזער־יוסף, וואָס האָט תמיד געלעבט אין זיינע פאַנטאַזיעס וועגן דער רוסיש־טערקישער מלחמה און געלייענט אַ פּוילישע צייטונג, האָט זיך גע־פילט אין דער זיידענער קאַפּאָטע ווי אין אַ מלבוש וואָס קומט אים טאַקע און שטייט אים גאָר שטאַרק אָן צו זיין אינטעליגענטישקייט. אין אַ מיט־וואָך פאַר דער חתונה האָט ער זיך אַפילו געפּרוּווט אינמיטן דערין אָנצוטאָן די שפּאָגל־נייע און קנאַקעדיקע זיידענע קאַפּאָטע. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטן פון דער שטוב און פאַרגאַנגען אין אַ חזניש שטיקל. וואָרעם דער פעטער ליזער־יוסף האָט ליב געהאַט זיך צוצוכאַפּן צום עמוד. ער האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל בעל־מנגן. די בייזע און גרינע מומע טויבע איז גראָד אַריינגעקומען מיט אַ טאָפּ זויער־מילך. זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען ווי דער פעטער ליזער־יוסף אין אַ זיידענער חסידישער קאַפּאָטע שטייט אַליין אין מיטן שטוב און ציקלט זיך אויפן קול. די מומע טויבע איז נאָך גרינער געוואָרן און האָט געטאָן אַ שטעל אַוועק דעם טאָפּ זויערמילך אויפן דיל. זי האָט אָנגעהויבן צו באַשיטן דעם פעטער ליזער־יוסף מיט אַ מענה־לשון, אַז ער איז באַלד געוואָרן נידעריקער מיט צוויי קעפּ, אויף אינדערגעשווינד אויסגעטון די זיידענע קאַפּאָטע און איז פאַרקראָכן אין שטאָל צווישן די הינער. די מומע טויבע האָט נאָך אַ לאַנגע צייט הויך געשריען אויף איר קוויטשיק קול, און דער פעטער ליזער־יוסף צווישן די הינער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט. דעם זיידנס ברודער, דער פעטער אברהמקע, האָט אויך באַ־קומען אַ זיידענע קאַפּאָטע. ער האָט אויף איר געקוקט מיט גרויס יראת־הכבוד און זיך מורא געהאַט צוצורירן צו איר ווי אַ פּראָסטער ייד צו אַן אתרוג. די מומע רויזע מיטן טערקישן שאַל און מיטן פויגל אויפן טשיפּיק האָט נישט אויפגעהערט זיך איינצובעטן ביים פעטער אברהמקע אַז ער זאָל פּרוּוון פאַר דער חתונה אָנמעטן איינמאָל אויף אַ טשיקאַוועסט די זיידענע קאַפּאָטע. די מומע רויזע האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר אַלטן אברהמקען ווי ער קוקט אויס אין יחוסדיקן און געהויבענעם מלבוש. עס האָט נישט געפעלט — דער פעטער אברהמקע האָט זיך אָנגעהויבן גאָר שטאַרק צו שיבערן און האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו דער זיידענער קאַפּאָטע. ער האָט זי אויסגעלייגט אויפן בעט און געשטאַנען און געקוקט אויף איר מיט אַ ווילדן דרך־ארץ. דערפאַר האָט זיך דער פעטער מרדכי־בער איינמאָל אין אַ זונטיק אויסגעפּוצט אין דער זיידענער

חסידישער הלבשה. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף די טרעפּלעך פון דער שענק און הויך געשריִען צו די פּויערים. די פּויערים האָבן דעם פעטער מרדכי־בער כמעט נישט דערקענט ווי ער שטייט דאָ אָנגעטון ווי אַ גוטער־ייִד. די מומע גענענדל אין די הויכע חדשים איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך נעבן דעם פעטער מרדכי־בער און געקייט אַ שטיק ברויט מיט פּוטער. דער פעטער מרדכי־בער האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן גאַנצן גראָבלעכן קול און פון גרויס תענוג געגעבן מיט אַלע זעקס פינגער דער מומע גענענדל אַ פעסטן קניפּ אין הינטן אַריין. די אומ־צייליקע מחנה פון זיינע קינדער האָבן זיך דערוויל געפּאַרעט ביים פול אָנגעשטעלטן קראָם־טיש און געכאַפּט פון די עסנס וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

קורץ אײדער ס׳זיינען אָנגעקומען די קאַטשן מיט די מחותנים, האָט דער זיידע ברוך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די פעטערס, אַז הגם זיי וועלן אַלע טאַקע טראָגן חסידישע זיידענע קאַפּאָטעס, פונדעסטוועגן זאָלן זיי, למען־השם, האַלטן דיסטאַנץ און זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן פון די אײדעלע מחותנים.

עס האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון די טראָמייטערס פון די קוטשערס.

דעם זיידנס פויערישע פּאַראָבקעס זיינען אָקעגנגעריטן אויף אויס־געפוצטע פערד. די פערד זיינען געווען באַצירט מיט גרינע צווייגן, בלעטער און פאַרביקע לייוונטשער טיכער און בענדער. (ס׳איז געווען תמוז־צייט.) די קאַפּעליעס יידישע קלעזמאָרים, וועלכע דער זיידע האָט צונויפגעזאַמלט פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן אויפגעשפּילט אַ ברוך־הבא. די בדחנים, ווי אויך דער לייב פון די בדחנים נח נאַשעלסקער, אָנ־געטאָן אין גרויסע סאַמעטנע יאַרמלקעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי כדי מקבל־פּנים צו זיין די גרויסע מחותנים מיט גראַמען און ספּעציעל פאַרפאַסטע חתונה־לידער פון זייער כבוד וועגן. דאָס קלאַפּן פון די קאַטשן־רעדער אויפן שאָסיי און דאָס שאַלן פון די טראָמייטן האָט זיך ראָש דערנעענטערט. די קאַפּעליעס האָבן זיך געריסן אויף זייערע אינ־סטרומענטן. די ווייבער, אַפילו די מחותנתטע די באָבע חיה, די כלה, די מומע רויזע אין טערקישן שאַל און אַלע אַנדערע משפּחה־ווייבער האָבן זיך באַהאַלטן אין די חדרים פון „הויף", כדי נישט צו שטערן מיט זייער־

ווייבערישער אַנוועזנקייט ווען עס וועט אָנקומען דער גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער, די גוטע־יידן און אַנדערע באַרימטע רבנים, וואָס זיינען געקומען אויף דער חתונה לכבוד ר׳ יהושיעלע קוטנער. די ווייבער האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די ווייסע פאָרהאַנגען פון די פענצטער און אַרויסגע־קוקט פאַרן גאַנעק צו זען ווי עס קומען אָן די מיוחסים מיטן חתן.

דער זיידע ברוך גזשיוואָטש האָט זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די בדחנים.

סימכע גייגע האָט זיך שוין געהאַלטן אַ ביסל פון „יענעם צד״. איז ער דאָך אַרומגעגאַנגען מיט דער באָבע לאה איבער די וואַרשעווער שניט־קראָמען איינצוקויפן זיידנס פאַר דער כלה, און איז אַפילו געווען ביי דער באַרימטער וואַרשעווער שניידערקע וואָס האָט גענייט קליידער פאַר די גבירישע וואַרשעווער ווייבער. ער, סימכע גייגע, האָט זיך אויך פאַרשאַפט ערגעץ אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, אין וועלכער ער האָט אויס־געקוקט ווי אַ פויערישער פורים־רב, און זיך געפּאַרעט ביי די טישן מיט בראָנפן, ווייַנען און לעקעכער, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן קלאָמב פאַרן פריצישן גאַנעק, כדי די מחותנים זאָלן קודם־כל עפּעס טועם זיין. סימכע גייגע האָט געטראָגן (ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן) אַ שוואַרצע סאַמעטענע יאַרמלקע. ער האָט שטאַרק געשוויצט, אַוועקגעטריבן די דאָרפס־שיקסעס וואָס זיינען געקומען קוקן, ער האָט זיי געטריבן מיט גראָבן פויערישן ניבול־פה, און געשמאַק געקייט אַ שטיק לעקעך.

די דריי פעטערס, דער פעטער אברהמקע, דער פעטער מרדכי־בער און דער פעטער לייזער־יוסף, וועלכע דער זיידע האָט שטרענג באַפוילן זיך נישט צופיל צו וואַרפן אין די אויגן פון די געהויבענע מחותנים, זיינען באַזונדער געשטאַנען הינטער דריי צייטיקע עפּל־ביימער און בגנבה אָפּגע־געקוקט. אַלע דריי זיינען געגאַנגען אָנגעטון די נייע זיידענע קאַפּאָטעס. דער פעטער אברהמקע איז געשטאַנען אַליין, אַן איינגעבויגענער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויפן גראָז, און זיך שטאַרק געשיבערט. צוזאַמען מיטן פעטער מרדכי־בער איז געשטאַנען די מעוברתע מומע גענענדל. דער פעטער מרדכי־בער איז אויך געגאַנגען אָנגעטון אַ גרויסע סאַמעטענע יאַרמלקע, און די שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטע איז אים געווען ברייט צע־קנעפּלט איבערן רחבותדיק אַרויסגעשטעלטן בויך. די מומע גענענדל האָט אים אַ דערשראָקענע געהאַלטן פאַר דער האַנט. זיינע ברענענדיקע

אויגן האָבן אַפּערגעפּינקלט פון הינטערן עפּל־בוים ווי די אויגן פון אַ לויערנדיקן וואָלף. מיט אַלע זעקס פינגער האָט דער פעטער מרדכי־בער אָפּגעשטופּט פון זיך די מומע גענענדל וואָס האָט זיך אַלץ פעסטער צוגעטוליעט צו אים, צום פעטער מרדכי־בער, גליך ווי זי וואָלט זיך געוואָלט שיצן פאַר דער פרעמדער אומהיימלעכקייט פון די אַנפּאַרנדיקע רבנים. אויך דער פעטער לייזער־יוסף איז געשטאַנען הינטער אַן עפּל־בויב צוזאַמען מיט דער מומע טויבע. ער איינער פון די פעטערס איז געווען שטאַרק געקרענקט דערפון וואָס דער זיידע ברוך האָט אים פאַרבאָטן פריי אַרומצוגיין צווישן די גרויסע מחותנים. דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיך געהאַלטן פאַר „עפּעס בעסערס" פון די איבעריקע פעטערס, לייענט ער דאָך אַ פּוילישע צייטונג, דערציילט פון דער טערקישער מלחמה און האָט ליב דעם עמוד. איבערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן וואָס אַזאַ סימכע גייגע דרייט זיך אַרום פראַנק און פריי ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן צווישן די קלעזמאָרים און בדחנים, און צווישן די טישן מיט כל־טוב, און ווער מן־הסתם זיין פון די ערשטע וואָס וועט זיך צושטופּן מיט זיינע גראָבע פּויערישע לאַפּעס צו ר' יהושיעלע קוטנער און אים דערלאַנגען דעם ברייטן שלום־עליכם. אַזאַ פּויערעץ! צו אַלעם מוז מען האָבן מזל, און דער שוואַרצער יאָר וויסט פאַרוואָס גראָד אָט דער סימכע גייגע איז מיטגעפּאָרן מיט דער באָבע חיה און דער כלה נאָך וואַרשע און דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער מחותן מיט דער מחותנתטע, ר' יהושיעלע קוטנערס שנור, געוואָרן אַ מבין אויף זיידנצייג און געפּרעסן די וואַרשעווער פישן און פליישן ביי העקסלמאַנען אין רעסטאָראַציע. (סימכע גייגע האָט נישט אויפגעהערט דערפון צו דערציילן אַפילו אין מיטן מאַרק פאַר די פּויערים. ער האָט דערציילט הויך אויפן קול און עס צוגעפּעפּערט מיט גראָבע פּויערישע ריד און פּויערישע קללות.) גראָד דער פעטער לייזער־יוסף האָט זיך זייער היימיש געפילט אין דער זיידענער חסידישער קאַפּאָטע און זיך אַלעמאָל אָפּערגעדרוקט פון הינטערן עפּל־בוים און געוואָלט אויף זיך ציִען אויפמערקזאַמקייט. דאָ האָט אים יעדעס מאָל די בייזע, שטאַרק אויסגעגרינטע מומע טויבע אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַרבל און אים, טאַקע אונטערן עפּל־בוים, דערלאַנגט אַ מענה־לשון אַז דער פעטער לייזער־יוסף איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן אין דער זיידענער קאַפּאָטע און געוואָרן שטיל און אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד.

אינצווישן זיינען די קאַטשן פאַרפאַרן פאַרן „הויף". די קוטשערס האָבן איינגעהאַלטן די צעהיצטע פערד.

די קאַפּעליעס קלעזמאָרים האָבן וואָס אַמאָל שטאַרקער געשפּילט, און די בדחנים האָבן אָנגעהויבן זייערע זאַגענישן. עס האָט זיך געהערט דאָס קלינגענדיקע לייבן־קול פון דעם באַרימטן בדחן נח נאַשעלסקער.

פון דער ערשטער קאַטש איז פאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען ר' יהושיעלע קוטנער אין אַ זיידענער בעקעשע און אין אַ סויבלענעם קאַלפּאַק. נאָך אים זיינען אַרויסגעגאַנגען זיין זון, דער זיידע ר' משהל, מיטן שוואַרץ־חנעוודיקן חתן.

אין אָט אַ דער קאַטש האָט זיך בגוואַלד אַריינגעשטופּט מיטצופאָרן דער פעטער יעקל. הגם צו פאָרן צוזאַמען מיט ר' יהושיעלע קוטנער אין איין קאַטש איז פאַרן פעטער יעקל געווען נישט פון די גאָר גרויסע תענוגים. קודם־כל האָט ר' יהושיעלע אַ גאַנצן וועג געלערנט אָדער גאָר געכאַפּט אַ שאַרפן תורה־שמועס מיטן חתן. פון ר' יהושיעלעס מויל פלעגן די שאַרפסטע חידושים, קשיות און תירוצים אַרויספליען מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט ווי פיילן פון אַ בויגן און מ'האָט געמוזט האָבן זייער אַ געניט לומדיש אויער כדי אויפצוכאַפּן די דאָזיקע שאַרפע תלמודישע געדאַנקען און געוואוינט זיין צו ר' יהושיעלעס חיתוך־הדיבור. מיין פאָטער, ווייל ער איז כסדר צוזאַמען געווען מיט דעם גאונישן זיידן זיינעם און געלערנט ביי אים „שיעור", איז שוין געוואוינט געווען צו ר' יהושיעלעס אופן פון רעדן. דערצו איז מיין פאָטער געווען דער עילוי און דער צוקונפטיקער צווייטער ר' יהושיעלע קוטנער. פאַרן פעטער יעקל אָבער איז עס אַ ביסן נישט צו פאַרדייען, און אים איז גיכער געווען צום האַרצן אַ שטאַרקער חסידישער טרונק בראַנפן, אַ חסידישע הוליאַנקע אין שטיבל, צו כאַפּן אַ קערטל מיט חסידים, אָדער גאָר אַ פּראָסט יידיש וואָרט פון וואורקע. ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט אים ר' יהושיעלע קוטנער שטאַרק איגנאָרירט און כמעט מיט אים נישט גערעדט. צו פאָרן צוזאַמענגעדריקט מיט ר' יהושיעלען אין איין קאַטש און אין אַזאַ ווילדע הויך געשפּאַנטע תורה־שטימונג האָט געמוזט זיין פאַרן פעטער יעקל אַ גרויסע פּיין. דאָס זייניקע האָט ער פאַרט אויסגעפירט! מחמת דער פעטער יעקל איז אין זיין טבע געווען אויסטערליש נייגעריק. ער

איז געווען נייגעריק ווי אַ קינד אויף אַלצדינג און אויף אַלעמען. איבער־הויפּט איז ער געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן די חתונה אין אַ פּריצישן „הויף", און דער מחותן, זאָגט מען, האָט מיליאַנען מיט רובלס. מיליאַנען מיט רובלס — דאָס איז עפּעס געווען פאַרן פעטער יעקל אַן אומהיימלעכער באַגריף. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע טעלער־לעך וועלן זיך אַראָפּלאָזן פון הימל לכבוד די מחותנים, און דער פעטער יעקל איז געווען קאַפּאַבל צו זען דער ערשטער ווי עס קוקן אויס די טעלער־לעך פון הימל, און ווי אַזוי מען וועט זופן יויך מיט גאָלדענע רענדלעך. ער האָט זיך אָנגעהערט פון די קאַפּעליעס קלעזמאָרים וואָס מ'האָט דאָ צונויפגעזאַמלט און פון די באַרימטע בדחנים וואָס וועלן זיך דאָ באַווייזן מיט זייערע לידער און זאַגענישן, און דער פעטער יעקל איז געווען אַ גרויסער בעלן אויף הוליאַנקעס, אויף קלעזמער, און ער האָט געחלשט פאַר אַ גוט בדחניש שטיקל. וואָס די כלהס משפּחה זיינען פּראָסטע יידישע ישובניקעס און קנאַפּע מבינים אויף די קליינע אותיות, האָט דעם פעטער יעקל קנאַפּ געאַרט. קודם האָט ער אין האַרצן אַליין נישט געהאַט קיין גרויסע ליב־שאַפט צו לומדים, וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט נישט מער ווי קרענקונג און האַרצווייטיק און אים איגנאָרירט. דערצו איז ער פול געווען מיט דער חסידישער פאָלקסטימלעכקייט, און אַ פריילעכער פּראָסטער ייד איז אים געווען פיל ליבער און היימישער ווי די אָנגעבלאָזענע און פאַר אים קנאַפּ פאַרשטענדלעכע לומדיש־רבנישע אַריסטאָקראַטיע. דער פעטער יעקל איז געווען אַן אמתער וואָרקער חסיד, פּשוט, אַן קונצן, פאָלקסטימלעך, און געהאַט אַ וואַרעם האַרץ מיט פּראָסטער וואָרקער אהבת־ישראל, דערצו אינפאַנטיל נייגעריק.

צוגלייך מיט ר' יהושיעלען און מיט די אַנדערע מחותנים, איז אויך דער משמש הירשל נאַמן שוער אַראָפּגעקראָכן פון קוטשערישן באָק. הירשל נאַמן איז דאָרט געזעסן צוזאַמען מיטן באַוואַנסעטן גוי און זיך פעסט אָנגעהאַלטן פאַר די אייגענע קעשענעס, מיט דעם גלויבן, אַז אַזוי אַרום וועט ער נישט אַראָפּפאַלן פון דער קאַטש, וואָרעם דער גוישער קוטשער האָט געטריבן די פערד אין שנעלן גאַלאָפּ. אַלע קעשענעס פון זיינע זיבן קאַפּאָטעס, וואָס הירשל נאַמן האָט געטראָגן איינע אויף די אַנדערע נישט געקוקט אויף דער גרויסער תמוז־היץ, זיינען געווען אָנגע־שטאָפּט מיט פולע פלעשער וואָסער. די פלעשער וואָסער האָט הירשל

נאמן מיטגעפירט אַזש פון קוטנע, כדי ר׳ יהושיעלע זאָל האָבן זיך צו וואַשן די הענט אין מיטן וועג.

הירשל נאמן איז געווען אַ הויכער, דיקלעכער ייד, מיט אַן אויסגע־קראַכן בערדל, מיט אַ היפּש נגידיש בייכל, און בלינד אויף איין אויג. ער האָט געהאַט צוויי פּרנסות: ער איז געווען נאמן אין קוטנער יאַטקעס, געהאַט צו טאָן מיט קצבים וועלכע האָבן פאַר אַט דעם האַלב־בלינדן ייד געציטערט אימת־מוות. זיינע זיבן קאַפּאָטעס זיינען שטענדיק געווען איינגעשמירט מיט בלוט און מיט פעטס, און ס׳האָט זיך געשפּירט פון זיי אַן אַלטער און איבלדיקער פליישריח ביז איילן פון דערווייטנס. דערצו איז ער געווען הויפּט־משמש ביי ר׳ יהושיעלע קוטנער. זיין עובדה איז געווען אַנצורייכערן ר׳ יהושיעלען די ליולקע, צו ברענגען געשאָכטענע גענדז פאַר דער באָבע פּריווע, און צו נעמען געלט ביי רייכע יידן, וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען צו ר׳ יהושיעלען. הירשל נאמן איז בכלל געווען אַ פריילעך יידל, תמיד געשמייכלט מיטן איינציקן אויג וואָס איז אים פאַרבליבן אויפן דיקלעכן פּנים. נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳האָט זיך כסדר געהערט פון אים אַ זויערלעך־איבלדיקער ריח פון פלייש און יאַטקע, האָט ער זיך אומעטום געשטופּט און ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט וואָרקער חסידים. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ווילדן חסידישן טענצער. פּורים און שמחת־תורה האָט ער זיך באַגלייך מיטן פעטער יעקל איינגעריסט מיט סאַזשע און געטאַנצט אינמיטן דער גאַס אין אַלע זיינע זיבן שטינקנדיקע קאַפּאָטעס, און דערביי הויך געזונגען אויף זיין קוויטשיק, כאַרכלדיק קול. דער ייד האָט כל־ימיו געהאַט אין דערהיים אַ ביטער און פינצטער לעבן. זיין ווייב איז געווען משוגע זינט איר ער־שטער קימפּעט אָן. דער פריילעכער און האַלב־בלינדער הירשל נאמן האָט זיין גאַנץ לעבן געמוזט פאַרברענגען מיט אַ משוגע ווייב. זי האָט פון זיך געריסן די קליידער, אַראָפּגעוואָרפן פון איר געגאָלטן קאָפּ די פאַרפעדערטע קופּקע, געבליבן שטיין אַ האַלב־נאַקעטע און געשלאָגן הירשלען מיט אַ בעזעם און אים געוואָרפן טעפּ אין קאָפּ אַריין. הירשל נאמן האָט אָפט געמוזט אַנטלויפן פון דערהיים ווי פון אַ שרפה, און שכנים האָבן טייל מאָל ביינאַכט נישט געקאָנט קיין אויג צוטאָן מחמת די ווילדע קולות פון דער משוגענער יידענע. הירשל נאמן איז אָבער תמיד געווען האָפערדיק און תקיפדיק און אויסגעלאָזט זיין כעס צו די געשאָכ־

טענע אָקסן און צו די קצבים. דאָס אַלץ האָט אים פונדעסטוועגן נישט גֶעשטערט צו האָבן מיט דער משוגענער יידענע אַ היפשע צאָל קינדער, גרויסע גיבורדיקע זין, וואָס זיינען נישט געגאַנגען בדרך־הישר און זיך געחברט מיט דער קוטנער אונטערוועלט און אַ ריי געזונטע מוידן מיט ברענענדיקע קרענקלעכע אויגן און שוואַרץ ווי די ווילדסטע ציגיינערינס. פאַר די טעכטער האָט ער געברענגט חתנים — ישיבה־בחורים — פון די אַרומיקע שטעטלעך און די איידעמס — בני־תורהס — האָבן געגעסן קעסט ביי הירשלען און ביי דער משוגענער שוויגער. די שוואַרצע טעכטער האָבן געשיט מיט קינדער און ביי הירשל נאַמן אין דערהיים איז געווען דאָס אמתע גיהנום. צו פאָרן מיט אַ קאָטש איז געווען פון די גרעסטע עולם־הזהס וואָס הירשל נאַמן האָט געהאָט אין זיין לעבן. טאָמער האָט ר׳ יהושיעלע קוטנער באַדאַרפט פאָרן אויף אַ בוררות אין אַ נאָענט שטעטל אַריין, אָדער פאָרן ערגעץ אין אַ שטעטל איינצושטילן אַ מחלוקה וועגן אַ רב, צי גאָר אויף אַ שבע־ברכות צו אַ גוטן־ייד, אָדער צו אַן אַנדערער תלמודישער אויטאָריטעט, האָט הירשל נאַמן — דער מיטפאָרנדיקער משמש — שוין אַזוי אויסקאָמבינירט, אַז ר׳ יהושיעלע זאָל דורכויס פאָרן אין אַ קאָטש. הירשל נאַמן — אויך אַ וואָרקער חסיד — האָט זיך דאָ כסדר אַרומגעקריגט מיטן פעטער יעקל. און דאָס רוב איבער דער קאָטש. וואָרעם דער פעטער יעקל — הגם קיינער האָט ביי אים נישט געפרעגט און מ׳האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעהערט צו זיינע עצות — האָט געהאָט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם מאַרשרוט פון יעדער ר׳ יהושיעלעס נסיעה. פאַרשטייט זיך, אַ קאַפּויערדיקע און לאָקירדע מיינונג. אַז די אויסגעבעבנקטע קאָטש איז פאַרפאָרן פאַר ר׳ יהושיעלעס בית־דין־שטוב, איז הירשל נאַמן גלייך אַרויפגעקראָכן אויפן באָק. די קעשענעס פון זיינע זיבן קאַפּאָטעס זיינען פול געווען מיט פלעשער וואַסער. ער איז געזעסן אַ שעה אויפן באָק און געוואַרט ביז ר׳ יהושיעלע איז אַרויסגעקומען און באַוויזן זיך אַריינצוזעצן אין דער קאָטש. אַזוי זיצנדיק אויפן באָק האָט ער זיך אַלץ כסדר געקריגט מיטן פעטער יעקל. דער פעטער יעקל איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון דער בית־דין־שטוב און געקוקט אויף הירשלען מיט גרויס קנאה. דער פעטער יעקל איז קיינמאָל מיט ר׳ יהושיעלען נישט מיטגעפאָרן, סיידן, פאַרשטייט זיך, אויף מיין פאָטערס חתונה.

פון דער צווייטער קאַטש, וואָס איז פאַרפאַרן פאַרן „הויף", איז אַרויסגעשטיגן דער קאַלישער רב, דער באַרימטער „נפש־חיה".

דעם נפש־חיהס באַרימטקייט אין פוילן האָט נישט געשטאַמט אַזוי פיל פון גאונות, נאָר פון זיין, אַזוי צו זאָגן, פאַרנעמער וועלטלעכקייט. אַלע גרויסע רבנים אין פוילן האָבן מער נישט געוואוסט ווי די ד' אמות של הלכה, האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע השגות אין די באַדערפענישן פון עולם־הזה, געלעבט אָרעם און באַשיידן ווי מלמדישע תלמידי־חכמים. דער „נפש־חיה" האָט ביי זיך געפירט גבירישן שטאַט. ער האָט גע־שטאַמט פון אַ גבירישער פאַמיליע אין קיר"ה, האָט חתונה געהאַט (ס'ערשטע מאָל) פאַר אַ גבירישער טאָכטער, אויך פון קיר"ה. די דאָזיקע רבנישע גבירישקייט און וועלטלעכקייט האָט ער מיטגעבראַכט אין דער פאַר־שלומפערטער און אביונישער אַטמאָספערע פון די פוילישע רבנים און גוטע־יידן. דאָס האָט גוואַלדיק אימפּאָנירט. ער האָט אַפילו זיינע טעכטער געלאָזט באַזוכן די שולן און זיי האָבן געקאָנט דייטש און פויליש און געלייענט שילערן און מיצקעוויטשן. די דאָזיקע געצערטלטע און שטאָלצע טעכטער זיינען געווען מער דאַמעס ווי רבנישע טעכטער און האָבן גאָרנישט געהאַט געמיינזאַמס מיט אַזאַ פאַרשלומפערטער ידענע ווי די צדיקת, די מומע שרהל. דער קאַלישער רב האָט זיך משדך געווען מיט די גרעסטע חסידישע גבירים אין פוילן, ווי ר' ישעיה פּריוועס, ר' יעקב ענגלמאַן, און ר' איטשע בלאָס. פון די דאָזיקע גבירישע יידן וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן. דער קאַלישער רב האָט געוואוינט אין טאַליעס און האָט זיך אויפגעפירט מער מעשה גביר ווי מעשה רב. ער האָט אַפילו לעבן זיין הויז געהאַט אַ בלומען־גאָרטן און אַלע אינדער־פרי אַליין אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין און אונטערגעבונדן די שיינע און אידעלע רויזן וואָס ער האָט געהאָדעוועט. פאַר אַ פוילישן רב איז עס געווען זייער עקזאָטיש, ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ יידישן שר. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ישוב־ארץ־ישראל לויט די באַ־גריפן פון יענע צייטן, האָט שטאַרק געוואָלט רעפאָרמירן די שנאָרערישע „חלוקה" און דערטאַפּט עפּעס אַ וואַרשעווער ייד אַ מעצענאַט און אים באַוואויגן צו בויען הייזער אין ירושלים. די הייזער, — וועגן וועלכע דער קאַלישער רב האָט געהאַט נישט קלאָרע קאָנסטרוקטיווע פּלענער — זיינען סוף־כל־סוף שפּעטער אַריינגעפאַלן צו דער „חלוקה". דער קאַלי־

שער רב האָט געהאַט מאָדערנערע פּלענער פאַר ישוב ארץ־ישראל ווי די בטלנישע פּוילישע רבנים, און ער האָט געהאַלטן פון די ייִדישע קאָלאָניעס וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן אין ארץ־ישראל. אין פּוילן גופא האָט ער געפירט אַ שטאַרקן קאַמף דערפאַר, אַז ייִדן זאָלן דורכויס בענטשן אויף ארץ־ישראל־אתרוגים. די פּוילישע רבנים האָבן עפּעס נישט געהאַלטן פון די ארץ־ישראל־אתרוגים. זיי האָבן געהאַלטן אַז די קאָר־פירער אתרוגים זיינען כשרער און שענער פאַר דער הייליקער מצווה פון אתרוג־בענטשן. איבערהויפּט האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף ארץ־ישראל־אתרוגים דער רבי פון גער — דער שפּעטערער „שפת־אמת" — און דער באַרימטער פּאָלעמישער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון־העניך. דער זעל־ביקער ר׳ גרשון־העניך האָט אויף אַ טשעקאַוועסט אויסגעפונען דעם חלזון־פיש און געפירט אַ פאַרביטערטע אַגיטאַציע אַז ייִדן זאָלן אָנהייבן צו טראָגן תכלת־ציצית. דער ראַדזינער רבי דורך זיין פּאָלעמישן און תקיפדיקן טאָן מיט וועלכן ער איז תמיד אויפגעטרעטן האָט דערמיט אַליין שאָדן געבראַנגט דער חלזון־זאַך. פּוילישע גוטע־ייִדן זיינען אַרויסגע־טרעטן קעגן דער רעפאָרם פון די בלויע ציצית און קיין אַנדערע, אַחוץ די ראַדזינער חסידים, האָבן די דאָזיקע בלויע ציצית נישט געטראָגן. און זיי טראָגן זיי נאָך היינט צו טאָג. דער זעלביקער ר׳ גרשון־העניך האָט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן קאָלישער רב מיט זיינע ארץ־ישראל־אתרוגים. דער קאָלישער רב האָט די אתרוגים פאַרטיידיקט אין אַ גרויסער „שאלה־תשובה". זי איז אָפּגעדרוקט אין אָנהייב פון זיין ספר „נפש חיה". אַזוי ווי דער ראַדזינער רבי האָט נישט געקאָנט אָנ־דערש פירן קיין קאַמף סיידן אין אַ ווילדן און באַליידיקנדיק־פּאָלעמישן טאָן, האָט זיך דער דאָזיקער ריין טעאָרעטישער קאַמף באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ מוראדיקער שנאה. דער ראַדזינער רבי האָט אָנגעהויבן זיך צו באַ־נוצן אין קאַמף מיט מיאוסע פּערזענלעכע אָנפאַלן אויפן קאָלישער רב. ער איז אָנגעפאַלן אויף די סאַליעס, אויף די רויזן — ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע אַלע גבירישקייטן זיינען בפירושער חוקת־הגוי — אויף דעם וואָס דעם קאָלישער רבס טעכטער לערנען פרעמדע שפּראַכן, און דער עיקר וואָס ביים קאָלישער רב אין הויז ווערן געהאַלטן גוישע דינסטן. די קעגנערשאַפט צו גוישע דינסטן איז געווען די הויפּט־לייַדנשאַפט פון ראַדזינער רבין און ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ גרויסע „שאלת־

תשובה" אין זייער אַ פּאָלעמישן טאָן און מיט ווּיסטע אָנפאַלן אויפן קאַלישער רב. די „שאלות־תשובה" איז אַפּגעהרוקט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די צווייטע פרוי פון קאַלישער רב, ר' יהושיעלע קוטנערס טאָכטער, די יחוסדיקע מומע שפרה־מירל, איז אַמאָל געקומען צו איר פאָטער מיט אַ געוויין, אַז ער, ר' יהושיעלע, זאָל מער דעם ראַדזינער רבי נישט לאָזן איבער דער שוועל. (ווי איך וועל שפּעטער דערציילן מיט מער פּרטות, איז דער דאָזיקער אָריגינעלער ראַדזינער רבי אָפּט געקומען צו פאָרן צו ר' יהושיעלען.) דער געלאַסענער און אַריסטאָקראַטישער קאַלישער רב האָט צום סוף געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט קאַליש. די סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע: אַלס אַ גרענעץ־שטאָט ביי דייטשלאַנד, האָבן אין קאַליש געוואוינט אַ סך רייכע פאַרגעשריטענע יידן, א"ג „דייטשן". עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן בערלינער ווינטן און די קאַלישער „דייטשן" האָבן געוואָלט רעפאָרמירן די שול, ד"ה, אַוועקשטעלן דעם באַלעמער אין דער זייט לעבן אָרון־קודש. דער קאַלישער רב האָט אויפגענומען מיט אַט אַ די „דייטשישע" גבירים אַ גרויסן קאַמף. דער סוף איז געווען, אַז די „דייטשישע" רעפאָרמער האָבן זיך גענומען צום גוט אויסגעפּרואווטן מיטל, מיט וועלכן מ'פלעגט קעמפן און אַנטשיידן מחלוקתן אין יענע צייטן, נעמלעך, אַז זיי האָבן דעם קאַלישער רב שיין אונטערגעמסרט ביים גובער־נאַטאָר. דער „נפש־חיה" האָט געמוזט פאַרלאָזן קאַליש. ער איז אַוועק קיין וואַרשע. אַזוי ווי ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט זיין וועלטלעכקייט, האָבן די גרעסטע יידישע גבירים אין וואַרשע ביי אים אויסגעטראָגן זייערע דין־תורהס און סכסוכים. אויך אין וואַרשע האָט ער געוואוינט אין סאַליעס און געפירט גבירישן שטאַט. שפּעטער איז דער קאַלישער רב געוואָרן דער רב פון פּיעטריקאָוו.

נאָר כ'וועל זיך אומקערן צו די אָנפאַרנדיקע קאַטשן.

פון די אַנדערע קאַטשן זיינען דערוויל אויסגעשטיגן די אַנדערע חשובע חתונה־געסט. ירחמיאל, דעם פעטער יעקלס אידעם, איז געזעסן אויפן באַק צוזאַמען מיטן גוי. ער האָט זיך נישט געקאָנט געגוג אָנוואונ־דערן און אָנוואונדערן פון די אַלערליי חידושים וואָס זיינע אויגן האָבן געזען במשך פון דער לעגענדאַרער נסיעה. דאָס אַלצדינג וואָס ירחמיאל האָט זיך אָנגעזען זינט דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער קאַטש אין קוטנע ביז נאָך די שבע־ברכות, האָט אויף אים גע־

מאַכט דעם גוואַלדיקסטן איינדרוק און ענדלעך אַזוי געוועקט זיין זעלבסט־געפיל, אַז דאָס איז געבליבן דער איינציקער הערזאַישער און ליכטפולער פונקט אין זיין שפּעטערן לעבן, אַ לעבן וועלכעס ער האָט פאַרברענגט אונטער דער [illegible] פון זיין ווייב ראַצע און אין דער הערשאַפט פון פעטער יעקל. דער פעטער יעקל האָט ירחמיאלן כסדר געקרויגט אַלס דעם נאַר און דעם שלימזל פון דער משפּחה. הגם וואָס שייך שלימזלדיקייט איז זיכער דער פעטער יעקל געווען דער גרעסערער לא־יוצלח. מחמת ירחמיאל איז סוף־כל־סוף געוואָרן קוטנער שוחט, געהאַדעוועט אויף זיינע הענט אַ גרויסן פאַרבלוטיקטן נאָגל מיט וועלכן ער האָט געפּראַוועט זיינע גרויסע בליצנדיקע חלפים. ווען ירחמיאל — איך געדענק עס נאָך — האָט זיך באַוויזן אין די קוטנער גאַסן מיט די דאָזיקע ווילד־בליצנדיקע חלפים, מיט דעם פאַרבלוטיקטן קאָזע־בערדל, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ גייט דאָס געשוועסטערקינדל פון מלאך־המוות אַליין, נישט מער וואָס דער דאָזיקער יידישער בלוט־גזלן איז נעבעך שטענדיק געגאַנגען אָן איינגעבויגענער, געטראָגן אויף זיך זיינע הונדערט מיחושן, און דער עיקר, ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן מיט די חלפים ווען עס האָט זיך באַוויזן דאָס מינדסטע הינטל אין גאַס. דאָ איז ירחמיאל בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. אַזוי ווי ער האָט זיין קרענקלעך און אויסגעמאַטערט ווייב ראַצע געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אויטאָריטעט — ירחמיאל אַליין, וואָס האָט אָפּגעשאָכטן די גרעסטע אָקסן האָט פאַר דער דאָזיקער בלאַסער יידענע געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער — האָט ער קודם־כל ביי יעדן הינטל וואָס ער האָט דערזען, אינסטינקטיוו אַ געשריי געטאָן: ראַצע! ער האָט ראַצען גערופן צו הילף, ווען אַפילו דער דאָזיקער הילפסרוף האָט נישט געקאָנט דערגרייכן ראַצעס אויערן, מחמת דאָס הינטל האָט זיך גאָר באַוויזן אויף די פעלדער פאַרן שעכט־הויז, פון וואַנען מען האָט געהערט רעדן די פעטע אָקסן וואָס האָבן געוואַרט אויף ירחמיאלס חלפים. ירחמיאל מיטן פאַרבלוטיקטן קאָזע־בערדל און מיט די בליצנדיקע חלפים אין די הענט האָט געשריען: ראַצע!

צוריק צו די קאַטשן. —

נאָכדעם זיינען אָנגעפאָרן די קאַטשן מיט די חשובע מחותנתטעס. פון דער ערשטער קאַטש איז אַרויסגעגאַנגען די באָבע פריווע מיט דער קאַלישער רביצן. די קאַלישער רביצן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר

שטאָלצן גרויסשטאָטישן הילוך, זי האָט געהאַלטן די אַלטע זייער פּראָווינ־ציאַלע באָבע פּריווע ביי דער האַנט און זיך כמעט אויף קיינעם נישט אומגעקוקט, נישט אויף די שפּילנדיקע קאַפּעליעס קלעזמאָרים, נישט אויף די זינגנדיקע בדחנים. אַפילו נישט אויף דעם באַרימטן נח נאַשעלסקער, וואָס האָט אינמיטן דעם געטומל געזונגען און געזאָגט מיט זיין לייבן־קול וואונדערלעכע און קונציקע בדחנישע שטיקלעך. נישט אַזעלכע פּראָסטע און פאָלקסטימלעכע ווי די קנאַפּערע בדחנים. נחס בדחנות איז געווען דורכגענומען און דורכגעפלאָכטן מיט קונציקע קאָמבינאַציעס פון תלמוד און מדרשים און באַפּעפּערט מיט נוטריקון און גמטריאות וואָס איטלעכע באַזונדער האָט אין זיך געטראָגן די נעמען פון חתן און פון זיינע הייליקע עלטערן. די קאַלישער רביצן, די טאָכטער פון ר׳ יהושיעלע קוטנער און דאָס ווייב פון קאַלישער רב, וואָס האָט איצט געוואוינט אין אירע וואַר־שעווער סאַליעס, געגעסן יעדן טאָג צום אָנבייסן לעקעך און פּוטערקוכן און זיך געחברט מיט די גרעסטע גבירישע ווייבער פון וואַרשע, זי, די קאַלישער רביצן, צוגעוויינט צו דער ראַציאָנאַלער ספערע פון פּלפול און לומדות, האָט אַרויסגעוויזן איר גרויסן ביטול צו די אַלע ווייבערישע נאַרישקייטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר ווייבער און פּראָסטע מענטשן. דערפאַר איז די אמתע מחותנתטע, די באָבע לאה — וואָס איז אַרויסגעשטיגן די דריטע נאָך די קאַלישער רביצן — געווען אַ גרויסער מאַדים אויף קלעזמערישע און בדחנישע שטיקלעך. אין וואורקע איז זי געוואוינט געווען צו גראַמען. דער „יונגער וואורקער״ האָט אַליין גע־גראַמט אויף יידיש. אויך איר מוטער, די באָבע בלימעלע, האָט ליב געהאַט צו גראַמען אויף פּראָסט יידיש.

אין דער צווייטער ווייבערישער קאָטש איז געזעסן די צדיקת די מומע שרהל — דעם פעטער יעקלס ווייב — מיט אירע טעכטער. ראַצע איז די ערשטע אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאָטש און אָנגעהויבן אַרומצוזוכן ירחמיאלן, וואָס איז דערווייל מיט אַלע זיינע הונדערט מיחושן אַראָפּגע־קראָכן פון באָק. דאָס פּנים האָט ירחמיאלן געפלאַמט פון די גרויסע וואונדער און דאָס געלע קאָזע־בערדל האָט ביי אים געציטערט אויף דער גאָמבע. ער האָט זיך געוואונדערט אויף אַלץ און אויף אַלעמען, אויף די פּויערים, וועלכע זיינען געשטאַנען פון דערוויטנס אין זייערע פאַר־ביקע לוויטשער סוקמאַנעס, אויף די אויבס־ביימער וואָס זיינען אָנגע־

לאָדן מיט די פאַרשיידענע גלוסטיקע פירות, פירות, וועלכע ירחמיאל האָט געזען בלויז אין די קאָשיקעס אויפן קוטנער מאַרק. דאָ וואַקסן זיי טאַקע אויף הפקר ביים ידישן פּריץ. היינט אַזוי פיל קלינגענדיקע קאַפּעליעס און זינגענדיקע בדחנים. און די טישן מיט כל־טוב. אַזוי פיל לעקעכער, און בראַנפנס, און וויינען. ירחמיאל האָט עס נאָך קיינמאָל אויף די אויגן נישט געזען. קיין עין־הרע, אַזאַ מיליאָנערישע שפע. דער קאָפּ איז אים נאָך פול געווען מיט אָן אַנדער וואונדער, נעמלעך, אויף די פעלדער וואָס ירחמיאל איז אַדורכגעפאָרן מיט דער קאַטש האָט ער געזען אַזוי פיל אָקסן און קי וואָס פּאַשען זיך סטאַדעסווייז אַדער אַקערן די ערד. ירחמיאל איז געוואוינט געווען, אַז די דאָזיקע בהמות זאָלן ליגן גע־בונדענע אין שעכט־הויז און ירחמיאל זאָל איבער זיי מאַכן אַ ברכה און זיי אָפּעקקוילענען מיט זיינע גרויסע בליצנדיקע חלפים. טאַקע אַ וועלט פון סאַמע וואונדער און חידושים! ירחמיאל האָט אפילו באַלד אויפן אָרט נושא־חן געווען ביי סימכע גייגען, וועלכער האָט אין דער לאַנגער שוואַר־צער קאַפּאָטע און אין דער הויכער סאַמעטענער יאַרמלקע אַ פאַרשוויצטער אַרומגעשמיצט צווישן די טישן מיט כל־טוב, צווישן די רבנים און די רביצנס, און געשריען אויף די פויערים און געטריבן די שיקסעס. סימכע גייגע האָט זיך גאָר צעריסן און דערביי נישט פאַרגעסן צו קייען פון די גרויסע שטיקער לעקעך. דער אומבאַהאָלפענער פרעמדער ירחמיאל איז גע־שטאַנען אינמיטן דעם חתונה־געטומל, געציטערט מיטן געלן קאָזע־בערדל, און אַ פאַרלוירענער זיך אומגעקוקט, וואו איז ערגעץ ראַצע. ער איז גלייך סימכע גייגען געפאַלן אין די אויגן אַריין: „זעט זיך אויס פון די מיוחסים אָבער פונדעסטוועגן אַ שטיל, אומשעדלעך מענטשל, וואָס וועט צו זיך לאָזן רעדן". סימכע האָט טאַקע ירחמיאלן גלייך אַריינגעשטעקט אין מויל אַריין אַ מוציא לעקעך. ירחמיאל האָט נעבעך אָנגעהויבן צו קייען מיט גרויס שרעק און אומבאַהאָלפנקייט, און קוים אַרויסגעשריען: ראַצע. דער געזונטער און אויפגעהייטערטער סימכע גייגע האָט אים אויפן פויערישן אופן גלייך גוט־ברודערלעך אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע און האָט אים אויף ס'כוח צוגעשלעפּט צו די טישן מיט כל־טוב. אַ פויערל וואָס איז געשטאַנען אין וועג האָט סימכע גייגע אַ קאָפּ געטאָן מיטן גע־קאָוועטן שטיוול אין הינטן אַריין און הויך אויפן קול פון זיך אַרויסגעלאָזט אַ גראָבע פויערישע קללה. ירחמיאל נעבעך האָט געבעבעט: „ראַצע"!

נאָר עס האָט אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ער איז געווען ביי סימכע גייגען אין די הענט.

דערוויל האָט מען מקבל־פּנים געווען די מחותנים. דער זיידע ברוך האָט זיך צוגעשטופּט צו ר׳ יהושיעלע קוטנער און צום חתן און מיט גרויס אונטערטעניקייט דערלאַנגט ר׳ יהושיעלען „שלום־עליכם״. אויך צום „נפש־חיה״. ער האָט זיי צוגעפירט צו די געדעקטע טישן און געזעצט ר׳ יהושיעלען און דעם „נפש־חיה״ פון אויבן אָן. דער חתן איז געזעסן אינמיטן צווישן די צוויי וועלט־באַרימטע גאונים. ביסלעכווייז האָבן זיך אויך די אַנדערע חשובע געסט פונאַנדערגעזעצט אַרום די טישן. אַלע האָבן געוואַרט ביז ר׳ יהושיעלע וועט טועם זיין דער ערשטער. ווען ר׳ יהושיעלע האָט איבערגעביסן דאָס ערשטע שטיקל לעקעך, האָבן זיך אַלע, הונגעריקע, אַ וואָרף געטאָן צום עסן. דער פעטער יעקל האָט זיך דער־וויל אַרומגעקריגט מיטן משמש הירשל נאַמן, פון וועמען עס האָט זיך אַפילו אינמיטן דעם אויבס־סאָד געהערט דער ריח פון די קוטנער יאַטקעס. פון הירשל נאמנס קעשענעס האָט זיך געגאָסן וואַסער. דאָס האָבן די פלאַשן אין די קעשענעס פון זיינע זיבן קאַפּאָטעס זיך פונאַנדערגעפּראַפּט לכבוד דער גרויסער שמחה, און פון הירשל נאמן האָט געפּליעצט ווי פון אַ פאָנטאַן. דער פעטער יעקל האָט עפּעס געזאָגט „עצות״, נאָר אין דעם גרויסן גע־רודער האָט קיינער נישט געהערט. דער פעטער יעקל האָט ענדלעך אויסגעזוכט זיין איידעם ירחמיאל און זיך מיט אים אַנידערגעזעצט ביים טיש. אַלע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין אויפן גראָז פאַרן „הויף״, געגעסן לעקעך און הויך געטרונקען לחיים צו די גרויסע רבנים און צום חתן. בלויז די דאָרפישע פעטערס אין זייערע זיידענע קאַפּאָטעס זיינען געשטאַ־נען אונטער די עפּל־ביימער און זיך נישט געוואַגט צוצוגיין צו די טישן מיט די מחותנים.

אינצווישן איז אויך די באָבע חיה מיט דער כלה אַרויסגעקומען מקבל־פּנים צו זיין די מחותנתטעס. צווישן די מחותנתטעס האָט זיך גע־פּאַרעט סימכע גייגע. ווי אַ גוטער באַקאַנטער האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט צו דער באָבע לאה. סימכע גייגע האָט געשריען און געלאַכט הילכיק אויפן גאַנצן גראָבלעכן קול און צוגעפירט די מיוחסדיקע ווייבער צו דער באָבע חיה מיט דער כלה. וועלכע זיינען נישט־דרייסטע געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון דעם „הויף״־גאַנעק און געקוקט. די רביצנס און

די קוטנער ווייבער האָבן זיך דערנענטערט. מ'האָט די מחותנתטעס צוגעפירט צו געדעקטע טישן וואָס זייַנען געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט „הויף", ווייט פון די מאַנסבילן. אויך דאָרט האָט געשפּילט אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים. אויבן־אָן פון ווייבערישן טיש האָט מען אַוועקגעזעצט די באָבע פּריווע מיט דער קאַלישער רביצן. צווישן זיי די גישט־דרייסטע כלה. ס'ערשטע מאָל אין לעבן איז זי געזעסן מיט רביצנס. אויך דאָ איז געווען וויין מיט האָניק־לעקעך, נאָר אַנשטאָט פלעשער מיט פשוטן בראָנפן האָט מען אַוועקגעשטעלט קאַראַפינקעס מיט זיסע געפאַרבטע ווייבערישע ליקערן.

סימכע גייגע אין דער הויכער סאַמעטנער יאַרמלקע און אין דער צעקנעפלטער שוואַרצער קאַפּאָטע האָט זיך געפּאַרעט ביי די ווייבערישע טישן, האָט הויך אויף זיין פּויעריש קול זיך געזוינטשעוועט מיט אַלע רביצנס און אונטערגעיאָגט די כלה, אַז זי זאָל זיך נישט שעמען. ער האָט זיך געפילט צווישן די חשובע ווייבער אויפגעהויבן אין אַלע זיבן הימלען, און האָט זיך בכיוון נישט אומגעקוקט אויף די פּראָסטע פעטערס וואָס זייַנען געשטאַנען פון דערווייטנס אין זייערע נייע זיידענע קאַפּאָטעס ווי עפּעס פרעמדע נישט־דאָאיקע יידן. ווען מ'האָט זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, זייַנען אַלע מחותנים, סיי די רבנים און סיי די רביצנס, אויפגעשטאַנען פון די טישן. מ'האָט זיי אַוועקגעפירט אין צוגעגרייטע חדרים, זיי זאָלן זיך אַ ביסל צולייגן און אויסרוען פון דער לאַנגער נסיעה און זיין אויסגערוטע אויף מאָרגן צו דער גרויסער חתונה.

דער פעטער יעקל האָט זיך געפּאַרעט מיט זיין איידעם ירחמיאל, און אים הויך, אין אַלעמענס אויגן, גערופן נאַר.

אַלע קאַפּעליעס פון די קלעזמאָרים האָבן אויפגעהערט צו שפּילן און ס'איז געוואָרן שטיל.

# קאַפּיטל אַכט

בוידן מיט יידישע אָרעמעלייט אויף די פּוילישע וועגן. אין די בוידן, הינטערן אויוון אין די בתי־מדרשים און אין די הקדשים דערציילן אָרעמע יידן פון ר' יהושיעלע קוטנער. די יידישע אָרעמעלייט צווישן די דאָרפס־יידן. די יידישע אָרעמעלייט ביי דער באָבע חיה אין קיך. די אָרעמע ווייבער בענטשן שבת־ליכט אויף די פעלדער. אין די בעטלערישע בוידן דערציילט מען ווי מען גרייט זיך אויף מיינע עלטערנס חתונה. דער זיידע ברוך הייסט עפענען דעם שייער און דעם סאָד פאַר די אָרעמעלייט. דאָס אָרעם־מאָלצייט.

אין יענע צייטן און שפּעטער נאָך אין מיינע יוגנט־יאָרן זיינען די יידישע בעטלערס אין פּוילן געווען איינגעטיילט אויף צוויי קלאַסן: ס׳זיינען געווען איינגעזעסענע שטאָט־בעטלערס, מאַנסביל׳ישע בעטלערס, און פאַרשיידענע אַלטע און יונגע ווייבערישע בעטלערקעס. זיי האָבן געוואוינט אין די אָרעמסטע הינטער־געסלעך צוזאַמען מיט דער יידישער אונטערוועלט, צוזאַמען מיט די קאַטערינקע־שפּילער, קונצן־מאַכער, גנבים און „פריילעכע הייזלעך". אין זייערע הינטער־געסלעך האָבן די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס גאָרנישט אַזוי עלנט אויסגעקוקט. פרייטיק האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שנאָר — און דאָס גאַנצע בילד פון יידישער בעטלעריי איז אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך. מ׳האָט זיך ספּעציעל אָנגעטון אין צעריסענע שמאַטעוואַטע בגדים, אַרויסגעשטעלט פאַרן צושויער די אויסטערלישסטע גופישע מומים, כדי צו וועקן רחמנות. צווישן די בעטלערס האָבן זיך אין די פרייטיקן געוויזן פאַרשיידענע אימיטירטע און געמאַכטע קאַליקעס, קאַליקעס מיט פאַרבונדענע העלדזער, פּנימער און הענט, קאַליקעס אויף קוליעס, און בעטלערישע קאַליקעס וואָס האָבן זיך געריטשט אויף דער ערד. די ווייבער האָבן זיך געמאַכט אַלט, העסלעך און געבערעכלעך. מחנותוויז האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט איבער די יידישע הייזער און איבער די יידישע קראָמען. מ׳האָט ניש געבעטן. מ׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט שטיל און אָנגעכמורעט און געמאָנט די גראָשנס און די פּרוטות. און ווי צו דעם וואָס האָט געפּראַוועט נישט צו געבן. זיי האָבן וויסט געברומט און געפּלוכט. אינעם מויל פון די פאַרבונדענע קעפּ פון די שמוציקע און פאַרשמאַטעטע בעטלערס האָבן די אויסטערלישע קללות באַזונדערס אָפּגעקלונגען מיט פינצטערע און יענע־וועלטישע אומהיימלעכקייטן.

אָבער אין פוילן איז נאָך געווען אַן אַנדער סאָרט פון ייִדישע בעט־לערס, נעמלעך, די וואַנדערנדיקע בעטלערס איבער די פעלדער און דער־פער פון ייִדישע ישובים אין פוילן. אַזוי גערופענע בעטלערישע ייִדישע „מדינה־גייער. מדינה־וואַנדערער. מענדעלע מוכר־ספרים אין „פישקע דער קרומער" באַשרייבט אַזעלכע וואַנדערנדיקע ייִדישע אָרעמעלייט פון וואָלין. אָבער אויך אין פוילן זיינען זיי געווען. זיי האָבן געפירט אַ מין ציגיינער־לעבן. אָבער זיי האָבן נישט געמאַכט קיין קופּערנע קעסלען ווי די ציגיינער, נישט געגנבֿעט קיין פערד, נישט געלייגט קיין קאָרטן, נישט געהאַט קיין אייגענע סטאַדע־מלכים און נישט געוואוינט אין ביידלעך אין די פוילישע וועלדלעך אָדער אויף אָפענע אָפּגעשניטענע פעלדער נעבן די פוילישע דערפער. אויך די ייִדישע בעטלערס האָבן זיך גע־שלעפּט פון ישוב צו ישוב אין צעבראָכענע ליוונטענע בוידן, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין קראַנקע, קאַליקע און האַלב־בלינדע פערד. די בוידן האָבן זיך קוים געשלעפּט איבער די פוילישע וועגן אָנגעפּאַקט מיט גאַנצע משפחות פון וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך געשלעפּט פון ישוב צו ישוב, גענעכטיקט ביי די ייִדישע שוויגערס און שענקערס אין די שייערס און אויף די סטויגן היי. די אָרעמע ייִדן האָבן זיך געדרייט אין די שטאַלן צווישן די קי און אויסגעבעטלט אַ ביסל מילך און פריש געבאַקן דאָרפיש ברויט. אויף שבת פלעגן זיי ציען צו די רייכערע ייִדישע ישובניקעס. טאָמער האָט אין אַ נאָענטער געגנט גע־וואוינט אַ ייִדישער פּריץ, דאַן האָבן שוין אין די דאַנערשטיקדיקע פאַר־נאַכטן (ס'רוב זומער, מחמת אין די שנייאיקע ווינטערס זיינען די ייִדישע אָרעמעלייט כמעט ווי פאַרשוואונדן פון די פוילישע וועגן. זיי האָבן אי־בערגעוואַרט די קאַלטע חדשים אין די הקדשים וואָס האָבן זיך געפונען האַרט לעבן די בית־הקברותן פון די ייִדישע שטעטלעך) אָנגעהויבן פון אַלע וועגן צו ציען די ליוונטענע בוידן מיט די וואַנדערנדיקע ייִדישע אָרעמעלייט. ביי די ייִדישע פּריצים האָבן זיי זיך אויך צעלייגט איבער די שייערן און איבער די סטויגן מיט תבואה און היי. ס'רוב זיינען עס געווען טיף שוויגנדיקע אָרעמעלייט. פון זייערע צעריסענע בגדים האָט געשמעקט מיט זון און מיט פעלד. די ווייבער און די מוידן האָט מען זעלטן געזען, זיי זיינען געווען פאַרטון מיט קאָכן און מיט דער באַלעבאַ־טישקייט. צו בעטלען צווישן די דאָרפס־ייִדן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט

די מאַנסבילישע אָרעמעלייט. איך צווישן זיי און זייערע ווייבער זיינען געווען אויסטערלישע קאַליקעס, לאַמע, קרומע, בלינדע און קרעציקע. די קאַליקעס האָבן זיך געפּאָרעט אין די סטאַדאָלעס, האָבן צוזאַמענגעקערט און צונויפגעשאַרט פון די זאַמדן און פון צווישן די שטיינער לעבן די שייערן, שטיקלעך היי, פאַרפוילט שטרוי. זיי האָבן געריסן גראָז אין די ראָוועס — דאָס האָט געזאָלט זיין די פּאַשע פאַר די אויסגעקרימטע, הויט־און־ביינקע מיט בלוטיקע און שמוציקע אויגן און פאַרוואָרלאָזטע פערד. די בעטלערישע פערדלעך זיינען עניוותדיק און איינגעבויגענע געשטאַנען צוגע־בונדען צו די לייוונטענע בוידן און געדרייט מיט די ווינציקע אויסגעקראַ־צבענע ווידלען און געיאָגט פון זיך די פליגן און מוקן וואָס האָבן זיך מחנותוויז אַראָפּגעלאָזט אויף די צעשונדענע פעלן פון די פערדלעך און געביסן און געזויגן ביי זיי דאָס בלוט.

נאָך אין מיינע יוגנט־יאָרן איז די גרויסע קיך אין „הויף" פול גע־ווען מיט די אָפּגעריסענע, שוויגנדיקע אָרעמעלייט. זיי זיינען געקומען אַהין מיט טאָרבעס און טונקעלע ערדענע טעפּ און געבעטן מילך און ברויט. די באָבע חיה האָט דאַן געלאָזט אויפשטעלן אויף דער צעפּלאַ־קערטער קיך גרויסע טעפּ, וואו עס האָט זיך געקאָכט קלייען־באָרשט פאַר די אָנגעפּאַרענע אָרעמע יידן. די דינסטן און די שיקסעס וואָס האָבן גע־דינט ביים זיידן אין קיך, האָבן אָנגעגאָסן פאַר די אָרעמעלייט גרויסע און פולע שיסלען מיטן מילכיקן און שמעקנדיקן קלייען־באָרשט. מ'האָט פאַר זיי אָנגעשניטן גרויסע שטיקער ברויט, דיק באַשמירט מיט פּוטער און באַלייגט מיט קעז. די אָרעמע יידן האָבן שווייגנדיק געזופּט דעם באָרשט און געקייט דאָס ברויט. זיי האָבן נישט געדאַנקט און בכלל נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט. זיי האָבן בייז אַריינגעברומט אין זייערע ווילדע פאַרוואָרלאָזטע בערד, געמאַכט אַ ברכה, אָדער געשווינד געבענטשט נאָכן עסן. דאַן האָבן זיי אַריינגעלייגט אין די טאָרבעס די ברויטן און אַריינ־געגאָסן אין די ערדענע טעפּ די מילך וואָס די באָבע האָט זיי געגעבן, — און נישט רעדנדיק קיין וואָרט אַוועקגעגאַנגען.

פרייטיק אין אָוונט האָט מען לעבן די שייערס אויפן פעלד און לעבן די אויסגעשפּאַנטע לייוונטענע בוידן געזען די קליינע גראַשנדיקע שבת־ליכטלעך וואָס די בעטלערישע ווייבער האָבן אָנגעצונדן.

פרייטיק צו נאַכטס זיינען די אָרעמע יידן געקומען דאַווענען און זיך שווייגנדיקע אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר און געוואַרט. די דאָרפס־שול האָט זיך אָנגעפילט מיט די ריחות פון זייערע קאַפּאָטעס. עס האָט געשמעקט מיט פעלד און מיט זון. איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען אַריינקוקן אין אַ סידור אָדער דאַווענען. זיי האָבן כסדר געשוויגן ווי שטומע. שפּעטער האָט מען זיי אַריינגענומען אין קיך, געגעבן גרויסע שטיקער חלה מיט פישיויך. זיי האָבן געטונקט די חלה אין דער פיש־יויך און הויך אויפן קול געגאָגט די ביינער פון דעם פלייש וואָס מ׳האָט זיי געגעבן, דאָן זיינען זיי, די אָרעמע יידן, שווייגנדיקע אַוועקגעגאַנגען און פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער נאַכט־טונקלקייט פון רוישנדיקן סאַד.

ווען ס׳האָט זיך געטראָפן אַ חתונה ביי אַ ידישן פּריץ, האָט זיך עפּעס ווי איבער גאַנץ פּוילן צעטראָגן די שמועה צווישן די פאַרנדיקע בעטלער־בוידן, נעמלעך, דער און דער ידישער פּריץ מאַכט חתונה. כמעט פון גאַנץ פּוילן האָבן געצויגן די לייזונטנע בוידן מיט אָרעמעלייט צו דער חתונה.

די חתונה־ידיעה פון מיינע עלטערן האָט זיך באַזונדערס פאַר־שפּרייט צווישן די אָרעמע יידן אין די בוידן. ס׳איז נישט בלויז אַ גבירישער חסיד וואָס מאַכט חתונה. אַ רייכער מיליאָנערישער ישובניק גיט אויס זיין בת־יחידקעלע פאַר אַן אייניקל פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. ס׳וועלן דאָ זיין די גרעסטע רבנים און צדיקים פון פוילן. דער מיליאָ־נערישער ישובניק האָט זיך דאָ צעבייטלט מיט גאָלדענע רענדלעך. אָרעמעלייט וואָס האָבן פריער אָדורכגעוואַנדערט איבערן גוט אַסמולסק, האָבן אומעטום אויף די שייערן און אויף די סטויגן פון אַלערליי פוילישע פעלדער, און אויף די לייזונטנע בוידן וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויף די וועגן, זיך אָנדערציילט חידושים פון די הינער, געגנדז און איג־דיקעס וועלכע ווערן מאַסנוויז געהאָדעוועט און פעט געפּאַשעט לכבוד דער חתונה. פון די קאַרפּן און די העכט וואָס מען האָט אויפגעזאַמלט אין די וואַסערן און מ׳פּאַשעט זיי ספּעציעל מיט כל־טוב כדי זיי זאָלן זיין פעט אויף די טעלערס, און פון די פעסער וויינען, בירן, ליקערן און בראָנפנס וואָס דער ישובניק האָט אויפגעקויפט. זיי האָבן דערציילט פון די קאַפּעליעס קלעזמאָרים וואָס וועלן שפּילן און פון די וואונדער־לעכסטע בדחנים וואָס גרייטן שוין שפּאַגל־נייע לידער און טרינקען שוין

פון פאַרויס גאַנצע שיסלען מיט רויע אייער כדי זייער קול זאָל זיין ריין און קלינגנדיק. פאַרשטייט זיך, אַז די אייער שטעלט צו דער רייכער ישובניק פון די הונדערטער הינער וואָס לייגן זיי אין זיינע שטאַלן. די אָרעמעלייט אויף די בוידן האָבן זיך געוויגט, פריילעך אונ־טערגעשמיסן די קאַליקע פערדלעך און דער גאַווער איז זיי געראָנגען איבער די ווילדע פאַרוואָרלאָזטע בערד דערציילנדיק פון די גרויסע און פעטע עסנס וואָס וועלן זיך דאָרט קאָכן אין צענדליקער ריזיקע טעפּ צוליב דעם ספּעציעלן אָרעם־מאָלצייט, וואָס דער מיליאָנערישער ייד גרייט אָן פאַר די אָרעמעלייט. קאַפּעליעס וועלן שפּילן ספּעציעל לכבוד די בעטלערס, און דאָס בת־יחידקעלע אַליין, די כלה, וועט טאַנצן אַ כלה־טאַנץ מיט די בעטלערישע ווייבער און ביי זיי בעטן, אַז זיי זאָלן איר אנווינטשעווען אַלדאָס גוטס. אויך דער מחותן פון חתנס צד, ר׳ יהושיעלע קוטנער, איז נישט געווען קיין פרעמדער נאָמען אין די פאַרנ־דיקע לייוונטענע בוידן, וואָרעם אומעטום האָבן זיך די שוויגנדיקע אָרעמע יידן אָנגעהערט פון אים, פון ר׳ יהושיעלען, און פון זיין גרויסקייט. אין די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן הינטער די שטאַרק אָנגעהייצטע אויוונס פון די בתי־מדרשים, אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן ביי די טירן פון די שולן, וואו זיי האָבן געוואַרט אַלס אָרעמע שבת־אורחים, און אין די שטינקנדיקע הקדשים לעבן די בית־הקברותן — אומעטום האָט מען דערציילט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער.

שוין עטלעכע טעג פאַר דער חתונה זיינען די שייערס און די היי־ און תבואה־סטויגן געווען פול מיט די אָנגעפּאַרענע יידישע בעטלערס. די בעטלערישע בוידן זיינען געשטאַנען צווישן די הויפישע פורן און אַקער־אייזנס. דער זיידע ברוך האָט אַלץ פונאַנדערגעעפנט און געהייסן געבן מילך און ברויט פאַר די אָרעמעלייט וויפל זיי וועלן נאָר וועלן, אויך היי פאַר די קראַנקע, צעהויקערטע פערדלעך, וואָס זיינען געשטאַנען צוגעבונדן צו די בוידן. די פערדלעך האָבן געשמאַק געקייט פון די הויפנס פרישן, שמעקנדיקן היי וואָס איז פאַר זיי געלעגן בשפע. די פערדלעך האָבן דערביי פריילעך געדרייט מיט די ווידלען און געיאָגט פון זיך די פליגן. די אָרעמעלייט האָבן זיך געפילט היימישער, און די בעטלערישע ווייבער און מוידן זיינען פריי אַרומגעגאַנגען אין סאָד און געקליבן עפל און באַרן. אַלצדינג איז געווען דערלויבט.

# קאַפּיטל נײַן

די ייִדישע בעטלערס און בעטלערקעס קומען אויף דעם אָרעם־מאָלצײַט. בלינדע ייִדן און קאַליקע ייִדן. אין אַסמולסקער סאָד. די אָרעמע ייִדן עסן די פעטע געקעכצן. די באָבע חיה און די כלה טײלן לעקעך. דער זיידע ברוך מיט אַ זאַק קופּערנע צענערס. די אָנגעזויטיקטע אָרעמע ייִדן גייען טאַנצן. קלעזמאָרים. דער זיידע ברוך מיטן לײדיקן זאַק טאַנצט מיט די אָרעמעלײַט. די כלה טאַנצט מיט די בעטלערישע ווײַבער. מזל־טוב.

באַלד ווי די חשובע מחותנים און מחותנתטעס זיינען זיך געגאַנגען אָפּרוען, האָבן די דינסטן און די שיקסעס פון „הויף" אָנגעהויבן אַראָפּ־צורוימען די איבערגעבליבענע זאַכן פון די טישן אין סאַד. די שיקסעס האָבן געוואוסט, אַז צו די איבערגעבליבענע ווייַנען טאָרן זיי זיך, לויטן יידישן דין, נישט צורירן און האָבן די פלעשער מיט ווייַן איבערגעלאָזט פאַר די יידישע דינסטן. די טישן זיינען באַלד געוואָרן ליידיק און מ'האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן פאַר דעם אָרעם־מאַלצייט, ד"ה, פאַר דעם חתונה־מאַלצייט פאַר די אָנגעפאַרענע יידישע אָרעמעלייט.

די טישטעכער וואָס מ'האָט איצט אויסגעלייגט אויף די טישן זיינען געווען טונקעלע און גראָבע ווי זעק. די ווייסע טישטעכער אויף וועלכע די רבנים און רביצנס האָבן געגעסן, האָט מען אַראָפּגענומען. מ'האָט אויסגעשטעלט טיפע ערדענע שיסלען, ערדענע פּויערישע קריגן און ביליק באַשטעק פון בלעך און פון האָלץ. פון די טויערן וואָס האָבן געפירט פון וועג צום „הויף", פון הינטער דער סאַדזעווקע מיט פיש און פון צווישן די אויבס־ביימער אַרויס, האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די אָרעמעלייט. די אָרעמע יידן זיינען געגאַנגען אָנגעטון זייערע וואָכעדיקע אָפּגעריסענע כאַלאַטן, וואָס האָבן געשמעקט מיט פעלד און מיט זון. גאַנצע כאַפּטעס בעטלערישע ווייבער און בעטלערישע מוידן האָבן זיך קופּעסווייז אָנגעהויבן אַריינצושאַרן אין דעם „הויף"־סאַד. אַ טייל פון די ווייבער האָבן געטראָגן שמוציקע און אין שמאַטעס איינגעוויקלטע קינדער אויף די הענט. אויך פאַרשיידענע אויסטערלישע און אויסגע־קרימטע קאַליקעס האָבן זיך געריטשט און געהונקען צווישן די ווייבער. בלינדע הויכע בעטלערס און בלינדע מאָוימדיקע ווייבער האָבן זיך מיט שטעקנס געזוכט אַ וועג צווישן די בעטלערישע ווייבער און פאַרזיכטיק געטאַפּט די ערד און געשריען אַז מ'זאָל זיי נישט איבערלאָזן, וואָרעם

זיי ווילן אויך עסן פון דער סעודה. די ווילדע, פאַרוואָרלאָזטע בערד פון די אָרעמעלייט האָבן זיך געשאָקלט אויף די ערנסטע שווייגנדיקע פנימער. די בעטלערישע ווייבער האָבן זיך אָנגעטון זייערע צעריסענע שבתדיקע קליידער, לאַנגע רויטע און געבלימלטע קליידער, אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן ווייסע נאַכט־היובן אָדער געפאַרבטע פּויערישע טיכער, די מוידן האָבן זיך אויך פאַרבונדן די קעפּ מיט פּויערישע טיכער, כדי זיי זאָלן ענלעך זיין צו די חתונה־געהאַטע ווייבער און נישט אויס־קוקן יונגפרוילעך. דאָס גאַנצע בעטלערישע געזעמל האָט זיך צוגערוקט צו די טישן און זיך שווייגנדיק פונאַנדערגעזעצט אויף די הילצערנע בענק. די קאַליקעס האָבן זיך אויך פונאַנדערגעזעצט, און די בלינדע האָבן געטאַפּט מיט זייערע שטעקנס אויף די פּלייצעס פון די אָרעמע־לייט און וויינענדיק געשריען, אַז זיי זיינען הונגעריק און מ׳זאָל זיי נישט איבערלאָזן. די אָרעמע יידן האָבן קודם־כל געגומען די הילצערנע און בלעכענע לעפל אין די הענט און שטיל מיט זיי געפּויקט אויף די פּראָסטע ערדענע טעלערס. באַלד האָבן זיך די שיקסעס מיט די יידישע קעכינס באַוויזן אויף די טרעפּ פון דער הויף־קיך. זיי האָבן געטראָגן גרויסע טעפּ, וואָס האָבן געפּאַרעט. מ׳האָט אין דער לופט געפילט דעם שאַרפן ריח פון גערייכטע און געפעפערטע עסנס. די אָרעמעלייט האָבן אויס־געדרייט די קעפּ צו דער זייט פון די טעפּ און די מאַנסבילן האָבן שווייגנ־דיק אַריינגעשמייכלט אין זייערע פאַרוואָרלאָזטע בערד. די יונגע בעט־לערקעס האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די בענק, געשאָקלט מיט די קעפּ און געדופן און געוואונקען צו די דינסטן, אַז מ׳זאָל זיי די ערשטע אָנגיסן אין די שיסלען און געוויזן אין דער היך די אין שמאַטעס איינ־געוויקלטע זייגנדיקע קינדער. די בלינדע, דערפילנדיק דעם ריח פון עסן האָבן הויך געקלאַפּט מיט די שטעקנס אויפן טיש און געשריען, אַז זיי זיינען הונגעריק. די בלינדע האָבן געטאַפּט מיט די הענט אין דער לופט און געשאַרט מיט די פינגער איבער די פּלייצעס פון זייערע שכנים.

די דינסטן האָבן אויסגעגאָסן די טעפּ אין די ערדענע שיסלען אַריין. אַ געדיכטע פּאַרע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוזעצן פון די שיסלען. די אָרעמעלייט האָבן אָנגעהויבן הויך און גיריק צו זופּן פון די יויכן און צו קייען מיט די באַקן. טייל האָבן אַרויסגעשלעפּט די ביינער פון

די יויכן און הויך אויפן קול חיהש אָנגעהויבן צו קנאַקן מיט די ציינער. די ווייבער האָבן אַריינגעגאָסן אין די מיילעכלעך פון די קינדער פולע לעפל מיט יויך, און גאָר אינגמיטן דערינען אויפגעקנעפלט זייערע בריסטן און עסנדיק אָנגעהויבן צו זייגן די קינדער. די לופט איז פול געוואָרן מיטן געקלאַפּ פון די לעפל און מיטן געשמאַטשקע פון ליפן און ציינער. די בלינדע האָבן דערשראָקענע גענאָגט די ביינער און געטאַפּט מיט די פינגער אין די שיסלען.

אויף די טרעפן האָבן זיך באַוויזן דער זיידע ברוך, די באָבע חיה, די כלה און די מומע רויזע מיטן פויגלדיקן טשיפּיק און מיטן טערקישן שאַל איבער די אַקסלען. זיי האָבן געטראָגן גרויסע קוישן מיט לעקעכער. דער זיידע ברוך האָט דערצו נאָך געטראָגן אַ פולן זאַק מיט קופּערנע מטבעות.

דער זיידע ברוך, די באָבע חיה און די כלה זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן די עסנדיקע אָרעמעלייט, אויסגעטיילט גרויסע שטיקער לעקעך און געוואָרפן איבערן טיש קופּערנע צענערס. די אָרעמעלייט האָבן געכאַפּט, זיך אַריינגעשטופּט די לעקעכער אין מויל אַריין און געכאַפּט די מטבעות פון טיש. די מאַנסבילן האָבן עסנדיק געברומט ברכות אין די פאַרוואָרלאָזטע בערד אַריין, און די עלטערע ווייבער האָבן הויך אויפן קול איבערגעחזרט אַלטע יידישע פאָלקסטימלעכע ברכות און געוויג־טשעוועט דער כלהשי אַלדאָס גוטע, גרויס מזל, אַ סך יאָרן, חן אין די אויגן פון איר מאַן, און אם ירצה השם אין אַ יאָר אַרום אויף אַ ברית.

נאָכדעם האָט מען געטיילט שטיקער פלייש מיט צימעס, און מען האָט געברענגט פעסלעך מיט ביר. די אָרעמעלייט האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט דער שווערער שוימיקער משקה. ס'איז געוואָרן פריילעכער. די אָרעמע פּנימער האָבן זיך פונאַנדערגעלויכטן אין דער רויטקייט פון הייסן תמוז־טאָג און אין די פעטע פלעקן פון פלייש און פון צימעס, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף זייערע באַקן. די וואָנסעס פון די מאַנסבילן האָבן געטריפט מיט דעם שוים פונעם ביר, און אויף די פאַרוואָרלאָזטע בערד האָבן געקלעפּט שטיקלעך לעקעך, שיריים פון צימעס און אַנדערע מאכלים. די אָרעמע יידן האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון הינטער די טישן, טייל האָבן זיך פונאַנדערגעקנעפלט די אַלטע צעריסענע קאַפּאָטעס און זיך שיכורלעך פאַרגאַנגען איבערן גראָז. די קינדער אין

די שמאַטעס און ביי די בריסטן פון די ווייבער זיינען איינגעשלאָפן פון זאַטקייט. אויך די ווייבער און די מוידן זיינען אַרויסגעקראָכן פון הינטער די טישן און אַרומגערינגלט די כלה און נישט אויפגעהערט צו וויינ־טשעווען. בלויז די בלינדע זיינען געבליבן זיצן פאַראיינזאַמטע און אַרומגעטאַפּט מיט די פינגער איבער די אויסגעליידיקטע טעלערס.

— טאַנצן! טאַנצן! האָבן הייזעריק געשריען די אַרעמעלייט, און די ווייבער אין די וויסע שלאַף־הויבן און אין די געבלימלטע פויערישע טיכער אויף די קעפּ האָבן אויך געשריען: טאַנצן! מיט דער כלהשי טאַנצן דעם כלה־טאַנץ!

די בלינדע האָבן דערשראָקענע געקלאַפּט מיט די שטעקנס איבער די טישן.

פון הינטער דיביימער זיינען אָנגעקומען קלעזמאָרים. ס'זיינען געווען עטלעכע פון די סאַמע גידערגעשלאָגנסטע און שלימזלדיקע מיטגלידער, וועלכע די קאַפּעליעס קלעזמאָרים האָבן געשיקט צו שפּילן פאַר די בעטלערס: אַן אַלטער לאַמער און האַלב־בלינדער קלעזמער מיט אַ באַס. אַ הויכער, געלער, פאַרשלאָפענער און אויסגעדאַרטער קלעזמער, ער האָט געהאַט אַ געל אויסגעקראָכן בערדל און האָט פויל געשלעפּט אַ גרויסע בלעכענע טראָמפּייט. אַן אָפּגעריסן, באָרוועס ייִנגל האָט שווער געשלעפּט אַ פּויק, וועלכע האָט אויסגעקוקט צו זיין גרעסער פון אים. די אַרעמעלייט דערזעענדיק די אָנקומענדיקע קלעזמאָרים, זיינען זיי אָקעגנגעלאָפן, און אַ סך פון די עלטערע ווייבער האָבן נישט געוואַרט אויפן אויפשפּיל פון די אינסטרומענטן און שוין אָנגעהויבן צו טאַנצן. די מוידן האָבן געלאַכט. די מוטערס האָבן געוויגט אויף זייערע אויפגעקנעפּלטע בריסטן די שלאָפנדיקע קינדער. די קלעזמאָרים האָבן זיך שלעפעריק אויסגעשטעלט הינטערן בוים און דער ערשטער האַלב־בלינדער באַסיסט האָט אָנגעהויבן, טיף ברומענדיק, צו גרימפּלען אויפן באַס. דאָס אָפּגעריסענע באָרוועסע ייִנגל האָט הויך און משונהדיק גע־פּויקט, ווי ער וואָלט געקלאַפּט אויף טרעוואָגע. ערשט שפּעטער, ווי ער וואָלט זיך פלוצעם אויפגעוועקט, האָט דער געלער קלעזמער זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצובלאָזן אויף דער טראָמפּייט. די באַקן זיינען אים געוואָרן אָנגעשוואָלן אונטערן געלן, צעקראָכענעם בערדל. די אינ־סטרומענטן, ווי זיי וואָלטן זיך איינער פאַרן אַנדערן דערשראָקן, האָבן

זיך אַנגעהויבן אַריבערצושטייגן אין אינטענסיווקייט. צווישן די ביי־מער האָט זיך פונאַנדערגעשאָלט אַ ווילדע צעשיכורטע קאַקאַפאָניע. דער באַס האָט זיך פונאַנדערגעברומט וואָס העכער און געוואָלט אַריבערברומען די פויק. די לופט איז אָנגערייצט געוואָרן פון די ווילדע, צעהיסענע טענער וואָס זיינען נישט געפּלאָסן צוזאַמען און האָבן דערמאָנט עפּעס אין הייזעריקע, פונאַנדערגעריסענע טאַנץ־מעלאָדיעס. דאָס האָט נאָך הייסער אָנגעצונדן די זאַטע און מיט אַמאָל פריילעך־געוואָרענע בעט־לערס. זיי האָבן געטאַנצט. די אָנגעכמורעטע פּנימער פון די אָרעמע־לייט האָבן זיך שווער פונאַנדערגעשמייכלט, די פאַרוואָרלאָזטע בערד האָבן זיך צעשאָקלט אַרום די פּנימער. די בעטלערס האָבן זיך איינציקווייז שווער געדרייט אין גראָז אָדער זיך אָנגענומען פאַר די הענט און געהאָצקעט אין קאַראַהאָד. די ווייבער און די מוידן האָבן אויך זיך געדרייט, געשפּרונגען און געפּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט פון דער פויק און טראָמפּייט. די בלינדע האָבן צעשראָקענע און בלאַסע גע־שמייכלט, געקלאַפּט מיט די שטעקנס איבער די טישן און מאָרוימדיק געשריען: מזל־טוב!

באַלד איז דער זיידע ברוך אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ כאַפּטע עלטערע בעטלערס. די צעריסענע קאַפּאָטעס זייערע זיינען געווען הפקרדיק פונאַנדערגעקנעפּלט. זיי האָבן געקלאַפּט אויפן גראָז מיט זייערע שטויביקע און צעדריפּעטע שטיוול. זיי האָבן אָנגעכאַפּט דעם זיידע ברוך פאַר די הענט און אים אַריינגעשלעפּט אינעם קרענצל. זיי האָבן אים געטאַפּט מיט די הענט איבער דער נייער זיידענער קאַפּאָטע און אים אַרומגענומען פאַר די אַקסלען. דער זיידע ברוך האָט נאָך געהאַלטן אין די הענט דעם אויסגעלייטיקטן זאַק, אין וועלכן ער האָט געהאַט די קופּערנע מטבעות פאַר די אָרעמעלייט, און ער האָט אַ צעשראָקענער זיך מיטגעדרייט אין בעטלערישן קאַראַהאָד. אויך די כלה איז געווען אַרומגענומען מיט אַ כאַפּטע אַלטע בעטלערקעס אין שלאָף־הויבן. זיי האָבן זאַטע געשמייכלט און געפּאַטשט מיט די הענט און געשריען מזל־טוב און אם ירצה השם אויף אַ ברית.

דער באַס האָט וואָס אַ מאָל העכער געברומט, די פויק האָט גע־פויקט, די טראָמפּייט האָט געשאָלט, און די בלינדע בעטלערס האָבן מיט זייערע לאַנגע שטעקנס געקלאַפּט איבער די טישן.

# קאַפּיטל צען

די סעודה פאַרן זיידנס פּויערים. פּויערים און פּויערטעס אין פאַרביקער לוויטשער טראַכט. פּויערישע קאַפּעליעס שפּילן מאַזורקעס און חתונה־לידער. די דאָרפישע פעטערס צווישן די פּויערים. דער פעטער מרדכי־בער דער־ציילט די פּויערים וועגן די רבנים. דער פעטער מרדכי־בער וויל טאַנצן מיט אַ שיקסע נאָר ער האָט מורא פאַרן זיידע ברוך. דער אָפּגעקומענער שליאַכ־טשיץ דער זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי. די שליאַכטישע פילאָסאָפיע פון זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי. ביי אַ גלעזל מעד דערציילט דער זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי מעשיות דעם פעטער לייזער־יוסף. די כלה, דער זיידע ברוך און די באָבע חיה צווישן די אָסמולסקער פּויערים. פּויערישע טענץ פאַר דער כלה. דער זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי טאַנצט מיט דער כלה. דער פעטער מרדכי־בער קאָן שוין מער גישט אויסהאַלטן און כאַפּט אַ שיקסע צום טאַנצן.

באַלד ווי עס האָט זיך געענדיקט דאָס אָרעם־מאָלצייט, האָט מען לעבן די שייערס געגרייט די טישן פאַר די באַקאַנטע פויערים און הויפישע פאַראַבקעס. אויך פאַר זיי האָט דער זיידע ברוך געוואָלט מאַכן אַ סעודה לכבוד דער חתונה.

דאָרט האָט מען אָנגעלייגט אויף די טישן פויערישע קוכנס און זיסקייטן, פולע הויפנס עפּל מיט באַרן און גרויסע פלעשער מיט בראָנפן. אויך פעסלעך מיט בראָנפן האָט מען אויסגעשטעלט לעבן די טישן. די פויערים, די שקצים און די שיקסעס וואָס האָבן געאַרבעט בײַם זיידן אין די שטאַלן, אין די שייערס און אויף די פעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען. די פויערים האָבן געטראָגן זייערע בלויע לוויוויטשער סוקמאַנעס און די פאַרביקע הויזן. די פויערטעס און די שיקסעס האָבן געטראָגן די פאַרביקע טיכער און די פאַרביקע וואָלענע קליידער, וועלכע האָבן אין זייערע קאָלירן און אין זייער שטי־מונג געהאַט אין זיך פון די לוויוויטשער פעלדער און לאַנדשאַפטן. די פויערטעס האָבן נאָך געטראָגן אויף זייערע העלדזער אַ סך שנירן מיט גלעזערנע און פאַרביקע קרעלן. אויפן הויף האָט געשמעקט מיט היי און מיט קו־מיסט און פון די טישן אַראָפּ האָבן געשמעקט די עפּל און די באַרן. אַ פויערישע קאַפּעליע האָט שוין געשפּילט פריילעכע מאַזור־קעס און פוילישע חתונה־לידער. די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון פידלען, האַרמאַניקעס און פייפאַלן. די פויערים און די פויערטעס האָבן געטאַנצט די לוויוויטשער פוילישע פאָלקס־טענץ. די עלטערע פויערים זיינען געשטאַנען אַרום דער קאַפּעליע און די טענצערס און געשמועסט. די פורמאַנעס וואָס זיינען געפאָרן מיט די קאַטשן האָבן דער־ציילט פון די גרויסע רבנים וואָס זיי האָבן געפירט און פון דעם יונגיטשקן חתן. אַזאַ יונגיטשקער און אַזאַ „בלאַסלעכער", האָט דער

גוי וואָס איז געפאָרן מיט ר׳ יהושיעלעס קאָטש דערציילט, ער האָט זיך דערביי געווישט די לאַנגע, אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס און צוגעגעבן: „גאָר אַ גרויסער געלערנטער. אונדזער יונגע פּריצטע וועט האָבן אַ געלערנטן מאַן״. די אַלטע פּויערים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אויך די פּעטערס אין די זיידענע קאַפּאָטעס זיינען געשטאַנען צווישן די פּויערים. זיי האָבן זיך היימישער געפילט. דער פעטער מרדכי־בער אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ האָט זייער ערנסט דערקלערט די פּויערים די גרויסקייט פון איטלעכן באַזונדער פון די רבנישע מחותנים און די גרויסקייט פון דער קאַלישער רביצן וואָס וואוינט אין וואַרשע, גייט יעדן טאָג איינגעטונקט אין סאַמעט און אין זייד און עסט נישט מער סיידן פּוטער־קוכן מיט קאַווע. דער מעוברתער מומע גענענדל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און אויפ־מערקזאַם צוגעהערט באַגליידך מיט אַלע פּויערים, האָט דער פעטער מרדכי־בער דערביי מיט אַלע זעקס פינגער געגעבן אַ פעסטן קנייפּ אין פעטן הינטן אַריין. ביים פעטער מרדכי־בער האָבן די אויגן אונטער דער גרויסער סאַמעטענער יאַרמלקע גלוסטיק געגלאַנצט ווי ביי אַ וואָלף. און ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף די יונגע שיקסעס, וואָס האָבן זיך טאַנצנדיק געדרייט אין זייערע פאַרביקע לוויוויטשער קליידער און זיך צוגעהערט צו דעם פריילעכן שפילן פון דער פּויערישער קאַפּעליע. די פיס האָבן ביים פעטער מרדכי־בער אָנגעהויבן צו ציטערן. ער איז קאַפּאַבל געווען צו כאַפּן אַ שיקסע און מיט איר צו פאַרגיין אין אַ טאַנץ ווי ער איז געוואוינט געווען פון די אַסמאַלינער יאַר־מערק, נאָר ער האָט זיך עפּעס ווי אומהיימלעך אָפּגעשראָקן פאַר דער שוואַרצער זיידע־נער קאַפּאָטע וואָס האָט אויף אים געגלאַנצט, און אין דער נאָז האָט ער נאָך געפילט דעם ריח פון די שווערע זיידענע קאַפּאָטעס און די שטריימלעך פון די רבנים וואָס זיינען פייערלעך געזעסן אַרום די טישן. ער האָט זיך געפילט עפּעס ווי געהעמט. און דערצו האָט ער מורא געהאַט פאַרן זיידע ברוך גראַד איצט צו טאַנצן מיט די פּויערטעס, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ געוויינטלעכער יאַר־מאַרק. ס׳איז היינט ערב חופּה־טאָג! סימכע גייגען האָט מען נישט געזען, ער האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטנס און זיך כסדר געפּאָרעט ביי די רביצנס. דער פעטער לייזער־יוסף איז אָבער יאָ געווען אויפן שייער־הויף, און אין דער זיי־

דענער קאַפּאָטע מיט דער יאַרמלקע — גראָד איז די מומע טויבע נישט געווען ביי אים — איז ער געשטאַנען און געשמועסט מיטן זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי.

דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי איז געווען אַן אַלטער אָפּגעקומע־נער שליאַכטשיץ (איך געדענק אים נאָך פון קינדערווייז), וואָס האָט פאַר־הוליעט זיינע גיטער אויף פערד און אויף ווייבער. ווען יידישע פראַ־צענטניקעס האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיין לעצטן גוט, האָט ער נאָר מיטגענומען זיין אַלטן פריצישן זשופּאַן, דאָס פוילישע סויבל־היטל, אַ שטעקן מיט אַ גרויסן זילבערנעם קנאָפּ, אַ ביקס, און זיין טרייען הונט טרעזור, וועלכער האָט זיך קיינמאָל פון אים נישט געשיידט אויף אַ רגע און מיט אים מיטגעגאַנגען פוסטריט. דאָס איז אַלץ וואָס איז אים איבערגעבליבן פון זיינע אַמאָליקע עשירותן. מיט דער אַלטער פּאַטאַ־ליסטישער שליאַכטישער פילאָסאָפיע האָט גאַנשעראָווסקי אַריבערגע־טראָגן זיין גורל. עס האָט אים אַבסאָלוט נישט געאַרט וואָס ער איז אויף דער עלטער אַנגעקומען אויף אַ שטעלע צו אַ ייד. ער האָט בע־סער געוואָלט זיין זשאַנדצע ביי אַ ייד, איידער ביי אַן אויפגעקומענעם פוילישן מיעשטשאַנין. ער האָט מיט זיין שליאַכטישער גאווה געהאַסט פויערים און מיעשטשאַנעס, צו יידן האָט ער גאַרנישט געהאַט, הגם זיי האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיינע גיטער און זיין האָב און גוטס פאַר־קויפט אויף ליציטאַציעס. ער האָט אויפריכטיק געזאָגט, אַז אַזוי איז שוין דער סדר־עולם: אַ שטאָט־גוי דאַרף זיין אַ שוסטער, אַ פויער דאַרף קריגן געשמיסן, און אַ ייד באַדאַרף שטיין אין קראָם אָדער נעמען פּראָצענט. אַזוי איז עס פון ששת ימי בראשית אַן און אַזוי וועט עס בלייבן עד סוף כל הדורות, און מען טאָר אין דעם דאָזיקן סדר נישט ענדערן אויף דאָס מינדסטע. גאַנשעראָווסקי איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און ער איז געווען זיכער, אַז די השגחה ווייס בעסער ווי צו פירן די וועלט און מיר מענטשן האָבן איר נישט צו זאָגן קיין דעה. גאַנשעראָווסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם פוילישן אויפשטאַנד פון 1863, און זיין גרעסט פאַרגעניגן איז געווען צו זיצן מיטן פעטער לייזער־יוסף ביי אַ גלעזל מעד און צו דערציילן פון די פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן מיט די קאָזאַקן אין די טיפע און פינצטערע פוילישע וועלדער. גאַנשעראָווסקי האָט דערציילט פון די פריצים און פון די יידן וואָס די

קאַזאַקן האָבן אויפגעהאַנגען אויף די ביימער פון די וועלדער. גאַנ־שעראָווסקי האָט אויך ליב געהאַט צו דערציילן פון די אַלטע גוטע צייטן, ווען אַ שליאַכטשיץ האָט געקאָנט שמייסן די פּויערים וויפל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. ביי די דאָזיקע זיסע זכרונות זיינען דעם אַלטן שליאַכטשיץ פייכט געוואָרן די אויגן פון גרויס גערירטקייט. ער האָט זיך נערוועז געדרייט די שפּיצן פון זיינע לאַנגע וואָנסעס און נישט איין טרער איז אַריינגעפאַלן אין דעם גלאָז פון פּעטען, טונקעלן מעד וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. דער פּעטער לייזער־יוסף, וואָס איז אויך פול געווען מיט די מלחמות ביי פּלעווגע, איז נישט מיד געוואָרן צו הערן פון די פּאַרטיזאַנישע פּוילישע קאַמפן אין די וועלדער, און אויך זיינע אויגן זיינען געוואָרן פייכט פון גערירטקייט, און ער האָט זיך דערביי געצופּט ביים פּאַרשווירענעם בערדל. צווישן פּעטער לייזער־יוסף און דעם זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי האָט זיך פאַמעלעך פאַרבונדן אַן אינטימע פריינדשאַפט.

אויך איצט זיינען זיי צוזאַמען געשטאַנען אויפן הויף און געקוקט אויף די טאַנצנדיקע פּויערים.

גאַנשעראָווסקי האָט זיך געדרייט ביי די שפּיצן פון די וואָנסעס, און דערציילט דעם פּעטער לייזער־יוסף, אַז אַמאָל, ווען מ׳האָט די פּויערים געשמיסן, זיינען זיי געווען פיל געזינטער און גליקלעכער ווי היינט, און אויך די שיקסעס זיינען געווען קערנדיקערע און שענערע. דער פּעטער לייזער־יוסף האָט אים פרום צוגעהערט.

ווען דער זיידע ברוך, די באָבע חיה און די כלה האָבן זיך באַוויזן אויפן שייער־הויף, האָט די קאַפּעליע אויפגעשפּילט אויף וויוואַט. די פּויערים האָבן זיך אויסגעשטעלט, די פורמאַנעס און די פּאַסטעכער, וואָס האָבן געפּאַשעט דעם זיידנס קי און זיינע טשערעדעס שאָף, האָבן געקנאַלט מיט זייערע לאַנגע בייטשן. עטלעכע דאָרפס־הינט האָבן זיך צעבילט פון גרויס נייגעריקייט. די שיקסעס האָבן די כלה באַוואָרפן מיט בלאָע פעלד־בלומען, זיך געבייגט און זי אַרומגענומען פאַר די פיס. אַלע האָבן הויך אויסגעשריען: אויף לאַנגע יאָרן! און די קאַפּעליע האָט זיך וואָס אַמאָל פריילעכער צעשפּילט. דער זיידע ברוך, די באָבע חיה און די פעטערס האָבן פונאַנדערגעפּראַפּט די פלעשער מיט בראָנפן און אַנגעהויבן אַרומצוטיילן פולע קעלישקעס. די פּויערים האָבן זיך

דעם בראָנפּן אַריינגעגאָסן אין די העלדזער און זיך געווישט די וואָנסעס, דאַן האָבן זיי פאַרביסן מיט די זיסע קוכנס, און אָנגעהויבן צו עסן די שמעקנדיקע עפּל און די זאַפטיקע בארן. אויך דער זשאַנדצע גאַנשע־ראַווסקי האָט פאַמעלעך אויסגעטרונקען אַ גלעזל בראָנפן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער כלה. דער הונט טרעזור איז אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט. גאַנשעראַווסקיס אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון געריהרטקייט. ער האָט אָנגענומען די כלה פאַר דער האַנט און איר אָנגעהויבן צו ווינטשעווען אויף אַן אַלט־פּוילישן נוסח. גאַנשעראַווסקי האָט די כלה געקאַנט פון קינדהייט, מחמת ער איז לאַנגע יאָרן געווען באַקאַנט מיטן זיידע ברוך, און ער האָט דער כלה געזאָגט „דו".

באַלד האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די טענץ. די שיקסעס האָבן געזונגען פּוילישע חתונה־לידער און אַרומגעטאַנצט אַרום דער כלה. דאָ האָט דער זשאַנדצע גאַנשעראַווסקי נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די אַלטע פיס האָבן ביי אים געציטערט, גלייך ווי זיי וואָלטן יוגנטלעך אויפגעלעבט אינעם טאַקט פון דער מוזיק. ער האָט זיך דערמאָנט די אַמאָליקע בעלער אין זיינע גיטער, וואו ער האָט געגאָלטן אַלס ערשט־קלאַסיקער טענצער. די אויגן זיינען אים פייכט געוואָרן און זיי האָבן אויפגעלויכטן מיט אַלטער שליאַכטישער גאווה. ער איז צוגעגאַנגען צו דער כלה. דער הונט טרעזור איז אים נאָכגעגאַנגען. גאַנשעראַווסקי האָט זיך פאַר דער כלה טיף פאַרנייגט, מעשה קאַוואַלער, האָט זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע און זי עלעגאַנט געפירט אין טאַנץ.

דאָ האָט שוין דער פעטער מרדכי־בער נישט געקאָנט מער אויס־האַלטן. די אויגן האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו בליצן ווי ביי אַ וואָלף. ער האָט האַסטיק אַ ריס אַראָפּ געגעבן פון זיך די זיידענע קאַפּאָטע און דאָס דאַזיקע שוואַרצע חסידישע מלבוש אַ וואָרף אַרויף געטאָן אויף דער מעוברתער מומע גענענדל. דער פעטער מרדכי־בער איז געבליבן שטיין בלויז אין דער הויכער סאַמעטנער יאַרמלקע און אין שפּאַנצער־און־הויזן. ער האָט זיך פריילעך געריבן די הענט מעשה פויער. ער האָט געטשאַיעט און אַרויסגעכאַפּט אַ שיקסע פון די טאַנצנדיקע פויע־רישע פאַרלעך און מיט איר זיך צעהאַצקעט אין קאַראַהאָד.

די פויערישע קאַפּעליע האָט וואָס אַמאָל פריילעכער געשפּילט.

# קאַפּיטל עלף

ר׳ גרשון־העניך ראַדזינער. דער קאָצקער. ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער דער אַפּאָסטאַט. דעם קאָצקערס מיזאַנטראָפּישע דרכים. מייז און פּרעש אין קאָצקערס חדרל. דעם קאָצקערס וועטשערע. די חסידים ווערט אומהיימלעך אין קאָצק. דער עלאָקווענטישער שמועסער ר׳ מרדכי־יוסף. דער קבלישער רעוואָלוציאָנער. שמחת־תורה ביים טייך וויעפּזש. די חסידישע רעוואָלוציע אין קאָצק. דער עולם פאַרלאָזט דעם קאָצקער. ר׳ מרדכי־יוסף. דער גאָס־טינינער זאָגט תהילים אויפן שייד־וועג. דער עולם קומט צוריק. דאָס אַפּאָסטאַטישע אייניקל ר׳ גרשון־העניך. דער געניאַלער דילעטאַנט. זיינע אויסטערלישע אַמביציעס. ר׳ גרשון־העניך איז מקנא דעם רמב״ם. ר׳ גרשון־העניך געפינט דעם חלזון. זיינע מחלוקתן. ר׳ גרשון־העניך לערנט זיך ביים ראַדזינער דאָקטאָר חכמת הרפואה. ר׳ גרשון־העניך און ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ גרשון־העניך זידלט אַלע פּוילישע גוטע־יידן. מיט וואָס ר׳ גרשון־העניך וויל אָקעגנגיין משיחן. ר׳ גרשון־העניך קומט אויף מיין פאָטערס חתונה. ער וויל צוזאַמען זיין מיט זיינע שונאים.

צומאַרגנס, אין חופה־טאָג, זיינען אָנגעפאָרן נייע מחותנים. ס׳איז געקומען דער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון־העניך, דער, וואָס האָט מיט אַלע פוילישע גוטע־יידן און רבנים געפירט אַ בלוטיקע מחלוקה וועגן די בלויע ציצית און וועגן דעם חלזון־פיש, וועלכן ער האָט אַנטדעקט אין מיטללענדישן ים.

וועגן דעם דאָזיקן רבי וויל איך מיך באַזונדער אָפּשטעלן.

ר׳ גרשון־העניך איז געווען אַ לייבלעך אייניקל פון דעם באַרימטן ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער.

ר׳ מרדכי־יוסף — פון די ערשטע און חשובסטע קאָצקער חסידים — איז נעמלעך באַגאַנגען אַ טאַט, וואָס אין דער גאַנצער געשיכטע פון חסידות איז עס געווען אַן אויסטערלישע זעלטנקייט. דאָס חסידות איז געגרינדעט אויף דער אויטאָריטעט פונעם צדיק און אין בלינדן גלויבן אין אים און אין זיינע מעשים. ר׳ מרדכי־יוסף האָט אין אַ געוויסן שמחת־תורה (ת״ר) אָפּן מורד געווען אין זיין רבין פון קאָצק. די רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין קאָצק גופא. בחיי דעם קאָצקער האָט זיך ר׳ מרדכי־יוסף דערקלערט אַלס רבי און כמעט מיטן גאַנצן עולם חסידים — וואָס איז דעמאָלט געווען אין קאָצק אויף יו״ט — דעמאָנסטראַטיוו אַוועק. ר׳ מרדכי־יוסף מיטן עולם האָבן זיך אַפילו נישט געזעגנט מיטן קאָצקער. דאָס געזעגענען זיך מיטן רבין געהערט צו די הויפּט־עובדות פון חסידות. ער האָט פאַרלאָזט קאָצק און אָנגעהויבן אין זיין היימשטאָט איזשביצע צו „פּראַווען״ רביסטווע.

די דאָזיקע וואונדערלעכע און אַוואַנטוריסטישע רעוואָלוציע איז איינגעהילט אין טויזנט שלייערן. ביי די פוילישע חסידים האָט מען נישט אויפגעהערט פון איר צו דערציילן. ר׳ מרדכי־יוסף איז געווען

אַן אומרואיקע, טעמפּעראַמענטפולע און אוואַנטוריסטישע נאַטור. דערצו פול מיט קבליסטישער פאַנטאַזיע. דאָס האָט נאָך מער דערהיצט זיינע אַמביציעס און זיין אומרואיקייט. אָבער די הויפּט־סיבה פון ר׳ מרדכי־יוספס מרידה איז געווען די פאָלגנדיקע: דער קאָצקער האָט זיין מיזאַנ־טראָפּישן אינדיווידואַליזם דערפירט צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצושיידן פון מענטשן און איז געוואָרן אויסטערליש בייסיק און מענטשן־פאַראַכטעריש. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין חדר, זעלטן ווען אַריינגעלאָזט צו זיך חסידים, און אָנגעהויבן צו פירן אַ דרך פון אומהיימלעכער חסידישער אַסקעזע. אויך זיינע ווערטער האָבן גע־קלונגען ווי שאַרפע אַפאָריזמען און זיי האָבן געבליצט מיט ברוטאַלער, טיפער, און צוגלייך מענטשן־פאַראַכטערישער חכמה. וועגן די דאָזיקע „פאַרשלאָסענע״ יאָרן פון קאָצקער זיינען אַרומגעגאַנגען די ווילדסטע שמועות. חסידים האָבן דערציילט אַז אין דעם חדרל, וואו דער קאָצקער איז געזעסן, האָט מען קיינמאָל נישט אויסגעקערט דעם דיל. גרויסע מייז זיינען דאָרט אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי. זיי זיינען פעט גע־וואָרן פון גרויס שוואוילטאָג. אויך אַלטע גרויע און העסלעכע פראָש זיינען אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם איינזאַמען קאָצקער ווי גוט דרעסירטע הינט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן קאָצקער חסידים געזאָגט, אַז די דאָזיקע מייז און העסלעכע פראָש זיינען נשמות פון געשטאָרבענע זינדיקע חסידים, וואָס זיינען געקומען צום קאָצקער און ווינען פאַר אים פון זייערע טיפע יענעוועלטישע נויטן און בעטן ביי אים תיקון. ס׳האָט געהייסן: די מייז און די פראָש ביים קאָצקער אין חדר האָבן זיך געהאָט אַזוי ווייט צוגעוואוינט צו זייער מיטוואוינער, אַז ווען דער קאָצקער האָט געגעסן זיין איינציק מאָלצייט צוויי אַזייגער ביינאַכט (אגב האָט דעם קאָצקערס מאָלצייט זיך געמוזט קאָכן אַ גאַנצן מעת־לעת, כדי אַלע זאַפטן זאָלן אַרויסגיין פון דעם הינדל וואָס האָט זיך געקאָכט פאַרן קאָצקער, און אויפן טעלער איז איבערגעבליבן עפּעס אַ מין טרוקן פלייש־גראַז) זיינען די פעט־אויסגעפּאַשעטע מייז און די גרויע אויסגעפּאַשעטע פראָש געשטאַנען אַרום אים, אים גיריק געקוקט אין די אויגן אַריין, געקוואַקעט און געפּיפּן, און ער האָט זיי צוגעוואָרפן קרישקעס פון זיין ברויט. די דאָזיקע חוצפּהדיקע מייז זאָלן אויך האָבן געפרעסן שטיקער פון דעם קאָצקערס קאַפּאָטעס און אפילו זיך דער־

דרייסט צו בייסן אים אין פנים אריין. קיינער האָט נישט געטאָרט די דאָזיקע מיאוסע אומהיימלעכע ברואים אָפּיאָגן. דער קאָצקער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס ווען מען האָט געטשעפּעט זיינע מיטוואוינער און ער האָט די אַנגרייפער געשאָלטן מיט טויטע קללות. דער קאָצקער האָט די דאָזיקע אומווירדיקייטן באַטראַכט פאַר די איינציקע נפשות, מיט וועלכע אַן אינדיווידואַליסטישער מענטש קאָן נאָך פאַרקערן. איך ווייס נישט וויפל פאַקטישער אמת ס'איז פאַראַן אין די דאָזיקע פאַ'עשע מעשיות, יעדנפאַלס — ווי יעדע לעגענדע בכלל — כאַראַקטעריזירן אויך די דאָזיקע לעגענדעס די מיזאַנטראָפּישע איינשטעלונג פון קאָצקער צו זיינע חסידים און זיין גאַנצן קוק אויף דער וועלט. דערצו — דאָס איז גאָר אַ מערקווירדיקער פאַקט: אינמיטן די דאָזיקע אַסקעטיש־מיזאַנטראָפּישע דרכים איז דער קאָצקער געוואָרן אַן אַלמן און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער בתולה פון וואַרשע, אַ גרויסער יפת־תואר און אַ טאָכטער פון אַ וואַרשעווער גביר, ר' משה חלפן. אויך דער „חידושי הרים" איז געווען ר' משה חלפנס אַן איידעם. פּונקט צום יאָר נאָך דער חתונה האָט דער אַסקעטישער קאָצקער געמאַכט דעם ערשטן ברית. די דאָזיקע אויסטערלישע ווידערשפּרוכן אין קאָצקערס דרכים האָבן ביי איין טייל פון די חסידים גאָר פאַרגרעסערט דעם קאָצקערס אויטאָריטעט און זיין וואונדערלעכקייט. ביי חסידים איז געווען אויסערגעוויינטלעך אַנטוויקלט די אמונה אין אַן אויטאָריטעט. ביי די באַדינגונגסלאָזע מאַמינים האָבן זיך אַלע שאָטן־זייטן פון קאָצקער פאַרוואַנדלט אין גרויסע געהיימנישפולע ליכטיקייטן. זיי האָבן זיך געפילט לעבן קאָצקער ווי אין זיבעטן הימל. הגם דער דאָזיקער „הימל" איז געווען אַ בייסיקער און פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אין דעם פלאַנטער פון קאָצקערס פּירעכצן האָבן זיי געזען פאַרבאָרגענע הייליקע ווענן, וועלכע זיינען ווייט פון די פּשוטע מענטשלעכע השגות, און זיי האָבן אַ גרויסן סימבאָלישן באַטייט. אַ טייל חסידים אָבער, האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרשטיין די דאָזיקע שרייענדיקע ווידערשפּרוכן. איבערהויפּט איז זיי געווען דערווידער די אומהיימלעכע אָפּגעזונדערטקייט פון קאָצקער פון יעדן פאַרקער מיט די חסידים. ער האָט זיינע חסידים געזידלט און געשאָלטן און אויף יעדן טריט זיי אַרויסגעוויזן זיין גרויסע מענטשן־פאַראַכטונג. אַ סך געמיטער ביי די

קאָצקער חסידים, געמיטער וואָס זיינען געווינט געווען צו צוזאַמענדיקייט און צו טיפער נשמהדיקער פאַרבונדנקייט, זיינען געוואָרן אומרואיק און ס׳האָט אין זיי אָנגעהויבן אויפצוגיין די שטעכנדיקע קערנדלעך פון אומ־צופרידנקייט און ספקות בנוגע דעם קאָצקערס דרכים. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי אַ טשערעדע שאָף וואָס דער פאַסטעך האָט פאַר־לאָזן. אין גאַנצן מהות אירן איז דאָס חסידות געווען געבויט אויף אַ טיף און רעליגיעז געמיינשאַפטס־געפיל, אַ געמיינשאַפטס־געפיל, וואָס האָט זיך אין איר העכסטער דערגרייכונג אויסגעדריקט אין דעם מיסטישן אויטאָ־ריטעט פונעם צדיק.

ווי איך האָב שוין דערציילט, איז דער אידזשביצער געווען זייער אַן אומרואיקע און רעוואָלוציאָנערע נאַטור. ער איז פול געווען מיט די פאַנטאַסטישע גריבלערייען פון אַן אַפּאָסטאַט. קוים איז אים אַ גייסטי־קער דרך נישט געפעלן געוואָרן, האָט זיין הייסע פאַנטאַזיע שוין ווייטער געאַרבעט און זי האָט טיפער געגראָבן דעם תהום צווישן זיינע גייסטיקע פאַרשטעלונגען און דעם אָביעקט, וועלכן ער האָט געוואָלט באַקעמפן. דערצו איז ר׳ מרדכי־יוסף געווען אַ גרויסער שמועסער, כסדר ליב געהאַט צו פירן געשפּרעכן און פריידיקן חסידות, האָט ברודערלעך געלעבט מיט די חסידים און תמיד געווען אין חסידישער התלהבות. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרפרעמדט צום קאָצקערס אָפּגעזונדערטקייט. אויב עמעצער פון קאָצקערס תלמידים האָט געוואָלט פאַרענטפערן דעם קאָצקערס ווילדע מנהגים און געזאָגט אַז דער רבי פון קאָצק איז נתעלה געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ מלאך און ער פירט זיך אויף אַזוי ווי אַ מלאך, האָט ר׳ מרדכי־יוסף סאַרקאַסטיש געענטפערט, אַז מלאכים האָבן מיר גענוג אין הימל און אויף דער ערד באַדאַרפן מיר אַ רבין וואָס זאָל לערנען מיט חסידים — און וואָסער רבי איז דער קאָצקער, וואָס איז אַנטלאָפן פון מענטשן און לעבט צווישן פרעש און מייז? אַ רבי וואָס טשאַפּעט אַרום אַן איינזאַמער צווישן שטויב און שפּינוועבס, שעלט מיט טויטע קללות, דערבײַ — ווי מערקווירדיק! — ווייזט ער אַרויס גרויסע שוואַכקייטן צו דעם יונגן און שיינעם ווײַבל זיינעם. ווער קאָן דאָ מיטגיין אין דעם מדבר פון די גרויסע ווידערשפּרוכן? לערנען מיט חסידים, פירן גע־שפּרעכן, און כסדר באַהאַפטן זיין אין דער גייסטיקער געמיינשאַפט מיט די חסידים — דאָס איז געווען דער תוך פון חסידישן לימוד און אויך דער

תוך פון ר׳ מרדכי־יוספס פאַנטאַזיעפולן טעמפּעראַמענט. ער האָט געלעבט אין דער געמיינשאַפט און באַהאַנדלט די געמיינשאַפט ווי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער.

ר׳ מרדכי־יוספס טעמפּעראַמענט איז נאָך דייער שטאַרק געהויבן געוואָרן פון די קבליסטישע פאַרשטעלונגען, וואָס האָבן פול געמאַכט זיינע געדאַנקען. אין יעדן זשעסט וואָס ער האָט געזען מחוץ זיך, אין יעדן פּסוק וואָס ער האָט געלערנט, אין די גמטריאות פון דער קבלה, האָט ער סוף־כל־סוף געזען דאָס, וואָס איז טיף געלעגן אין זיין אומ־רואיקן אונטערבאַוואוסטזיין, נעמלעך, דאָס אַפּאָסטאַטישע. ער האָט געגלייבט צו הערן ווי פון די הימלען רופט מען אים טון די גרויסע שליחות צו ווערן דער פירער פון די פאַרלאָזטע חסידים און איבער־צולאָזן דעם קאַצקער ביי זיין מיזאַנטראָפּיע און ביי זיינע מיה. ר׳ מרדכי־יוספס ספר „מי השילוח" וואָס זיין אייניקל ר׳ גרשון־העניך האָט אַרויס־געגעבן, איז פול מיט אַ קבליסטישער און עראָטישער סימבאָליק. אויך אין דעם דאָזיקן ספר זעט מען דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער און דעם זעלבסטשטענדיקן דענקער, וואָס צום ליבסטן זיינען אים די ראַדיקאַלע און אַפּאָסטאַטישע ווידערשפּרוכן. ביישפּיל: דער ביבלישער קרח קומט שוין אין חומש אַרויס אַלס דער אומפאַרבעסערלעכער מורד קעגן משה רבינו. אין תלמוד און אין דער גאַנצער רעליגיעזער יידישער ליטע־ראַטור ווערט קרח באַטראַכט אַלס דער סימבאָל פון דער זינדהאַפטיקייט. דיך, קרחס, קריוודע נעמט זיך ר׳ מרדכי־יוסף אָן אין זיין ספר „מי השילוח". ער באַמיט זיך אויפצואווייזן, אַז קרח איז געווען אַ גרויסער מאַן און אַ גרויסער מקובל און זיין רעוואָלוציאָנערע טאַט קעגן משהן איז געווען אינספּירירט פון מיסטישע זעאונגען און האָט געהאַט אין זיך טיפע קבליסטישע מיינונגען: אַז די מעשה־קרח איז נישט געווען אַזוי פשוט, און אַז דער קאַמף מיט משהן האָט געהאַט דעם אונטערשלאַק פון וועלט־סודות. ר׳ מרדכי־יוסף האָט געהאַט אין זיך אַ סך פון די יידישע נעאָ־פּלאַטאָניקער אין דער צייט פון פילאָן. אויך ביי זיי האָט זיך יעדעס תנכישע וואָרט פאַרוואַנדלט אין טויזנט געהיימנישפולע צייכנס. אויך זיי האָבן געלייענט אין דער ווירקלעכקייט ווי אין אַ כשוף־בוך פון סימ־באָלן. מע דאַרף נישט צו זיין קיין גרויסער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער כדי אין די דאָזיקע מיסטיש־רעוואָלוציאָנערע געגנ און אין דער געהיימניש־

פול־סימבאָלישער פאַרטיידיקונג פון קרחן צו זען סיי דעם גאַנצן פּסי־כישן מעכאַניזם פון ר׳ מרדכי־יוספס אומרואיקן און הערשערישן כאַ־ראַקטער, סיי די פאַרטיידיקונג פון זיין אייגענער אַפּאָסטאַטישער טאַט. דאָס געפיל פון אַ טיפן שולד־באַוואוסטזיין האָט אים געגאַנגט צוזאַמען מיט זיינע גרויסע מאַכט־אַמביציעס.

מיר האָבן ווייניק ידיעות וועגן יענער צייט, ווי אַזוי און אויף וואָסער אופן עס איז צוגעגרייט געוואָרן די מערקווערדיקע איזשביצער רעוואָלוציע. די אומצופרידנקייט און די אומהיימלעכע פרעמדקייט פון קאָצקער אַליין האָט גענוצט שאַפן די רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספערע. ר׳ מרדכי־יוסף האָט פון זיין זייט מן־הסתם אַלצדינג געטון כדי די אומ־צופרידענע אַטמאָספערע צו מאַכן נאָך דערדריקנדיקער. ר׳ מרדכי־יוסף איז געווען אַ מייסטער אויף צו פירן געשפּרעכן. מן־הסתם זייער טעמ־פּעראַמענטפולע און פאַנטאַזיעפולע געשפּרעכן. זיינע געשפּרעכן האָבן געהאַט גרויס איינפלוס אויף די קאָצקער חסידים, וואָס זיינען געקומען מיט בענקשאַפטן און זוכענישן.

פון קאָצקערס שטוּבּ־ און שפּינוועבס־חדר זיינען אַלע מאָל אָנגעַ־קומען די אויסטערלישסטע שמועות, שמועות וואָס האָבן נאָך מער אָנגע־גליט די לופט און אומהיימלעך פאַרטונקלט די אומרואיקע געמיטער. מ׳האָט נעמלעך דערציילט, אַז דער קאָצקער האָט געוואָרפן תפילין אין דער ערד און אַז ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט אין סאַמע שבת, און נאָך ענלעכע אַפשרעקנדיקע מעשיות. ס׳האָט זיכער נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, מחמת ביי אַלע זיינע ראַדיקאַלע אינדיווידואַליזמען איז דער קאָצקער געווען פולשטענדיק אָרטאָדאָקסיש וואָס שייך דעם שולחן־ערוך. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער תורה אין „נגלה״ מיט אַלע אירע דינים און געזעצן און זייער פיל געהאַלטן פון לומדים און עילוים. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די אומהיימלעכע נאָכ־קלאַנגען פון שבתי־צבי און איבערהויפּט פון יעקב פראַנק, זיינען נאָך דאַן טיף געלעגן אין דער לופט פון פוילישן יידנטום, און אַזעלכע שמועות וועגן אַ פערזאָן וואָס היבט זיך אָן צו פירן זייער ווידערשפּרוכ־פול און זייער אויסטערליש און געהיימנישפול, זיינען מן־הסתם געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן. מ׳האָט אַלצדינג לייכט געקאָנט אויסטייטשן לויט די אומהיימלעכע געפילן פון דער פאַנטאַזיע. די געמיטער זיינען

געווען דיספּאָנירט צו קוקן מיט שרעק אויף אַזעלכע וואָרשיינלעכע מעג־לעכקייטן, וואָס האָבן זיך שוין געטראָפן און קאָנען זיך ווייטער טרעפן. די חסידים אַליין האָבן דאַמאָלס געלעבט אויף די ראַנדן צווישן טראַדי־ציע און טראַדיציעלאָזיקייט, און ביי זייער גאַנצער פרומקייט האָבן זיי פונדעסטוועגן לויזער געמאַכט די פּענטעס פון דין. זיי זיינען געווען קאָנסערוואַטיווע רעוואָלוציאָנערן. טרוימער וואָס האָבן געזוכט נייעסן אין זייער אייגענער אינערלעכקייט. קאָנסערוואַטיווער רעוואָלוציאָניזם איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. אַ שטעקן מיט צוויי עקן ווירקט אומהיימלעך און דראָענדיק פאַר דעם אַליין וואָס טראָגט און באַנוצט זיך מיט אים אין זיין לעבנסוועג.

שמחת־תורה נאָך דער סעודה, איז ר׳ מרדכי־יוסף מיטן גאַנצן עולם וואָס האָט זיך דאָן געפונען אין קאָצק, אַרונטערגעגאַנגען צום טייך וויעפּזש, וואָס פליסט הינטער קאָצק. ביי דעם דאָזיקן טייך פלעגט ר׳ מרדכי־יוסף זייער אָפט אַרומגיין מיט גרופּעס חסידים און פירן זיינע באַרימטע געשפּרעכן. די דראַמאַטישע לופט אין קאָצק האָט שוין געהאַט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט און אויך די געשפּרעכן וואָס ר׳ מרדכי־יוסף האָט אין יענעם שמחת־תורה געפירט אויף די ברעגעס פון טייך וויעפּזש מיט זיינע אָנהענגער, האָבן געמוזט זיין שאַרפע, זייער דעצידירנדיקע, און זיי האָבן געפאָדערט ענדגילטיקע מעשים, ד״ה ענדגילטיק איבערצורייסן אַלע באַציאונגען מיטן קאָצקער און אים צו פאַרלאָזן. ווי עס קוקט אויס, האָט ר׳ מרדכי־יוסף באַוויזן דאָן צו דער־גרייכן דעם גלאַנץ־פּונקט פון זיין פאַנטאַזיע, פון זיין טעמפּעראַמענט און פון זיין עלאָקווענץ, וואָרעם ער האָט געזיגט. זיין ווילן איז געטאָן געוואָרן. די גורל־שטיינער זיינען געוואָרפן געוואָרן און אַלע בריקן איבערגעריסן. אַהיימקומענדיק פאַרנאַכטלעך מיט די חסידים, האָט מען שוין געוואוסט, אַז מאָרגן געשעט עס. דער קאָצקער ווערט פאַרלאָזט אין זיין מיזאַנטראָפּישער איינזאַמקייט, ער פאַרבלייבט אין שפּינוועבס צוזאַמען מיט די מייז און די פרעש, און צוזאַמען מיט זיינע ביטערע — טימאָנישע — קללות. די לעבעדיקע מענטשן פאַרלאָזן אים. אין איזש־ביצע ווערט אָנגעצונדן דאָס נייע ליכט פון דער לערע.

אַזוי איז עס געשען: צומאָרגנס, אסרו־חג יום־טוב, איז ר׳ מרדכי־יוסף כמעט מיטן גאַנצן עולם אוועק פון קאָצק נאָך איזשביצע. ווי איך

האָב שוין דערציילט, האָט זיך צומאָל קיינער מיטן קאָצקער נישט געזעגנט. די טאָט פון נישט געזעגענען זיך מיטן רבין האָט אויסגעדריקט דעם העכסטן פונקט פון דער מרידה.

קאָצק איז געבליבן ליידיק. ווי חסידים דערציילן, האָט זיך דער קאָצקער זייער דערשראָקן פאַר ר׳ מרדכי־יוספס טאָט. אין זיין אָפּגעשלאָסנקייט האָט ער אַפילו נישט געמוזט וויסן וואָס עס גרייט זיך אַרום אים. דער קאָצקער זאָל האָבן ר׳ מרדכי־יוספן נאָכגעשאָלטן מיט ווייסטע קללות, און אַז נעמלעך אין אַ וועג־קרעטשמע, וואו ר׳ מרדכי־יוסף האָט איבערגענעכטיקט מיטן עולם, איז אַראָפּגעפאַלן אַ בעלקע פון סופיט. ר׳ מרדכי־יוסף האָט געזאָגט: „דער קאָצקער שיסט מיט בעלקעס, אָבער איך האָב דערפאַר נישט קיין מורא״.

די שמועה פון דער מרידה אין קאָצק האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע קאָצקער חסידים־שטיבלעך אין פוילן. כמעט דער גאַנצער עולם קאָצקער חסידים האָט געהאַלטן דערביי אַריבערצוגיין צום איזשביצער אָפּאָסטאָט. אַפילו דער היילקער גאָסטינינער. דער גאָסטינינער איז געווען אַ קאָצקער חסיד, און עטלעכע טעג נאָך די געשעענישן אין קאָצק, איז ער געפאָרן אַהין. אויפן וועג האָט ער געהערט וואָס דאָרט איז פאַרגעקומען. דער הייליקער גאָסטינינער האָט שפּעטער דערציילט, אַז פאַרנדיק אויף אַ פור, איז ער צוגעקומען צו אַ שייד־וועג. די זאַמדיקע פּוילישע וועגן האָבן זיך דאָ פונאַנדערגעשיידט. איין וועג האָט געפירט נאָך קאָצק און דער צווייטער נאָך איזשביצע. דער גאָסטינינער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויפן שייד־וועג און אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים, אַז דער רבונו של עולם זאָל אים אויפלייכטן די אויגן און ווייזן דעם ריכטיקן וועג וואוהין ער האָט צו גיין. דער גורל איז געפאַלן אויפן קאָצקער וועג, און דער גאָסטינינער איז ווייטער אַוועק נאָך קאָצק. דאָרט איז אַלץ געווען פּוסט, דאָס בית־המדרש ליידיק, דער קאָצקער בייז, פאַרשלאָסן, און האָט כסדר געשאָלטן. בלויז ר׳ יצחק־מאיר דער „חידושי הרים״ און נאָך עטלעכע געטרייע זיינען איבערגעבליבן ביים פאַרלאָזטן רבין.

מערקווערדיק איז: כמעט דער גרעסטער רוב פון די אַוועקגעפאָרענע זיינען אייניקוויז צוריקגעקומען קיין קאָצק. ס׳האָט געהייסן, אַז נאָך דער גרויסער טאָט וואָס דער איזשביצער האָט באַוויזן צו טאָן, האָט ער

איבערגעשפּאַנט די מעגלעכקייטן פון זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט, און ער איז „געפאַלן" אַ מידער און זיך אָנגעהויבן אויסצולעשן. די קאָצקער חסידים וואָס זיינען מיט אים אוועק, האָבן זיך אָנגעהויבן אין אים צו אַנטוישן. ס'קאָן אויך זיין, אַז די קאָנסערוואַטיווע און טראַדיציאָנעלע שטימונגען האָבן סוף־כל־סוף באַקומען די איבערהאַנט אין די הערצער פון די רעוואָלוציאָנערן. די אַנטלויפער האָבן זיך געבראָכן אונטער דער אויפגעוואַכטער אויטאָריטעט פונעם קאָצקער אינעווייניק אין זייער געמיט, און זיי האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון צו זיין אַפּאָסטאָטן. דער רוב בנין ומנין פון די א"ג אַפּאָסטאָטן זיינען צוריקגעקומען קיין קאָצק און געוואָרן נאָך שאַרפערע קאָצקער חסידים ווי פריער. דער קאָצקער האָט מיט אַמאָל זיי אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן מיט זיין אויסטערליש־קייט, מיט זיינע ווידערשפּרוכן און מיט זיין שאַרפזיניקער מיזאַנטראָפּיע. פון דער גאַנצער רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט נאָך אַ קליינע רבישע דינאַסטיע אין פוילן, איזשביצע. ר' מרדכי־יוסף אַלס רבי האָט מער נישט געשפּילט די זעלביקע ראָל ווי ער האָט געשפּילט אין קאָצק אין דער ראָל פון אַ ווידערשפּעניקער. פאַראַן גייסטער וואָס קאָנען נאָר זיין שעפעריש אַלס אַנטיטעזעס. ר' מרדכי־יוסף האָט אימפּאָנירנדיק גע־לויכטן נאָר אַלס דער אַנטיטעטישער טראַבאַנט צום קאָצקערס מערק־ווערדיקער פּערזענלעכקייט. די שפּעטערע צוואַנציק יאָר, די אייגנטלעכע גרויסע קאָצקער יאָרן, איז דער קאָצקער אַליין געווען פאַרשלאָסן אין זיין נישט־אויסגעקערטן חדר, געפּיטערט די מייז און די פרעש צווישן אַזויגער ביינאַכט מיט די קרישקעס פון זיין קאַרגן עסן און געשאָלטן זיינע איבער־געגעבנסטע אָנהענגער מיט טויטע קללות. נאָר פון די דאָזיקע מיזאַנ־טראָפּישע יאָרן זיינען געפלאָסן זיינע גרויסע איינפלוסן אויפן כאַראַקטער פון די קאָצקער חסידים. דעם קאָצקערס אָנדענק און זיינע השפּעות זיינען פיל שטאַרקער געווען אין פוילישן חסידות ווי די השפעות פון עלאַקוועטן און גייסטרייכן איזשביצער.

ווען ר' מרדכי־יוסף איז געשטאָרבן, איז זיין זון ר' יאַנקעלע אַרויף אויף די איזשביצער שטול. ער האָט אין זיך גאָרנישט געהאַט פון זיין רעוואָלוציאָנערן פאָטער. ר' יאַנקעלע איז געווען אַ שטילע לירישע און פּאָעטישע נאַטור. זיין ספר „בית יעקב" איז איינער פון די שענסטע שטימונגס־ספרים אין דער חסידישער ליטעראַטור.

אַ סך פון זיין זיידן ר׳ מרדכי־יוסף האָט געהאַט אין זיך דאָס אייניקל ר׳ גרשון־העניך.

ר׳ גרשון־העניכן האָט זיכער געפעלט די טיפע מיסטישע התלהבות פון ר׳ מרדכי־יוספן. ער האָט נישט געהאַט ר׳ מרדכי־יוספס וויזיאָנעריש־קבלישן בליק אויף אַלעם און אַלצדינג. פאַרקערט, ר׳ גרשון־העניך איז געווען דורכויס אַ ראַציאָנאַליסט מיט ווייניק פאַנטאַזיע און וויזיאָנערישקייט. פון זיין זיידן האָט ער בלויז געהאַט דאָס רעוואָלוציאָנערע און דאָס אַפּאָסטאָטישע און דעם ווילן צו קאַמף און ווידערשפרוך. ביי ר׳ גרשון־העניכן אָבער האָבן זיך די דאָזיקע אייגנשאַפטן נישט געקאָנט אויסלאָדענען אין פאַנטאַסטישע וויזיעס. ער האָט אויך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו גרויסער איבערקערערישער מאַכט ווי דער זיידע זיינער. סוף־כל־סוף האָט זיך ר׳ מרדכי־יוסף געהאַט אויסגעקליבן אויפצונעמען דעם קאַמף מיט אַזאַ אויטאָריטעט ווי דער קאָצקער: גראָד דעם קאָצקער צו דעגראַדירן און זיך אַרויפצוזעצן אויף זיין שטול. ר׳ גרשון־העניך האָט די אַלע קאָמפּס־מעגלעכקייטן נישט געהאַט. די אידזשביצער דינאַסטיע איז געווען אַ צווייטראַנגיקע און זי האָט נישט קיין סך מיטגעשפּילט אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע פון פּוילישן חסידות, וואו דעם קאָצקערס איינפלוסן זיינען ווייטער געבליבן זייער שטאַרק. די דינאַסטיעס וואָס זיינען געווען די דירעקטע יורשים פון קאָצק, ווי גער, למשל, האָבן געשפּילט די ערשטע ראָל. ר׳ גרשון־העניך איז געווען אַ פאַרשפּעטיקטער רעוואָלוציאָנער, און זיין טעמפּעראַמענט האָט נישט געהאַט דאָס פּאַסיקע אָרט וואו זיך אויסצולאָדענען. דעריבער — פּסיכאָלאָגישע געזעצן! — ר׳ גרשון־העניכס אַפּאָסטאָטישע אייגנשאַפטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ווילדע אַמביציעס. אַפילו אין גענוג נאַאיווע און דילעטאַנטישע אַמביציעס. די געקרענקטע פאַרביטערטקייט פון אַן אומפאַרבעסערט גרויסקייט־געפיל האָט פון אים אַרויסגערעדט אין טאַט, אין וואָרט און אין שריפט. ר׳ גרשון־העניך איז זיכער געווען אומגעווירנטלעך פּעאיק. אפשר געניאַל פּעאיק. זיינע פאַרביטערטע אַמביציעס אָבער האָבן אַלץ איבערגעשטיגן, און ער האָט אַלצדינג געטון — און היפּש דילעטאַנטיש געטון — כדי זיך אונטערצושטרייכן, כדי זיך אַרויסצוהייבן איבער אַלעמען, און דער עיקר — דאָ האָט אים געשטאַכן דער האָבער — גליַיך צו זיין צום זיידן.

ער האָט געוואָלט אַז יעדע טאַט זיינע זאָל זיין שרייעדיש, אָריגינעל, און איבערקערעריש. און דער עיקר — די טאַט זאָל מאַכן אַלעמען בייז בלוט, ווייזן זיין איבערוועדטיקייט איבער דער גאַנצער רבישער און רבנישער וועלט אין פוילן, און אַלעמען פאַרבליפן און איבעדראַשן. האָט ר׳ גרשון־העגעך אַרויסגערופן קעגן זיך די האַרבסטע קעגנער־שאַפטן — אדרבה! — עס האָט אים נישט איבערגעשראָקן. עס האָט גאָר געשטאַרקט דעם אימפעט פון זיין טעמפּעראַמענט און דעם אַמביציעזן גלויבן אין זיך. די שנאה צו אים איז געווען דאָס אייל אויף די פלאַמען פון זיינע אַמביציעס. קאָמפּראָמיסלאָזע מחלוקה האָט דערמאָנט די קלאַסישע צייטן פון ר׳ מרדכי־יוספס קאַמף מיט קאָצק — און דאָס איז געווען דער אידעאַל פון ר׳ גרשון־העגעכס אַמביציעס. ער האָט זיך שטענדיק אונ־טערגענומען צו טון די פאַרבליפנדיקסטע און איבערראַשנדיקסטע אַר־בעטן. צב״ש: די משנה האָט זעקס סדרים. די תלמודישע קאָמענטאַרן אויף דער משנה — און זיי זיינען געזאַמלט געוואָרן במשך פון 2—3 הונ־דערט יאָר — זיינען נאָר אויף פיר סדרים. אָרום דעם „סדר טהרות" פון דער משנה איז נישט באַוויזן געוואָרן צונויפצוזאַמלען די תלמודישע קאָמענטאַרן. אַזוי האָט ר׳ גרשון־העגעך זיך אונטערגענומען אַליין צו טון אַ ריזן־אַרבעט, וואָס האָט באַדאַרפט אַן אַרבעט פון דורות. אין „מסיכתא" האָט ער טאַקע פאַרטיק געמאַכט און זי פאַרעפנטלעכט אין דרוק. די רבנישע קריטיק האָט אַפילו באַוואונדערט דעם שוואונג פון דער אונטערנעמונג, אָבער אין גרויסן און גאַנצן האָט זי ר׳ גרשון־העגעכס אַרבעט זייער שטאַרק אַרונטערגעריסן און באַוויזן אין איר קאָלאָ־סאַלע פעלערן און די פאַרטאַטשנע אַרבעט פון אַ דילעטאַנט. איך פיל מיך נישט באַרופן דאָ צו זאָגן מיין מיינונג, אָבער איך גלייב, אַז אין דער שלעכטער אויפנאַמע פון דער רבנישער קריטיק האָט אויך גאָר שטאַרק מיטגעשפּילט דער אומשטאַנד וואָס ר׳ גרשון־העגעך איז געווען מיט אַלעמען צעריסן, מיט אַלעמען זיך געקריגט און די גרעסטע לומדים געמאַכט, אין וואָרט און אין שריפט, גלייך מיט דער בלאָטע. איך בין אַליין אַ קריטיקער און ווייס וויפל סוביעקטיווע איינשטעלונג שפּילט מיט ביי דער קריטישער אָפּשאַצונג. דערנאָך האָט ר׳ גרשון־העגעך ווי־דער געטון אַ זאַך וואָס האָט אין דער רבנישער און חסידישער וועלט אויפגעפּלאַצט ווי אַ באָמבע, נעמלעך: אין תלמוד געפינט זיך אַ לעגענדע,

אַז דער חלזון־פיש, מיט וועמעס בלוט מען פאַרבט בלוי איין ציצה פון די אָנגענומענע אַכט ציצית, טויכט אויף פון די ים־טיפענישן איין מאָל אין זיבעציק יאָר. מען דאַרף האָבן גוואַלטיקע קענטענישן אָפּצופּאַסן די שעה פון זיין אויפטויכן און אים צו פאַנגען. די דאָזיקע קענטענישן געהערן צו די סודות פון די כהנים אין בית־המקדש. נאָכן חורבן ירושלים זיינען בכלל די דאָזיקע קענטענישן פאַרגעסן געוואָרן. מיר ווייסן נישט ווען דער חלזון קומט און ווי אַזוי מען פאַנגט אים. די שפּעטערע דורות נאָכן חורבן, מוזן זיך, פּונקט ווי אָן קרבנות, אויך באַגיין אָן חלזון־בלוט. פאַרפאַלן. ביטערע צייטן און מ׳מוז וואַרטן מיטן חלזון ביז משיח וועט קומען. אַזוי אומגעפער זאָגן די תלמודישע לעגענדעס. פאַר אַזאַ פאַרביטערטער און ווידערשפּעניקער נאַטור ווי ר׳ גרשון־העניך איז עס געווען אַ קנאַפּער תירוץ. ער האָט זיך נישט געלאָזט שיטן זאַמד אין די אויגן און וואַרטן — אַ קלייניקייט — ביז משיח וועט קומען. פאַרקערט: דאָס האָט אים דווקא גערייצט די אַמבי־ציעס מיט די אייגענע הענט צו געפינען דעם חלזון און צו שטעלן אויף זיין אויטאָריטעט להכעיס אַלץ און אַלעמען. דער דערפאַלג האָט, פאַר־שטייט זיך, נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. עס איז צו ר׳ גרשון־העניכן נאָך ראַדזין דערגאַנגען די ווילדע נייעס — אגב אַ נייעס וואָס ווייסט זי יעדער וועלכער האָט נאָר די מינדסטע אָנונג אין זאָאָלאָגיע — אַז אין מיטללענדישן ים, איבערהויפּט אינעם „גאָלף" פון נעאַפּאָל, געפינען זיך טינט־פיש. היינט צו טאָג געפינען זיך אַט־אָ די טינט־פיש אין אַלע גרעסערע אַקוואַריומס. ר׳ גרשון־העניך האָט נישט לאַנג געקלערט, ער האָט זיך אַליין מטריח געווען קיין נעאַפּאָל, דאָרט געזען דעם טינט־פיש, ער האָט ביי אים נישט געפרעגט קיין פּאַספּאָרט צי ער איז זיבעציק יאָר געווען אין די פינצטערע טיפענישן פון ים און צי ער האָט מתוקות מיט די כהנים פון בית־המקדש. גלייך אויפן אָרט האָט ר׳ גרשון־העניך געפּסקנט, אַז דאָס איז דער געזוכטער חלזון, און מען דאַרף דערמיט מער נישט וואַרטן אויף משיחן. פון היינט אָן און ווייטער מוזן יידן צוריק אָנהייבן צו טראָגן אַ בלויע ציצה ווי אין די צייטן פון בית־המקדש. גענוג זיך געבאַלעוועט!

אין דער רבנישער וועלט איז געוואָרן דער אמתער טומל. ווידער האָט דער פאַרהאַסטער ר׳ גרשון־העניך איבערראַשט, און דערצו מיט אַ

זאַך, וואָס איז קעגן אַלע אָנגענומענע לעגענדעס. ס'טייטש, ווי אַזוי איז עס דער חלזון, אַז סך־הכל קומט דער הלזון אַרויס פון די טיפענישן איין מאָל אין זיבעציק יאָר, און נאָר די כהנים פון בית־המקדש האָבן געוואוסט אָפּצוּוואַרטן די ריכטיקע צייט און דאָס דאָזיקע זעלטענע אוניקום צו כאַפּן. זעט צו וואָסערע אוממעגלעכע פּאַרמעסטן דעם ראַדזינערס אַמביציע וויל דערלאַנגען! דער חלזון־פיש וואָס ר' גרשון־העניך האָט געבראַכט אַזש פון איטאַליע און געוויזן, אַז ער טראָגט אין זיין פיש־זעקל בלויע פאַרב, איז סך־הכל עפּעס אַ ווייסטע מיסטיפיקאַציע, אַ ממזר־פיש. ער מאַכט גאָר פּסול דאָס כשרות פון די איבעריקע ציצית. די פיינדשאַפט צו ר' גרשון־העניכן פון די אַלע גדולים, וועלכע ער האָט אַלע מאָל פּערזענלעך אָנגעגריפן און געזידלט אין וואָרט און אין שריפט — וואָרעם אויך אין דער מסיכתא פון „סדר טהרות", וואָס ער האָט געזאַמלט, האָט ער אין די פירושים זיינע אַריינגעשמוגלט פאַרשיידענע שפּילקעלעך אויפן חשבון פון פאַרשיידענע גדולים — דאָס אַלצדינג האָט נאָך די פּאַלעמיק קעגן דעם חלזון פאַרשאַרפט און איר געגעבן אַ פאַרביטערטן און פּערזענלעכן טאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז ר' גרשון־העניך איז נישט געווען דער מענטש וואָס לאָזט זיך אָפּשרעקן פון פּאָלעמיק און אָנפאַלן. ער איז געוואָרן האַפערדיקער, איינגעשפּאַרטער און בייסיקער. אויך ר' גרשון־העניך איז אַרויסגעטרעטן מיט וואָרט און שריפט, כדי צו פאַרטיידיקן זיין געוואַגטע דערפינדונג און זיך דערביי אָפּצורעכענען מיט זיינע קריטיקער און מיט אַלע און אַלעמען אויפן שאַרפסטן אופן. אויך ער, ר' גרשון־העניך, האָט אָנגעגורט די לענדן מיט לומדישן פּלפּול און אָנגעהויבן אויפצואווייזן פון תלמוד און פון די שפּעטערע גאונים און אויטאָריטעטן די ריכטיקייטן פון זיין טעזע. איבער דער פוילישער רבנים־וועלט האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ ווילדע מחלוקה צווישן ר' גרשון־העניכן מיט זיינע חסידים פון איין זייט און דער גאַנצער חסידישער און רבנישער וועלט פון דער אַנדערער זייט. אויפן באַפעל פון ר' גרשון־העניכן האָבן זיך אַלע ראַדזינער חסידים אָנגעטון בלויע ציצית. זיינען באַפאַלן און געשלאָגן געוואָרן פון אַנדערע חסידים, איבערהויפּט פון די חסידים פון גער, ווי איך וועל ווייטער דערציילן, האָבן גערער חסידים געטראָגן אַ באַזונדערע העלישע שנאה צו ר' גרשון־העניכן. אין די

פוילישע שטעטלעך, וואו עס זיינען נאָר פאַראַנען געווען ר׳ גרשון־העניכס חסידים, האָט זיך געטון חושך. מען איז באַפאַלן זייערע חסידים־שטיבלעך, ביי זיי צוגענומען פּרנסות, געמסרט ביי דער מאַכט, ווייבער האָבן זיך געגט מיט די מאַנען, שווערס האָבן אַרויסגעטריבן די איידעמס. ס׳האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק. די שריפטן און מחלוקתן קעגן ר׳ גרשון־העניכן זיינען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָכן רעגן. ס׳האָט גאַרנישט געפּועלט — ר׳ גרשון־העניך איז געבליבן אַ פּאַרעקשנטער ביי דאָס זייניקע, אַז זיין חלזון איז דער אמתער חלזון, און האָט אַלעמען געוויזן די גרויסע פייג. ראַדזינער חסידים טראָגן נאָך ביזן היינטיקן טאָג די בלויע ציצה, און זיי קוקן אויס עקזאָטיש און אויסטערליש אין די אויגן פון אַנדערע חסידים.

באַלד נאָך דער מחלוקה וועגן חלזון, האָט ר׳ גרשון־העניך אויפגעהויבן אַ קאַמף — ווי איך האָב שוין אויבן דערציילט — קעגן ארץ־ישראל־אתרוגים און קעגן גויישע דינסטן. אויך דעם דאָזיקן קאַמף האָט ער געפירט מיט דער גרעסטער פאַרביטערטקייט און מיט פערזענלעכע אָנפאַלן אויף אַלע און אַלעמען. די גרעסטע אויטאָריטעטן צווישן די פּוילישע גוטע־יידן האָט ער אָנגערופן מיט מיאוסע צונעמענישן. איבערהויפּט זיינען זיינע אַטאַקעס געגאַנגען קעגן גערער רבין. די גערער דינאַסטיע איז געווען די גלייכע ליניע פון קאָצק. מן־הסתם איז דאָס אויך געווען דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו וואָס האָט ר׳ גרשון־העניכן גערייצט אויפצונעמען און ווייטער צו פירן דעם קאַמף וואָס האָט אים פאַרגליכן צום זיידן. פון די מחלוקות מיט גער וועל איך נאָך שפּעטער דערציילן.

זיינע אומדערזעטלעכע אַמביציעס האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט בלויז אויפן פעלד פון תורה און חסידות. ר׳ גרשון־העניך האָט זיך טאַקע גענומען פאַר אַ פאַרבילד ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער, אָבער זיינע אַמביציעס, וואָס שייך דעם פאַרבילד, זיינען געשטיגן אַלץ ווייטער און ווייטער. נישט קיין קלענערער ווי דער רמב״ם איז געווען דאָס געהיימע וואונטש־בילד פון זיינע אַמביציעס. ר׳ גרשון־העניכס מסדר זיין די תלמוד־קאָמענטאַרן צו „סדר טהרות״, האָט געשמעקט מיט די טאָטן פון רמב״ם אין זיין „משנה תורה״. ווער ווייס וואָס ער, ר׳ גרשון־העניך, האָט וועגן זיך געטראַכט און וואָסער איבערגעטריבענע מיינונג ער האָט

געהאַט וועגן זיינע פּעאיקייטן ווען ער איז געגאַנגען זיך פאַרמעסטן מיטן רמב״ם. עס איז נישט געווען — דער רמב״ם איז נאָך עפּעס געווען, ער איז געווען הויף־דאָקטאָר ביים קאַליף אין קאַאיר, און אויך דער דאָזיקער האָבער פון קנאה האָט געשטאָכן דעם אומדערזעטלעכן און אַפּאָס־טאָטישן דילעטאַנט.

ר׳ גרשון־העניך האָט זיך פאַרשאַפט עטלעכע אַלטע מעדיצינישע ביכלעך אויף העברעאיש, דערצו האָט ער איינגעלאָדן צו זיך דעם דאָקטאָר פון דעם קליינעם שטעטל ראַדזין. דער דאָזיקער רבישער דאָן־קישאָט, ר׳ גרשון־העניך, וואָס איז סוף־כל־סוף געווען פּעאיק און מעכטיק אין זיין רבישן און רבנישן שטח, האָט פונדאָסניי געוואָלט פאַר־בליפן די וועלט. און דאָס מאָל נישט בלויז די פון „חובשי בית־המדרש״, נאָר די גרויסע וועלט. ער וועט זיך אַליין, אָן דער הילף פון אוניווער־סיטעטן און מעטאָדישע לימודים, אויסלערנען די חכמה פון מעדיצין. אויך דאָ וועט ער אַלעמען איבערשטייגן. אויך דאָ וועט ער ווערן די וואָגערישע באַרימטקייט און זיך שאַפן רוס און שונאים.

ר׳ גרשון־העניך האָט געהאַט פּראָווינציעלע, בטלניש־דילעטאַנטישע און נישט־קלאָרע באַגריפן וועגן די מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפטן, דערי־בער האָט אויך דאָ דער דערפאָלג נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. די עטלעכע העברעאישע ביכלעך וועגן חכמת הרפואה, און דער פּראָ־ווינציעלער דאָקטאָר, זיי האָבן אַליין אין זייערע זאַפאָסן נישט געהאַט קיין איבעריקע קענטענישן און זיי האָבן דעם פּעאיקן דילעטאַנט נישט געמאַכט קיין צו גרויסע שוועריקייטן כדי צו ווערן דער מעדיצינישער אויטאָדידאַקט. ער האָט באַלד זיינע חסידים אָנגעהויבן איינצורײדן, אַז ער האָט אין דער קורצער צייט באַוויזן צו ווערן אויך אין חכמת הרפואה איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין פוילן, און האָט אָנגע־הויבן צו שרייבן „רעצעפּטן״ אויף רעכטס און אויף לינקס.

די דאָזיקע נייע „דערגרייכונג״ האָט נישט געמאַכט דאָס זעלביקע אויפזען ווי זיינע פריערדיקע דאָן־קישאָטישע פאַרמעסטונגען אין דער ידישער וועלט. צו די אויערן פון די גוים איז צומאָל נישט דערגאַנגען די שמועה פון דעם נייעם מעדיצינישן שטערן אין ראַדזינער בית־המדרש. די גוטע־יידן האָבן אים אפשר געגלייבט.

דער איינציקער רבנישער אויטאָריטעט אין פּוילן, וועלכן ר׳ גרשון־הענעך האָט געשטעלט העכער פון זיך און אַפילו אָראָפּגעשלונגען פון אים נישט איין ביטערע פּיל, איז געווען ר׳ יהושיעלע קוטנער. פון ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט ער אַלץ פאַרנומען, דאָס אַנגענעמע און דאָס אומאַנגענעמע. ער פלעגט אָפט קומען צו ר׳ יהושיעלען נאָך קוטנע. ער פלעגט ר׳ יהושיעלען באַזוכן מיט דרך־ארץ און ערפורכטיקייט.

מיין פאָטער האָט אים געזען אין קוטנע ביי ר׳ יהושיעלען. הגם מיין פאָטער איז נאָך דאַן געווען אַ יונג בחורל, האָט ער נושא־חן געווען ביי ר׳ גרשון־הענעכן און ר׳ גרשון־הענעך פלעגט מיט אים שמועסן ווי מיט אַ דערוואַקסענעם און זיך אַפילו פאַרטרויט פאַר אים מיט זיינע אינעווייניקסטע מחשבות. ר׳ יהושיעלע האָט זיך באַצויגן צום ראַדזינער מיט אַ געוויסער וואוילווילנדיקער סימפּאַטיע ווי צו אַ פעאיקן דילעטאַנט. ער האָט פון זיינע ספרים קנאַפּ געהאַלטן און אויך די מעשה־חלזון האָט ער געהאַלטן פאַר אַ קינדערשער אַפּערע. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז ר׳ גרשון־הענעך איז געפאָרן אַליין אַן אַ משמש. אין יענע צייטן איז פאָרן אָן אַ משמש, פאַר אַ חסידישן רבין, געווען זייער אַ שקאַנישע טאַט, און ער האָט עס געטון, כדי צו קאָנען אויך מיט דעם זידלען און אויסלאַכן זיינע רבישע קאָלעגן. ווען מיין פאָטער האָט אים אַמאָל געפרעגט (זייענדיק אין קוטנע איז ר׳ גרשון־הענעך געשלאָפן אין דער זעלביקער שטוב וואָס מיין פאָטער און דאָס האָט געגעבן די גוטע געלעגנהייט צו פירן היימישע און אינטימע געשפּרעכן) פאַרוואָס ער פאָרט אָן אַ משמש, דאָס איז דאָך קעגן אַלע אָנגענומענע מנהגים און קעגן דער „הויף־עטיקעטע" פון גוטע־יידן — האָט ר׳ גרשון־הענעך סאַרקאַסטיש געענטפערט, אַז ער באַדאַרף נישט קיין בערן־טרייבער. דאָס איז אָבער נישט געווען געווען, וואָרעם אויב „בערן־טרייבער" — האָט ער באַלד אויסגערעכנט דעם גאַנצן צעטל פון די לעבעדיקע אויטאָריטעטן פון פּוילישן חסידות, וואָס קאָנען זיך נישט רירן אָן אַ „בערן־טרייבער". און פאַרוואָס ? ווייל זיי זיינען טויגעניכטסן, קאַליקעס, בטלנים און וואָס אין דער קאָרט שטייט. די גרעסטע שטעך־ווערטער און אָפּשפּעטענישן זיינען, פאַרשטייט זיך, געפאַלן אויפן חשבון פון גערער רבין, זיין גרעסטער קאָנקורענט און דער לעגאַלער יורש פון קאָצק. ר׳ גרשון־הענעך האָט אים זידלענדיק גערופן „דער טויבער לייבוש",

מחמת דער גערער רבי איז געווען אַ ביסל טויבלעך אויף אַן אויער. אויך פאַרנדיק קיין טשעכאָטשינעק אויף קור, פלעגט ר׳ גרשון־הענעך אויפן וועג אָפּטרעטן ביי ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ גרשון־הענעך האָט דאָן נישט געטראָגן די באַקאַנטע זיידענע בעקעשע פון גוטע־יידן, נאָר אַ פּשוטן גרויען „וועלטלעכן" שטויב־מאַנטל. דאָס האָט אויך אַרויסגערופן געגנוג בייז בלוט ביי זיינע שונאים. די פּוילישע רבנים און גוטע־יידן האָבן אויסערגעוויינטלעך מקפיד געווען אויף דער טראַדיציאָנעל אָנגענומענער פאָרם פון דער הלבשה און יעדע מינדסטע ענדערונג האָט שוין געהייסן חוקת־הגוי. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט דעם פאָלגנדיקן מערקווערדיקן פאַקט: איינמאָל זייענדיק אין קוטנע האָט ר׳ גרשון־הענעך פונאַנדערגעפּאַקט זיין וואַליזקע, אין דער וואַליזקע איז געלעגן — אַ רעוואָלווער. מיין פאָטער, אַ חסידיש בחורל, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און געפרעגט ר׳ גרשון־הענעכן צו וואָס ער באַדאַרף אַזאַ כלי־משחית. „אַקעגנצוגיין משיחן", האָט סאַרקאַסטיש געענטפערט ר׳ גרשון־הענעך, „מ׳מוז דאָך משיחן אַקעגנגיין מעשה מענטש. ווער דען וועט אים אַקעגנגיין? יענע טויגעניכטסן, קאַליקעס און בטלנים?" און דאָ גייט ווידער דער צעטל פון אַלע לעבעדיקע רבישע אויטאָריטעטן. ר׳ גרשון־הענעך האָט צוגעגעבן, אַז אַזוי ווי זיינע בלוטיקסטע שונאים, די גערער חסידים, האָבן אים דערקלערט אַלס פויגל־פריי, מוז ער האָבן מיט וואָס זיך צו שיצן. ר׳ גרשון־הענעך האָט געבעטן מיין פאָטער נישט צו דערציילן ר׳ יהושיעלען וועגן רעוואָלווער, „וואָרעם דער אַלטער וועט זיך דערשרעקן". איך גלייב, אַז די דאָזיקע אַלע מעשיות האָבן געמוזט שטאַמען פון געוויסע וואָן־פאַרפאַלגונגען, מיט וועלכע זיינע אייביקע נישט־באַפרידיקטע אַמביציעס האָבן זיך קרענקלעך געפאַרט. געקרענקטע אַמביציעס פון גרויסקייטס־מאַניע און וואָן־פאַרפאַלגונגען גייען נישט איינמאָל האַנט ביי האַנט.

ווען ר׳ גרשון־הענעך איז געשטאָרבן, האָבן אין אַ סך שטעטלעך גערער חסידים געטרונקען בראָנפן לכבוד זיין טויט, געמאַכט הוליאַנקעס און געטאַנצט אין די שטיבלעך. מיט אַזאַ אַטמאָספערע פון שנאה האָט זיך דער דאָזיקער געניאַלער דילעטאַנט אַרומגענומען. נאָר כ׳וויל נישט פאַרויסגיין די געשעענישן.

אויף מיין פאָטערס חתונה איז ר׳ גרשון־הענעך געקומען צוליב צוויי סיבות, איינמאָל לכבוד זיין פריינדשאַפט מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער, און צווייטנס — מן־הסתם — כדי צו האָבן דאָס גרויסע פאַרגעניגן צוזאַמען צו זיין מיט זיינע שונאים, די אַנדערע רבנים און גוטע־יידן, וואָס זיינען געקומען אויף דער חתונה. ער האָט אויף זיך געוואָלט פילן די בליקן פול מיט האַס פון זיינע בלוטיקע קעגנער. עס האָט אים וואוילגעטון.

# קאַפּיטל צוועלף

חופּה־טאָג. די כלה פאַסט. די באָבע חיה צווישן רבניתֿ און גוטע־יידן. די באָבע חיה שפּרעכט אָפּ עין־הרעס און ציילט די הייליקע גראָשנס. מען דאַרף בעטן רחמים. סימכע גייגעֿ לויפט צו די צדיקים אין סאָד אַריין און בעט סגולות. די מומע רויזע אַרבעט מעשים. תורה און פּלפּול אין אָסמולסקער סאָד. הירשל נאמן מיט גמרות און פלאַשן וואַסער גייט אַרום צווישן די אויבס־ביימער. סימכע גייגע כאַפּט אַ פּסק פון הירשל נאמן. אין קיך קאָכן זיך חתונה־מאכלים. אונטער די סאָד־ביימער גרימפּלען שפּיל־כלים. נח נאַשעלסקער מאַכט פּראָבעס.

דער תמוז־טאָג פון דער חופה האָט זיך געשטעלט אַ הייסער און אַ ליכטיקער. די הימלען האָבן געגלאַנצט אין זייער טונקעלער בלויקייט. די זון האָט זיך געקאָלערט ווי אַ גאָלדענע שיף. פון די פעלדער האָבן געוויעט די וואַרעמע הויכן פון די רייפע תבואות, פון דעם אויסגעשטאָ־נענעם קאָרן, פון די ווייצן וואָס הייבן אָן רייף צו ווערן, פון דעם האָבער און די גערשטן. פייגל האָבן געטשוויטשערט אין די וואַרעמע לופטן. אַלע מאָל זיינען אָנגעקומען נייע מחותנים. חתן־כלה האָבן געהאַט צו פאַסטן אַ לאַנגן און הייסן זומער־טאָג. צווישן די גוטע־יידן און צווישן דעם געראויש פון די שוואַרץ־זיידענע רבנישע שלאָפּרעק און קאַפּאָטעס האָט זיך די באָבע חיה געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. אירע אַלע אָבערגלויבערישקייטן זיינען אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך. זי האָט געפילט, אַז אַלע הייליקע הימלען, צו וועלכע זי דאַוונט ראָש־השנה פון איר אַלטן, אויסגעווייינטן מחזור, צינדט פאַר זיי אָן יום־כפור גרויסע וואַקסענע און דיקע ליכט, און זאָגט תחינות, אַז זיי, די גאָטספאַרבטיקע הימלען פון די ימים־נוראים האָבן זיך געעפנט איבער איר הויז. די הייליקע מלאכים פון קרבן־מנחה־סידור דרייען זיך דאָ אומזעעוודיקע אַרום צווישן אַזוי פיל רבנים און גוטע־יידן. אַ קלייניקייט — זי האָט דערלעבט די גרויסע זכיה מיט די אייגענע אויגן אָנצוקוקן אַזוי פיל הייליקע צדיקים. זי האָט זיך גאַרנישט געהאַלטן ראוי דערצו, און מורא געהאַט פאַר אַ בייז אויג פאַר זיך, פאַר דעם מאַן און פאַר דעם אייגציקן טעכטערל וואָס איז איר איבערגעבליבן פון אַזוי פיל קינדער. דאָס בת־יחידקעלע איז איצט אין חופה־טאָג און פאַסט. די באָבע חיה האָט ס׳גאַנצע לעבן אירס געציטערט פאַר עין־הרעס, און ביי דער מינדסטער קלייניקייט, אַפילו ווען עמעץ האָט אַ גענעץ געטון אין איר אַנוועזנהייט,

האָט זי באַלד אויסגעשפּיגן ניין מאָל און געזאָגט פאַרשיידענע אָפּשפּרע־כענישן אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן פאַר איר אַליין עברי־טייטש. זי האָט באַלד די טאָכטער אויסגעלעקט די אויגן זיבן מאָל, און זיך אַליין געשפּיגן אויף די פינגער. חוץ דעם האָט די באָבע חיה געהאַט עטלעכע צענדליק אָפּ־געשפּראָכענע גראָשנס. זי האָט די דאָזיקע הייליקע גראָשנס געהאַלטן איינגעוויקלט אין עטלעכע אַלטע געבלימלטע לויוויטשער טיכלעך און אין ספּעציעלע בלעכענע טעפּלעך. איטלעכן ערב ראָש־חודש האָט זי די דאָזיקע גראָשנס איבערגעציילט און דערביי געפּליסטערט אויסטערלישע תחינות אויף אויסנווייניק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין חופּה־טאָג פון ציטערדיקן טעכטערל האָט זי די גראָשנס פונדאָסניי זאָרגפעלטיק איבערגעציילט, איבערבינדנדיק די לוויוויטשער טיכלעך, און געזאָגט די געהעריקע תחינות מיט אַ באַזונדערער ערנסטקייט. און די באָבע חיה האָט דערביי פאַרגאָסן טייכן מיט טרערן. אַ גאַנצן טאָג איז די באָבע חיהס בלאַסע פּנים געווען נאַס פון טרערן, און די אויגן זיינען איר רויט געווען פון כסדרדיקן שטילן וויינען. די באָבע חיה האָט אפילו געוואוסט אַז היינט צו טאָג איז זי געשיצט דורך די פיל צדיקים וואָס זיינען אונטער איר דאַך, אָבער ווער קאָן זיך דערהיטן פאַר אַ בייז אויג? און מ׳דאַרף כסדר צו זיין אויף דער וואַך און בעטן רחמים און טוען וואָס מ׳קאָן. די כלה איז בלאַס פון פאַסטן, און גלייבט אַלע מאָל צו פאַלן חלשות. און אויך די כלה וויינט אַ גאַנצן טאָג, ווארעם היינט איז חופּה־טאָג, און חופּה־טאָג איז געגליכן צו יום־כפּור און אין הימל איז ספּעציעל געעפנט דאָס בוך פון איר לעבן און די מלאכים מישן דאָרט די בלעטער און האַלטן גרויסע געגנדזענע פעדערס אין די הענט גרייט צו שרייבן. ס׳איז נישט קיין קלייניקייט חופּה־טאָג. די באָבע חיה האָט כסדר אַ גאַנצן טאָג געשיקט אַלע מאָל צו אַן אַנדערן צדיק מזכיר צו זיין די כלה ביום־חופּתה און אין איין וועג נישט זשאַלעווען קיין סגולות. וויפל סגולות סימכע גייגע האָט נישט געברענגט, עס איז אַלץ געווען צו ווייניק. סימכע גייגע וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן אַ שטיק פון די צדיקים, איז געגרן געלאָפן צו זיי און געמאַנט און דערמאָנט און געבעטן רחמים מיט זיין גראָבלעכער פויערישער שטימע. ער האָט זיך ערשט געמוזט צוגעוויינען צו רעדן מיט צדיקים און עס איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ ביסל אומ־געלומפּערט, אָבער סימכע גייגע האָט פאַרנומען די אידעלע, דינע קע־

לעכלעך פון די צדיקישע העלדזוער. הגם ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער וואָס די צדיקים האָבן אים געזאָגט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפילט האַפּערדיק און הימישלעך, און די רויטלעכע אויגן האָבן ביי אים געפינקלט פון צופרידנקייט. סימכע גייגע איז אַפילו געווען קאַפּאַבל צו פאַרלאָזן די רביצנס און די באָבע לאה, אַבי וואָס אַפּטער און וואָס מער אַריינצוזייגן אין זייִנע אויפגעשאַרצטע פויערישע נאָזלעכער דעם שאַרפן פעפערדיקן ריח פון די רבישע שטריימ־לעך און פון די שווערע זיידענע שלאַפּרעק.

אויך די מומע רויזע מיטן טערקישן טוך אויף די פּלייצעס און מיטן טשיפּיק אויפן קאָפּ, האָט נישט געשוויגן. זי האָט געבערענגט פון דער היים אויסגעבערענטע שטיקער פון וואַקסענע יום־כפור־ליכט וואָס זי האָט יאָרן לאַנג געזאַמלט. זי האָט די שטיקלעך יום־כפור־ליכט אָנגעצונדן אין דער כלהס שטוב. די וואַקסענע ליכט האָבן געקאַפּעשעט. דער זיסער ריח פון וואַקס האָט זיך געפילט אין חדר, און די באָבע חיה מיט די מומע רויזע האָבן געמאַכט פּיסקעס, געזאָגט תחינות איבער די יום־כפור־ליכט, געמאַכט מיט די הענט ווי ביי ליכט־בענטשן און אַלע מאָל אָפּגע־שפּראָכן די כלה אַן עין־הרע.

ר׳ יהושיעלע קוטנער מיט די גרויסע און באַרימטע רבנים וואָס זייִנען געקומען אויף דער חתונה, האָבן זיך צוליבן היסן טאָג אַרומגע־דרייט אין אויבס־סאַד צווישן די עפּל־ביימער, באַרן־ביימער און פלוימען־ביימער. אין דער לופט האָט געקלונגען אַ שאַרפער תלמודישער דיספּוט, וועלכן מ׳האָט קוים געקאָנט כאַפּן מיטן אויער. מ׳האָט געפרעגט קשיות און געענטפערט תירוצים. די בלעטער האָבן גערוישט איבער די עפּל און די באַרן. לינדע ווינטן האָבן אַהערגעבלאָזן פון די תבואה־פעלדער פייגל האָבן געזונגען אין די לופטן. און די אויסגעזוכטסטע ציטאַטן פון תלמוד און פוסקים זייִנען אַרומגעפלויגן לעבן די לומדים ווי ווילדע שפּיציקע פייגל אין קאָנטראַסט צו דעם רייפן, שמעקעדיקן תמוז־טאָג און צו די דופטן וואָס האָבן אַראָפּגעווייעט פון די אויבס־ביימער, אין קאָנטראַסט צו די ריחות פון די רייפע עפּל און רייפע באַרן. ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט אַלעמען באַזיגט מיט זיין גאונות און די גרויסע רבנים אין די פאַרביקע זיידענע שלאַפּרעק און די גרויסע יאַרמלקעס אויף די קעפּ

זיינען סוף־כל־סוף געבליבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע. צום שטאַרקסטן האָט זיך געהאַלטן דער „נפש־חיה״. וואָרעם זיין כוח אין פּלפּול איז אויך געווען זייער גרויס. ער אַליין איז נאָך פאַרבליבן מיט ר׳ יהושיעלען אויפן שלאַכטפעלד, אָבער ער האָט זיך אויך אונטערגעגעבן. הירשל נאמן האָט אַרויסגעבערענגט גרויסע גמרות, אין וועלכע מ׳האָט געבלעטערט און נאָכגעקוקט. אין די קעשענעס פון זיינע זיבן קאַפּאָטעס האָט הירשל נאמן אַרומגעטראָגן פלעשער מיט וואַסער און ער האָט אַלע מאָל אָן אַנדערן רב געגאָסן וואַסער איבער די הענט, דערביי האָט ער אים באַגאָסן דעם זיידענעם שלאַפראָק. הירשל נאמן האָט זיך אַרומגע־דרייט צווישן די קעמפנדיקע גדולי־התורה מיט אַ חוצפּהדיקער היימיש־קייט, ווי אַן אייגענער מענטש. הגם ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַ־נען — אָבער די פלינקע און אויסטערלישע קלאַנגען זיינען אין זיינע פאַרוואַקסענע אויערן געלעגן ווי נישט קיין פרעמדע, ער איז צו זיי געווען צוגעוווינט. וואו הירשל נאמן האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט זיך געלאָזט הערן דער איבלדיקער ריח פון קוטנער יאַטקעס, אָבער ער האָט זיך גאַרנישט געמאַכט דערפון.

אויך דאָ, וואו ס׳זיינען אַרומגעפלויגן די שאַרפע פיילן פון פּלפּול, איז סימכע גייגע אַרויסגעקומען מיט דער שליחות פון דער באָבע חיה מזכיר צו זיין די פאַסטנדיקע כלה. ר׳ יהושיעלע קוטנער איז געווען פאַרפלאַכטן מיט די רבנים אין עקזאָטישע און טרוקענע קלאַנגען פון תורה־חידושים און זיי האָבן זיך אַלע צונויפגעמישט אין איין אומפאַר־שטענדלעך לשון — דעם געזונטן און פויערישן סימכע גייגע האָט עס אָפּגעשראָקן. דער דיקלעכער פעסט געבויטער דאַרפס־ייד איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד און עפּעס געבעבעט צו אַ רב אין אַ רויטן זיידענעם שלאַפראָק. דער רב האָט זיך צוגעהערט צו ר׳ יהושיעלע קוטנער און סימכע גייגען אומגעדולדיק אָפּגעפאַרטיקט מיט אַ שנעלן מאמר חז״ל. סימכע גייגע האָט געהוסט, געפינטלט מיט די אויגן און געשלונגען שפּייעכץ. דאָס אומפאַרשטענדלעכע ווילדע וואָרט פון רב איז אים געלעגן אין האַלדז ווי אַ טרוקענער שפּאָן נישט אַראָפּצושלינגען. הירשל נאמן, וואָס האָט אַרומגעטשאַפּטשעט צווישן די לומדים מיט צוויי אויפגעפּראַפּטע פלעשער וואַסער און מיט אַ גרויסער דיקער גמרא אונטערן אָרעם, האָט סימכע גייגען ביין אָפּגעיאָגט, ער האָט אים שטרענג אָנגעקוקט מיט דעם איינעם אויג.

סימכע גייגע האָט רעזיגנירנדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און צוריק־געגאַנגען צו די רביצנס.

פון די געעפנטע פענצטער אין דער הויף־קיך האָט אַרויסגעשלאָגן דער שאַרפער ריח פון ציבעלעס און געפעפערטע פיש. די געפילטע שטיקער העכט, די געפעפערטע קאַרפּן, די פעטע שלייענס און קאַרעשן האָבן זיך אין קיך געקאָכט אין גרויסע קופּערנע קעסלען. גאַנצע סטאַדעס געענדז האָבן זיך געבראָטן אין ברוינגלעכן שמאַלץ און אין די טעפּ האָבן זיך געקאָכט די אויסגעפּאַשעטע אינדיקעס און הינער. אין דער קיך האָט זיך געטון ווי אין אַ מהומה. ס'איז געווען אַ שאַרפע דעמפּיקע היץ אויסגעמישט מיט זיסע און פּיקאַנטע ריחות פון די זיך קאָכעדיקע חתונה־מאכלים. גאַנצע בערג מיט פעטע דעמבאָווע העלצער האָבן געפלאַקערט אין דער קיך ווי ס'פייער פון גיהנום. צו דער גרויסער היץ פונעם תמוז־טאָג האָט נאָך געשלאָגן די היץ פון דער אונטערגעהייצטער קיך. קופּערנע קעסלען און קופּערנע טעפּ האָבן זיך געקאָכט אויף די צעגליטע פייערקעס. די יידישע קעכינס פון קוטנע און לוויוויטש זיינען געשטאַנען מיט הילצערנע קאָכלעפל, געמישט, געשוימט די יויכן און אַלע מאָל אויף דער שפּיץ צונג טועם געווען פון די מאכלים. ביי לאַנגע טישן זיינען געשטאַנען דאָרפס־שיקסעס, די קעפּ פאַרבונדן מיט פאַרביקע לוויוויטשער טיכער. און געשאָבן מערן, פעטרישקע און געהאַקט ציבעלעס. די פּנימער פון די שיקסעס האָבן געפלאַמט און די אויגן האָבן ביי זיי געטרערט פון די געהאַקטע ציבעלעס. פון ווייס געקאַלכטן באַק־אויוון האָט אויך געשלאָגן אַ גרויסע העפטיקע היץ, וואָרעם ס'האָבן זיך דאָרט געבאַקן די שטויסן ווייסע בולקעס, די צוקער־ און האָניג־לעקעכער, די מאַנדל־טאָרטן און פאַרשיידענע זיסע און זאַפטיקע קיכלעך.

סאַרווערס אין שוואַרצע רעק און מיט זיידענע קאַפּעלעך אויף די קעפּ האָבן זיך געדרייט אין דער קיך צווישן די קעכינס און די שיקסעס. זיי האָבן געשריגן אויף יידיש און אויף פּויליש. די פּויערישע שיקסעס האָבן געשאָבן די מערן און געהאַקט די ציבעלעס און געלאַכט צו די יינגערע סאַרווערס. אין די שטובן האָט מען שוין אָנגעהויבן אויסצושטעלן די לאַנגע חתונה־טישן.

פון הינטער די סאַד־ביימער האָט זיך געהערט דאָס אָפּגעריסענע גרימפּלען פון שפּיל־כּלים. ס'האָט זיך געהערט אָפּגעריסענע בדחנישע שטייגער־מאַטיוון און דאָס גילדענע לייבן־קול פון נח נאַשעלסקער. מ'האָט געמאַכט פּראָבעס. די בדחנים האָבן זיך באַמיט איינצושפּילן זייערע לידער און זאָגעכצן אין דער צוזאַמענקייט מיט די קאַפּעליעס.

# קאַפּיטל דרייצן

דאָס גבירישע חופּה־קלייד פון וואַרשע. סימכע גייגע ברענגט דאָס חופּה־קלייד. די באָבע לאה און די קאַלישער רביצן ווייזן וואָס זיי קאָנען. כּלה־אָנטון. די קאַפּעליעס שפּילן אויף אַ קאָנטער־טאַנץ. מיידלעך טאַנצן פאַר דער כּלה.

אין שפעטן נאָכמיטאָג האָט מען אָנגעהויבן אָנצוטון די כלה אין איר חופּה־קלייד און אין אירע שלייערן.

אין אַ גרויס חדר אין „הויף" האָבן זיך געזאַמלט די היימישע ווייבער און די אָנגעפּאַרענע ווייבער און רביצנס. די באָבע חיה האָט געהאַט פּאַרוויינטע אויגן. די מומע רויזע אין טערקישן טוך האָט געטראָגן אַ פּאַן מיט רייכערדיקע סגולות, פאַרשיידענע ווייִרעכן און בוימלס. זי האָט כסדר אָפּגעשפּראָכן עין־הרעס און געשפּיגן אויף אַלע זייטן. סימכע גייגע האָט אַריינגעבראַכט דאָס לאַנגע ווייס־זיידענע חופּה־קלייד, דאָס וואָס מ'האָט געלאָזט אויפנייען אין וואַרשע ביי דער גרעסטער שניידערקע, און זי האָט עס אויפגעבייט לויט דער לעצטער מאָדע. סימכע גייגע האָט דאָס חופּה־קלייד פאַרזיכטיק געטראָגן מיט ביידע הענט און מיטן גאַנצן גוף, און ער האָט קוים געשטעלט פּוסטריט, כדי ער זאָל עס, חס־ושלום, נישט אַראָפּלאָזן און חלילה צעברעכן. אַז די באָבע לאה און די קאָלישער רביצן האָבן ביי אים צוגענומען דאָס חופּה־קלייד, האָט סימכע גייגע שווער אָפּגעאָטעמט, הויך אויסגעשנייצט די נאָז, און מיטן אַרבל זיך געווישט די גרויסע שוויס־טראָפּנס פונעם שטערן.

די באָבע לאה און די קאָלישער רביצן האָבן דאָס ווייס־זיידענע קלייד צעלייגט אויף עטלעכע שטולן, וואָס זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. מ'האָט געמוזט זיין אַ וואַרשעווער, שוין האָבן געהאַט געזען די גרויסע רייכע חתונות ביי די וואַרשעווער גבירים און די חופּה־קליידער ביי די רייכע וואַרשעווער כלות, כדי מ'זאָל זיך קאָנען פונאַנדערקלייבן אין דעם גאַנצן צאַרטן, לופטיקן און קאָמפּליצירטן געבוי פון דעם קלייד. דאָס חופּה־קלייד האָט בייז געשאַרכט ביי דעם מינדסטן באַריר און מינדסטע באַוועגונג, ווי עס וואָלט זיך נישט געלאָזט אָנרירן

פון א ליאדע ווענען, און עס האָט געוויעט דערפון מיט גרויסשטאָטישן שטאָלץ און מיט גאווהדיקן יחוס. די געוועבן, פאַלדן, בענדער און שלעפּעס האָבן געבלאַנקט מיט טויטער און איידל־בלאַסער ווייסקייט ווי איינגעטרוקנטע ליליען־בלעטער, און זיי זיינען געווען איינגעהילט אין איידעלע שפּיצן און טיולן.

די באָבע לאה און די קאַלישער רביצן האָבן זיך צווישן זיך מיישב געווען ווי אַזוי זיך פונאַנדערצופּלאַנטערן אין דעם ווירוואַר פון געוועבן, שלייפן און העקעלעך. זיי האָבן פּאַמעלעך דאָס קלייד פונאַנדערגע־קנעפּלט. אַנדערע ווייבער האָבן דערווייל די כלה אויסגעטון פון אירע וואָכעדיקע מלבושים. די כלה איז געווען בלאַס פון פאַסטן, האַלב פאַרחלשט און דערשראָקן און אַלצדינג געלאָזט מיט זיך טון. די באָבע חיה האָט געוויינט, געגלעט די כלה איבער די בלאָנדע דאָרפישע צעפּ און איר געגעבן צו שמעקן פלעשלעך מיט „האַרץ־שטאַרק" אַזוי ווי מען טוט אין יום־כיפור. די מומע רויזע האָט דערווייל געטון וואָס זי האָט געקאָנט, געריכבערט ווירעך און אָפּגעשפּראָכן עין־הרעס. אַז די כלה איז שוין געווען האַלב אויסגעטון, און די קאַלישער רביצן און די באָבע לאה פאַרטיק מיטן חופּה־קלייד, האָט מען די כלה אָנגעטון אין ווייסע בלאַנקענדיקע האָלקעס מיט שפּיצן, ווייסע זיידענע זאָקן, ווייסע זיידענע שיכלעך ספּעציעל געבראַכט פון וואַרשע. די באָבע לאה און די קאַלי־שער רביצן האָבן זיך גענומען דער כלה אָנצוטון דאָס חופּה־קלייד.

דאָס קלייד האָט גאווהדיק געשאַרכט ביי יעדן ריר און עס האָט ווי אַ ווייסער שנייאיקער נעפּל אָנגעהויבן איינצוהילן דאָס מיידלשע לייב פון דער יונגער דאָרפישער כלה. די שלייערן און שלייפן האָבן גע־פלאַטערט און געראַשט אַרום אירע הענט, אַרום איר האַלדז און אַרום איר טאַליע ווי לייכטע פאַנטאַסטישע בלעטער און געוועבן אין ווינט. די בלייכע כלה האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן אין דעם ווייסן איידל־שטאָלצן געפּלאָנטער פון געוועבן. דאָס פּנים בלאַס פון פאַסטן איז געווען אין טאָן פון די געוועבן. די כלה אין אָנגעטוענע אין חופּה־קלייד האָט זיך אַ ריר געטון, און די באָבע לאה האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צו דער גרויסער פאָטער־שטול, וועלכע איז געשטאַ־נען אַרויסגערוקט אינמיטן דער שטוב. אַ לאַנגע זיידענע שלעפּ האָט זיך דער כלה נאָכגעריטשט אויפן דיל מיט אַ וויכן און שטילן גערויש.

די דאָרפישע ווייבער האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דאָס חופּה־קלייד האָט געשמעקט מיט דער גרויסער וועלט און מיט דער לופט פון אַלטע פּריצישע בעלער. די כּלה איז נישט געווייגט געווען צו דעם אויפגעבלאָזענעם קלייד וואָס האָט אַרום איר געשאָרכט און געראַשט, צו די איידעלע און ווייסע כּלה־לעטשלעך אויף אירע פיס, און זי איז קוים צוגעגאַנגען צו דער פאַטער־שטול.

דאָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָנטון דער כּלה דעם חופּה־שלייער. די ווייבער האָבן איר לויז געמאַכט די בלאָנדע דאָרפישע צעפּ, כּדי פאַרן באַדעקנס זאָל מען זיי לייכט קאָנען פונאַנדערפלעכטן. די באָבע לאה האָט מיט גרויס געשמאַק און חן אָנגעטון דער כּלה דעם לייכטן, ווייסן חופּה־שלייער און אַרומגענומען איר קאָפּ מיט אַ קרענצל פון קינסטלעכע פּאָמעראַנצן־בליטן, וועלכע מ׳האָט אויך ספּעציעל געבראַכט פון וואַרשע. מ׳האָט דער כּלהס בלאַסע פּנים קוים אַרויסגעזען פון די חופּה־שלייערן.

די סאָרוועס האָבן געבראַכט גרויסע הילצערנע עמערס מיט בליענדיקע אַלעקסאַנדער־ביימער און זיי אַרומגעשטעלט לעבן דער כּלהס שטול, און אָנגעצונדן אַרום דער שטול גרויסע וואַקסענע ליכט אין אַ סך זילבערנע לייכטערס און קאַנדעליאַברעס.

די אויסגעפּוצטע מחותּנתטעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אין דער חתונה־שטוב. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער כּלה, זיך מיט איר געקושט און געווינטשעוועט. אַ סך חשובע ווייבער ווי די באָבע פּריווע, די מומע שׂרהל מיט ראַצען האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן דער כּלה. די קלעזמאָרים האָבן זיך אויסגעזעצט אין דער זייט אויף שטולן און אויף בענק. די יינגערע ווייבלעך און די מיידלעך האָבן זיך שוין אויך געהאַט אָנגעטון אין ראָזע חתונה־מלבושים מיט שלייפן און מיט קינסטלעכע בלומען, און זיי האָבן זיך געקושט מיט דער כּלה.

די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט אַ קאָנטער־טאַנץ. די מיידלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט אין פיגורן און אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר דער כּלה.

# קאַפּיטל פערצן

קבלת־פּנים פאַרן חתן. טישן מיט כל־טוב. אַ סך צענדליקער ליכט ברענען אין זילבערנע קאַנדעליאַבערס. אַלטע אונגער־ווײַנען אין פאַרבלאָטיקטע פלאַשן. רבנים און גוטע־יידן טרינקען לחיים מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער און מיטן חתן. דער חתן זאָגט אַ פּשטל. זון־אונטערגאַנג אין תמוז. דעם ווידן ברוכס סטאַדעס גייען אַהיים פון דער פּאַשע.

אינעם גרויסן חדר וואו ס'איז געזעסן דער חתן איז שוין אַלץ גרייט געווען צום קבלת־פּנים. לאַנגע ווייס־געדעקטע טישן זיינען גע־שטאַנען אויסגעשטעלט פול מיט כלערליי האָניג־ און צוקער־לעקעכער, און מיט פלאַשן מיט אַלטן אונגער־ווייַן, וואָס דער זיידע ברוך האָט געקויפט ביי לייבוש בערלינער אין וואַרשע, ביי דעם באַרימטן לייבוש לאַסקער און ביי די אַנדערע אַלטע ווייַן־סוחרים אויף די נאַלעווקעס. די גרויסע און דיקע פלעשער זיינען געווען איינגעשמירט מיט גרינעם שימל און גרינע פאַרטרוקנטע בלאַטע. פון די ווייַן־פלעשער האָבן אַראָפּ־געשריען די לאַנגע פאַרגאַנגענע יאָרן און דער גרויסער יחוס פון די פעטע אונגער־ווייַנען. אונטער די זילבערנע לייכטערס און קאַנדע־ליאַברעס אין וועלכע עס האָבן פייערלעך געפלאַקערט צענדליקער גרויסע סטעאַרין־ליכט האָבן די פאַרשמירטע ווייַן־פלאַשן נאָך צוגענומען אין חשיבות און אין פייערלעכקייט. די אַלטע אונגער־ווייַנען האָבן טונקל אַרויסגעלויכטן פון די פלאַשן ווי אַ טייל פון דער גאָלדענער פלאַקערנ־דיקער ליכטיקייט פון די סטעאַרין־ליכט אין די בלאַנקענדיקע זילבערנע לייכטערס.

דאָס גרויסע חדר איז פול געווען מיט רבנים און גוטע־יידן. די שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטעס האָבן געשאַרכט, און די לופט איז פול געווען מיט דעם שאַרפן שפּיציקן ריח פון שטריימלעך. ס'האָט זיך געהערט אַ געזשומעריי פון לשון־קודשדיקע ווערטער, דאָס האָבן די רבנים צווישן זיך געשמועסט. די שטוב איז פול געווען מיטן רויך פון ציגאַרן און ליולקע־ציביקס. דער טוטין־רויך האָט זיך געלייגט איבער די סטעאַרין־ליכט ווי אַ דופטיקער ברוינלעכער נעפּל. די ליכט האָבן געפלאַקערט. אויבן־אָן ביים טיש איז שוין געזעסן דער יונגיטשקער

חתן בלאָס פון פאַסטן. ער האָט געטראָגן אַ גרויסן שוואַרצן שטריימל און אַ שפּאָגל־נייע זיידענע קאַפּאָטע. די עטלעכע פּראָסטע יידן וואָס זיינען געווען, האָבן זיך פאַרלוירן אַרומגעדרייט צווישן די רוישנדיקע זיידענע קאַפּאָטעס פון די רבנים. קיינער האָט זיך דערוויל נאָך נישט געזעצט צום טיש. מ'האָט געוואַרט אויף ר' יהושיעלע קוטנער. דער פעטער יעקל איז אין אַן אַלטן אויסגעקראָכענעם שטריימל האָט זיך אַן אומגעדולדיקער אַרומגעדרייט צווישן די רבנים און געדרייכערט אַ ציגאַר.

באַלד איז אָנגעקומען הירשל נאָמן מיט זיינע זיבן קאַפּאָטעס. צווישן די ריחות פון די סטעאַרין־ליכט און ליולקעס האָט זיך צוזאַמענגעמישט דער ריח פון קוטנער יאַטקעס. הירשל נאָמן האָט הויך געשריען, אַז דער עולם זאָל זיך צונויפזעצן ביי די טישן, וואָרעם דער רב, (ד"ה ר' יהושיעלע) גייט שוין.

ר' יהושיעלע איז טאַקע באַלד אָנגעקומען מיטן קאָלישער רב. די וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן, האָבן זיך אויפגעשטעלט, און דער עולם אין חדר האָט געמאַכט פּלאַץ. ר' יהושיעלע מיטן קאָלישער רב האָבן זיך געזעצט פון ביידע זייטן פון חתן.

מ'האָט אָנגעהויבן אויפצופּראַפּן די אַלטע פאַרבלאָטיקטע וויינפלאַשן. די וואונדערלעכע אַראָמאַטן און דופטן פון דעם אַלטן אונגערוויין האָבן זיך שווער צעטראָגן איבערן טיש און זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון די פלאַקערנדיקע סטעאַרין־ליכט און מיטן ריח פון די ציגאַרן און ליולקעס. די אַראָמאַטן פון די ווייגען האָבן זיך געהערט ווי דער דופט פון אַלטע וואונדערלעכע און פאַנטאַסטישע לאַנדשאַפטן און ווי לופט־ריחות פון פאַרצייטיקע, אויסגעלאָשענע יאָרן. מ'האָט דעם וויין פונאַנדערגעגאָסן אין פינקלדיקע גלעזער, און ער האָט גאָלדיק און שווער אַרויסגעלויכטן פון געשליפענעם גלאָז ווי דאָס ליכט פון טריבע און טונקעלע זון־פאַרגאַנגען. דער ערשטער האָט געטרונקען ר' יהושיעלע קוטנער און האָט צום חתן געטרונקען לחיים. דאַן האָבן אַלע געטרונקען און אײדעלע רבנישע הענט האָבן זיך דערלאַנגט איבערן טיש.

דאַן האָט דער חתן אָנגעהויבן צו זאָגן אַ פּשטל. ער האָט געזאָגט מיט אַ שוואַך קול פון פאַסטן. אין דער גרויסער שטוב איז געוואָרן שטיל און אַלע רבנים און גוטע־יידן האָבן זיך צוגעהערט צום חתנס פּשטל. ר' יהושיעלע קוטנער האָט פאַרמאַכט די אויגן, געהאַלטן דאָס

גלאז אונגער־ווין אין דער האנט, געררייכערט דעם לאנגן ליולקע־ציביק און צופרידן געשמייכלט. דאס פשטל פון דעם געליבטן אייניקל איז אים געפעלן געווארן. אויך דער „נפש חיה״ האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

נאכדעם ווי דער חתן האט געענדיקט דאס פשטל, האבן זיך פונדאסניי רבנישע הענט דערלאנגט איבער די טישן. די גלעזער זייגען פונדאסניי אנגעגאסן געווארן מיט די טונקעלע אונגער־וויינען. די פינקלדיקע גלעזער אליין האבן געשמעקט פון די וויין־ריחות ווי הייסע עקזאטישע בלומען. די גרויסע און ווייסע סטעארין־ליכט אין די זילבערנע לייכטערס האבן געפלאקערט אין דעם תמוז־אוונט. האבן זיך געשמאלצן פון היץ. מ׳האט געטרונקען לחיים.

פון די אפענע פענצטער האבן אריינגעשמעקט די פולע אויבסביימער פון סאד. ס׳האט אנגעהויבן צו בלאזן א קילער ווינט פון די תבואה־פעלדער. מ׳האט געהערט דאס מעקען פון דעם זיידן ברוכס קיאון שאף־סטאדעס וואס מ׳האט אהיימגעטריבן פון דער פאשע. די הימלען האבן פייערלעך געברענט אין טונקל־רויט פון זון־אונטערגאנג. פארביקע וואלקנס האבן גערוט אין די האריזאנטן ווי גאלדענע און אויסטערלישע שיפן.

אין דער קליינער סאדזעווקע אין סאד האבן געקוואקעט זשאבעס.
ס׳האט זיך געהערט פייגל־געצווישטשער.
מ׳האט זיך אנגעהויבן גרייטן צו דער חופה.

# קאַפּיטל פופצן

דער באַרימטער נח נאַשעלסקער גייט באַזינגען דעם חתן. די קלעזמאָרים שפּילן אַ ווייגעדיקס. יאָנטלס חתן־באַזינגען. יאָנטלס השתפכותן. די ווינטן אויפן אַלטן לובלינער בית־עולם. יאָנטל דער קלעזמער וואַנדערט איבער די בערגיקע יידישע גאַסן פון לובלין. טאָפּאָלן רוישן אויף די וועגן. עס שמעקן די סעדער און די פעלדער אַרום לובלין. פויערים טאַנצן אין אַ קרעטשמע און יאָנטל שפּילט אויף אַ פידעלע. יום־כפור אין לובלינער שולן. די זון גייט אונטער איבער לובלינער דעכער. נעילה־צייט און יאָנטל פאַרן עמוד וויינט אויפן שווערן גורל פון אַ מענטש. נח נאַשעלסקער זאָגט מוסר דעם חתן און שילדערט וואָס עס טוט זיך אויבן אין די הימלען אין חתנס יום־החופה. נח נאַשעלסקער וואַקסט אויס אויפן בענקל און רופט ר׳ יהושיעלען צו בענטשן דעם חתן קודם החופה.

מ׳האָט פאַרן חתן אָנגעדערגעשטעלט אַ גרויסע זילבערנע טאַץ. אויף דער זילבערנער טאַץ איז געלעגן אַ שניי־ווייסער קיטל מיט אַ גאָלדענער עטרה, אויך אַ שווערער טערקישער טלית מיט אַ ברייטער זילבערנער עטרה. דאָס גאָלד און דאָס זילבער אין די ווייס־בלאַנקנדיקע לייוונטן האָבן יחוסדיק געשעמערירט לעבן די קאָלירן פון די ווײַנען אין די גלעזער און אין די פלאַשן, לעבן די זילבערנע לײַכטערס און די פלאַקערנדיקע סטעאַרין־ליכט, לעבן די ווייסע טישטעכער אויף די טישן, די געבעקסן און די פרוכטן, ניס און זיסקייטן. דאָס אַלץ האָט נאָך געשטייגערט די פייערלעכקייט אין דער שטוב וואָס איז פול געווען מיט שוואַרצע זײַדענע קאַפּאָטעס און טונקעלע האָריקע שטריימלעך. נאָכן חתנס פּשטל האָט עס געזשומעט פון קולות ווי אין אַ בינשטאָק.

מ׳האָט באַדאַרפט באַלד באַזינגען דעם חתן, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די קלעזמאָרים. אינמיטן דעם זשומעריי פון רבנים און מחותנים האָבן די קלעזמאָרים אָנגעהויבן אָנצושטעלן זייערע כלי־זמר. די פידלערס האָבן געצופט די סטרונעס פון זייערע פידלען, די טראָמפּייטן און די פלייטן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אָפּגעריסענע קולות ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט. אפילו דאָס יידל מיט דער פויק האָט עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פויק.

באַלד האָבן זיך די קלעזמאָרים צוזאַמענגעשטעלט. דער באַרימטער בדחן נח נאַשעלסקער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ שוואַרצע עלעגאַנט אויסגעפּרעסטע קאַפּאָטע. דער קאָלנער פון זײַן העמד איז געווען קלאָר־ווייס און פונאַנדערגעקנעפּלט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכע סאַמעטענע יאַרמלקע.

נח נאַשעלסקער האָט אַ הוסט געטאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף

די לאַנגע טישן וואָס זענען געווען אויסגעזעצט מיט די גרעסטע רבנים און גוטע־יידן פון פוילן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ר׳ יהושיעלע קוט־נער — און נח נאַשעלסקער האָט געוואוסט, אַז פאַר אים אַליין, פאַרן אַלטן בדחן, איז אַ יום־הדין. זיין גאַנצע בדחנישע קונסט שטייט אין קאָן, און ס׳איז נישט קיין קלייניקייט אין אַנגעזיכט פון קיין עין־הרע אַזאַ עדה פון צדיקים צו זינגען און צו זאָגן בדחנות. דער באַרימטער בדחן וואָס האָט שוין באַזונגען הונדערטער פון די שענסטע יידישע חתנים אין פוילן שטייט דאָ אַליין פאַר אַ פּראָוו אויסצונעמען מיט זיין קונסט ביי אַזעלכע ערפּורכטיקע הערערס, און ער זאָל חס ושלום נישט געשטרויכלט ווערן אין די מאמרי חז״ל וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען און צוזאַמענגעקליבן פון תלמוד און מדרשים, כדי זיי אויף אַ קונציקן און ערנסט־הומאָריס־טישן אופן אַריינצופלעכטן אין זיינע בדחנישע זאָגענישן און געזאַנגען.

נח נאַשעלסקער האָט נאָך אַ מאָל געוואָרפן זיינע בליקן אויף די רבנים אַרום די טישן, אויף די ברענענדיקע ליכטער, אויף די ווייגען וואָס האָבן געפינקלט אין די גלעזער, ער האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער און אויפן חתן. ר׳ יהושיעלע האָט געשוויגן און געוואַרט אויפן בדחן. נח נאַשעלסקער האָט לייכט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די קלעזמאָרים וואָס זענען געשטאַנען גרייט מיט די אינ־סטרומענטן, מיט די פידלען אונטער די העלדזער, און נאָר געוואַרט אויף אַ צייכן פונעם באַרימטן נח נאַשעלסקער.

די פידלען האָבן אויפגעשפּילט אַליין. אַלע צוזאַמען. אַלע אַנדערע אינסטרומענטן האָבן דערווייל געשוויגן. די פידלען זענען זיך באַלד פאַרגאַנגען אין אַ ווייגנדיקס. מ׳האָט געשפּילט אַ באַרימטע קאָמפּאָזיציע פון יאָנטל דעם קלעזמער פון לובלין, אַ חתן־באַזינגען וואָס ער, יאָנטל, האָט ספּעציעל פאַרפאַסט אויף זיך זעלבער, פאַר זיך אַליין צו שפּילן אויף דער אייגענער חתונה. אין דעם טיפן און בענקשאַפטלעכן צעגיסן זיך פון די פידלען האָט מען געקאָנט גלייבן צו הערן יאָנטלס השתפכותן, די השתפכותן פון אַן אָרעמען יידישן קלעזמער אין טאָג פון זיין חופּה. אפשר האָבן זיי דערציילט פון יאָנטלס ליבשאַפטן צו זיין כלה, און אפשר פון די ווינטן צווישן די אַלטע ביימער אויפן לובלינער בית־עולם, אפשר פון די טונקעלע שאָטנס אין די אַלטע לובלינער שולן וואו די הייליקע מתים פון לובלינער בית־עולם דאַווענען נאָך האַלבער נאַכט,

נעמען אַרויס די ערפורכטיקע ספרים פון אָרון־קודש און לייענען אין זיי — אפשר האָבן זיי דערציילט פון די אומהיימלעכע טויערן וואָס פירן צו די אָרעמע הייזלעך אין דער יידן־גאַס וואו יאַנטל איז דערצויגן געוואָרן אַלס יתום, זיך אַרומגעשלענדערט אַן אָפּגעריסענער און אַ פאַרחלומטער און געוואָרן אַ קלעזמער אויף יידישע חתונות. אין די אַדאַזשיאָס און אין דעם וויגן זיך פון די טונקעלע מעלאָדיעס האָט מען געגלייבט צו הערן ווי יאַנטל דער קלעזמער וואַנדערט איבער די בערגיקע און געהויקערטע יידישע גאַסן אין לובלין, שטעלט זיך ביינאַכט אונטער אַן אַלטן מויער, שפּילט אין דער פינצטערער נאַכט צווישן יידישע הייזלעך אויף זיין פידעלע, אָדער וואַנדערט גאָר, אַ הילפלאָזער קלעזמער, אין דעם עולם־התוהו פון יענער וועלט... טייל מאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פידלען וועקן זיך אויף פון זייער נאַגנדיקן טיפן אומעט און ווערן פלוצעם פריילעכער. פון די טונקעלע מעלאָדיעס האָט אויפגעשיינט די ליכטיקע זון און ס׳האָבן אַרויסגעשמעקט די ווייטע פעלדער און די סעדער אַרום לובלין. די טאַפּאָלן האָבן גערוישט אויף די וועגן. אַ קרעטשמע. פויערים טרינקען בראָנפן, און יאַנטל דער קלעזמער שטייט אין אַ ווינקל, פרייט זיך מיט מיט די פשוטע, דאָרפישע גוים און שפּילט פריילעך אויפן פידעלע. די פידלען זענען ווידער אַריינגעפאַלן אין טיפן טרויער און מ׳האָט באַשיימפערלעך פון זיי אַרויסגעהערט יום־כפור אין לובלין. די שולן זענען פול מיט בלייכע פאַסטנדיקע יידן אין ווייסע קיטלען און אין טליתים. יאַנטל שטייט פאַרן עמוד און דאַווענט נעילה. די זון גייט אונטער איבער די לובלינער דעכער. די פענצטער פון די שולן פאַרבן זיך רויט. די צענדליקער און צענדליקער וואַקסענע און כמעט אויסגעברענטע יום־כפור־ליכט פלאַקערן אין די קאַסטנס מיט זאַמד, און יאַנטל וויינט איבער דעם שווערן גורל פון אַ מענטש און איבער אַלע האָפענונגסלאָזיקייטן...

די סטעאַרין־ליכט האָבן מאַיעסטעטיש געפלאַקערט אין די זילבערנע לייכטערס. אין דרויסן האָט דער סאַד שטיל גערוישט און ס׳האָבן געקוואַקעט די זשאַבעס. ס׳איז צוגעפאַלן די תמוזדיקע נאַכט. אין די טונקעלע זומער־הימלען האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען די שטערן. די רבנים אַרום די טישן האָבן געשוויגן, און דער חתן האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טיכל פון דער קעשענע און זיך דערמיט פאַרשטעלט די אויגן.

אַז נח נאַשעלסקער האָט געזען די שטימונג האָט ער ווידער געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט צו די קלעזמאָרים ווי ער וואָלט געוואָלט איינשטילן די פידלען. די פידלען זענען איינציקווייז אַנטשוויגן געוואָרן, הגם עס האָט זיך באַשיימפּערלעך אויסגעדוכט אַז יאַנטלס מעלאָדיעס שוועבן נאָך אין דער לופט.

נח נאַשעלסקער האָט קודם־כל אָנגעהויבן צו באַשרייבן די גרויסקייט פון די מחותנים און די גרויסקייט פון דעם חופה־טאָג. אין וואונדערלעכע גראַמען וואָס האָבן זיך געפּאָרט האַלב אין בדחניש, פאָלקסטימלעכן יידיש און האַלב מיט אָרויסגעריסענע ציטאָטן פון דער הייליקער גמרא און פון מדרשים, האָט ער געשילדערט ווי די אויגן פון אַלע יידן אין פּוילן זענען איצט געוואָנדן צום דאָרף אַסמולסק וואָס איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי דאָס צווייטע ירושלים. די קוואַלן פון דער טיפסטער תורה און חכמה פליסן דאָ אונטער די ביימער פון סאָד און אין דעם „הויף" פון דעם יידישן פּריץ, ווי די קוואַלן פון דעם וואַסער שילוח הינטער דעם שער־רחמים פון בית־המקדש. ער האָט פאַרגליכן די טישן אַרום וועלכע עס זיצן די גרעסטע צדיקים פון פּוילן צו דעם גאָלדענעם מזבח פון קטורת און די גרויסע פלאַקערנדיקע ליכט אין די קאַנדעליאַבערס צו די ליכטער פון דער מנורה.

נאָכדעם איז נח נאַשעלסקער אַריבער צו דעם באַטייט פון חופה־טאָג פאַרן גרויסן עילוי דעם חתן, דעם שפּראָץ פון די גרעסטע רבנים און גוטע־יידן. אינעם חתן קערט זיך די תורה צוריק צו איר האַרבעריק און ער וועט ווייטער טראָגן אין דער וועלט דאָס ליכט פון תורה און צדקות פון זיינע הייליקע עלטערן. אַ קליינקייט חופה־טאָג פון אַזאַ חתן, און דער חופה־טאָג איז געגליכן צו יום־כפור. דאָ האָט נח נאַשעלסקער געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט צו די קלעזמאָרים, און די פידלען זענען ווידער ליכט און צאַרט אויפגעשוואומען פון דער שטילקייט גלייך ווי נח נאַשעלסקער וואָלט זיי אַרויסגערופן כדי אָוועקצוטראָגן זיינע מחשבות און זאָגענישן ערגעץ־וואו אין אַנדערע וועלטן. נח נאַשעלסקערס לייבן־קול איז טאַקע געוואָרן טונקעלער און ערנסטער אין מיטן דעם שטילן געשפּיל פון די פידלען און ער האָט זיך גענומען מאָלן וואָס עס טוט זיך אויבן אין די זיבן הימלען אין חופה־טאָג פון ר' יהושיעלע קוטנערס איניקל. ס'איז דאָרט פּונקט ווי אין יום־כפור. אַלע ליכטער זענען אָנגעצונדן. גוטע

מלאכי־השרת אין ווייסע זיידענע קאפאטעס און מיט גאלדענע שטריימלעך אויף די קעפ, ברענגען צו טראגן דעם גרויסן ספר־הזכרונות פון חתן, דאס בוך פון זיין תורה און מעשים, און דאס אלטע יחוס־בוך פון זיינע אבות־הקדושים. די שווארצע פינצטערע מלאכים לאזן אראפ די ווידלען ווי געשלאגענע הינט און פארקריכן אין די מייז־לעכער פון הימל, ווארעם וואס האבן זיי דא צו זאגן, און ווי קענען זיי גאר עפענען די פינצטערע טייוולאנישע פּיסקעס אין אנגעזיכט פון די גרעסטע שרי־התורה פון די יידן אין פוילן? די פינצטערע מלאכים ליגן טאקע בייזאמען אין גרויס שוויגעניש און די הויט ציטערט אויף זיי. דערפאר עפענען די גוטע ווייסע מלאכי־השרת די גרויסע פארמעטענע ביכער. אין די בלויקייטן פון בית־דין של מעלה פינקלען די בלעטער פון די ביכער ווי דער זילבערנער שניי, און פון די גרויסע גאלדענע אותיות, וואס לייכטן ווי טויזנט זונען וואס מ׳האט ארויסגעשלעפט פון די פוטערפעסלעך, לייענט א מלאך ארויס דעם חתנס זכותים און דעם זכות פון זיין תורה. דעם חתנס מעשים שמעקן ארויס פון די ביכער ווי די איידלסטע בשמים און געווירצן. עס הערן צו די הייליקע זיידעס ר׳ יצחק וואורקער און ר׳ ישעיהלע פּראגער און די אנדערע צדיקים הקדושים וואס פון זייערע זאמען איז ארויסגעוואקסן דער חתן. די הייליקע נפטרים זענען עקסטרע געקומען פון זייערע גאלדענע שטולן אין ליכטיקן גן־עדן כדי צו הערן די מעשים פון זייער איניקל, און ס׳טוט זיי גרויס הנאה און זיי שמייכלען ווי די שכינה און ווי די זונען. עס שפּילן די פידלען וואס אמאל פייערלעכער און זיסער. יאנטלס מעלאדיעס פליסן איבער דעם גאנצן חדר און איבער די קעפ פון די רבנים און נעמען ארום נאס זאגענישן ווי שטילע בלויע וואסערן וואס נעמען ארום סטאדעס ווייסע גענדז וועלכע שווימען און טראגן זיך איבער זיי. אבער נאך גיך ווידער א מאך מיט דער האנט און די פידלען ציען זיך צוריק און ווערן שטילער און אומעטיקער. נאך נאשעלסקער גיט זיך א ווענד צום חתן מיט די פאלגנדיקע ווערטער:

— הגם איך בין נאר א פּשוטער ייד און נידעריקער ווי דאס נידעריקסטע גראז אקעגן די צדיקים וואס זיצן דא און זענען געגליכן צו די שטארקסטע צעדערן פון די וועלדער אויפן לבנון, און ווער בין איך דען, וואס איך זאל שטראפן און זאגן מוסר אין זייער אנגעזיכט און אויפהייבן מיין קול אינמיטן דעם געברום פון די לייבן? פונדעסטוועגן — דארף

זיך אויך אַ פּראָסטער ייד ווענדן צום חתן ביום חופּתו און אים צו דער־מאָנען צו חשבון־הנפש און צו ישוב־הדעת. קבל את האמת ממי שאמרו. וואָרעם דער חופּה־טאָג איז אין זיין ערפורכטיקייט געגליכן צו די גרעסטע טעג אין מענטשנס לעבן, נעמלעך צום טאָג פון יום־כפור און צום יום־המיתה.

און ווען נח נאַשעלסקער האָט פּאַטעטיש אויסגערופן אַז דער היילי־קער זיידע, דער גאון פון דער וועלט, ר׳ יהושיעלע קוטנער זאָל בענטשן דעם חתן קודם החופּה האָט זיך אויסגעדוכט אַז נח נאַשעלסקער וואַקסט אַרויס איבער דעם בענקל און באַקומט פליגלען. אַלע האָבן אויפגעצי־טערט און די פידלען זענען אַנטשוויגן געוואָרן. מ׳האָט באַשיימפּערלעך געפילט אין דער שטוב ווי דער ריח פון ערפורכטיקע יום־כיפורדיקע הימלען ווייעט אַריין דורך די אָפענע פענצטער און מישט זיך אויס מיט דעם ריח פון דעם טונקעלן אונגער־וויין אין די גלעזער, מיט דעם רויך פון די ציגאַרן און ליולקעס, מיט די דופטן פון די אויבסן און לעקעכער וואָס אויפן טיש, מיטן ריח פון די שטריימלעך אויף די קעפּ פון די רבנים, און מיטן ריח פון די גרויסע סטעאַרין־ליכט וואָס האָבן צענדליקער געפלאַקערט אין די זילבערנע קאַנדעליאַברעס.

# קאַפּיטל זעכצן

מען גרייט זיך צו כלה־באַדעקנס. עלטערע רביצנס צעפּלעכטן דער כלהס מיידלשע צעפּ. די באָבע חיה וויינט פון פרייד און פון פרומקייט. נח נאַשעלסקער גייט ווייך מאַכן די הערצער פון די ווייבער. די פאַרביקע מחותנתטעס אַרום דער כלהס שטול. נח נאַשעלסקער באַזינגט די כלה. נח נאַשעלסקער רעדט פון יום־הדין. די מומע רויזע וויינט אויף איר אופן. די פראָסטע דאָרפישע פעטערס קוקן אַריין דורך די טירן. סימכע גייגע צעוויינט זיך פון נח נאַשעלסקערס זאָגענישן. הירשל נאמן צעיאָגט די ווייבער מיט אַ רויטער פאַטשיילע. ר׳ יהושיעלע קוטנער, די רבנים און דער חתן קומען באַדעקן די כלה. האָפן אויף דער כלהס קאָפּ. מזל־טוב. הירשל נאמן פאָכעט מיט דער רויטער פאַטשיילע: דער רב גייט!

אין דעם חדר וואו ס'איז געזעסן די כלה האָבן אויפגעהערט די מיידלשע טענץ. מ'האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום כלה־באַדעקנס. די מיידלעך זענען אָוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. די דאָזיקע מיידלשע טענץ זענען געווען דאָס לעצטע געזעגענען זיך פון דער כלה מיט אירע מיידל־יאָרן. געענדיקט די נאַרישע לייכטזיניקע יאָרן פון אַ מיידל! איצט גייט זי איבער די גרענעץ, זי גייט ווערן אַ כשר ידיש ווייבל, און גייט אַריבער אין די הענט פון די ווייבער. די עלטערע רביצנס האָבן בייז אָוועקגעיאָגט די מיידלעך פון דער כלהס שטול. די מיידלעך האָבן זיך געפילט ווי איבעריק, וואָרעם אויך די קלעזמאָרים זענען געהאַט פאַרשוואונדן פון דער שטוב. זיי זענען אָוועקגעגאַנגען שפילן צום חתן־באַזינגען, און די מיידלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די בענקלעך, קיינער האָט זיך אויף זיי מער נישט אומגעקוקט, פאַרקערט, זיי האָבן גאָר געשטערט.

די עלטערע און געניטערע ווייבער האָבן זיך גענומען צו דער כלה. אומגעדולדיק און בייזלעך און כמעט מיט שאָדן־פרייד האָבן זיי איר שנעל צעפלאָכטן די בלאָנדע דאַרפישע צעפּ. די האָר זענען אַראָפּגעפאַלן איבער דער כלהס אַקסלען ווי איבערגעשראָקענע פייגל אין שעכטהויז — מ'האָט שוין כמעט געפילט די שער וואָס וועט זיי אָפּשניידן. די רביצנס האָבן צו דער כלה גערעדט אויף פרעמדע לשון־קודשדיקע ווערטער וועלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען, און אין די הענט זיי געהאַלטן די מיידלשע האָר ווי עפּעס אומווערדיקס. די שטאָלצע קאַלישער רביצן האָט איר אונטער־געטראָגן אַ דיקן קרבן־מנחה־סידור געבונדן אין זילבערנע טאָוולען, אַ מתנה פון דעם חתנס עלטערן. די קאַלישער רביצן האָט אויפגעמישט דעם דיקן סידור, מיט איר פעטן קורצן פינגער עפּעס געוויזן דער כלה, און אונטערגעיאָגט די רביצנס און די ווייבער זיך נישט צו שפּילן מיט

די נאַרישע האָר און צוצואײַלן זיך, וואָרעם באַלד וועט קומען ר׳ יהושיעלע מיטן חתן צו באַדעקן די כלה.

די באָבע חיה איז געשטאַנען פֿונדערווײַטנס און געזען איר אויס־געבעטן איינציק טעכטערל אין די הענט פֿון די בייזע און האַפּערדיקע רביצנס ביי וועלכע די גאַמבעס האָבן אַזש געציטערט פֿון גרויס איפּער און איילעניש. די דאָרפֿישע כלה איז געווען בלאַס און דערשראָקן און אַלצדינג געלאָזט מיט זיך טאָן. די באָבע חיה האָט געפֿילט איר פּראָסט־קייט און ווי זי איז פֿולשטענדיק אָנמעכטיק קעגן די דאָזיקע פֿרעמדע און האַפּערדיקע ווייבער. די באָבע חיה האָט שטיל געווינט, געוויינט מיט שרעק און מיט גליק און געזאָגט די שלעכע תחינות אויף עברי־טייטש וואָס זי האָט געקאָנט אויף אויסנווייניק. די קליינע מומע רויזע מיטן טשיפּיק און מיטן טערקישן טוך האָט זיך אַזש געשטעלט אויף די נעגל, מיט גרויס הנאה און מיט דער שאָדן־פֿרייד פֿון אַן אַלטער אָבער־גלייבערישער יידענע האָט זי צוגעקוקט וואָס די הענט פֿון די רביצנס טוען מיט דער כלה. פֿאַר דער מומע רויזע איז אַלץ געווען צו ווייניק. אינמיטן דערין האָט זי זיך גענומען אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע און צו שפּייען אויף אַלע זייטן. זי האָט אפילו אַריינגעשפּיגן אין די גרויסע הילצערנע עמערס מיט די בליענדיקע אַלעאַנדער־ביימער וואָס זענען גע־שטאַנען אַרום דער כלהס פּאַטעל.

אינצווישן זענען אָנגעקומען די קלעזמאָרים און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום כלה־באַזינגען. אויך נח נאַשעלסקער, דער באַרימטער בדחן איז אָנ־געקומען. די כלהס צעפּ זענען שוין געווען אינגאַנצן צעפּלאָכטן, ווילד און הפקרדיק, און די ווייבער זענען צופֿרידענע, ווי נאָך אַ הייליקער עבודה, אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. נח נאַשעלסקער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דער פֿולער שטוב מיט ווייבער, מחותנתטעס און רביצנס. ער האָט געקוקט אויף די שווערע שפּיצענע קופּקעס, אויף די טיכער און אויפֿגעקעמטע שייטלען, אויף די פֿאַרביקע און שוואַרצע זיידענע קליידער פֿון די מחותנתטעס, אויף די גרויסע גאָלדענע אוירינגלעך אין זייערע אויערן, די גאָלדענע קייטן, די שנירלעך פּערל, און אויף די האָניג־פֿאַרביקע בורשטינען אויף זייערע העלדזער. די מחותנתטעס האָבן נאָך אויס־געקוקט מאַלערישער און פֿאַרביקער אין די גרופּקעס וואָס זיי האָבן געבילדעט אַרום דער כלהס שטול און אין דער באַלייכטונג פֿון די ליכט

און די לאמפן וואס האבן געפלאקערט ארום די ווענט. נח נאשעלסקער האט געקוקט אויף דעם פארביקן עולם ווייבער מיט דער געניטשאפט פון א מייסטער וואס קאן זיין אינסטרומענט, און ער האט געוואוסט מיט וואסער לייכטקייט ער דארף נאר מאדעלירן זיין לייבן־קול און וואסערע מיטלען ער דארף אנווענדן אין זיינע זאגענישן כדי פולשטענדיק צו באַ־הערשן זייערע געמיטער און ארויסצורופן ביי זיי פרייד, האפענונג, שרעק און אומעט, אדער גאר אויפשליסן די קוואלן פון זייערע טרערן און פאר־וואנדלען אט די אלע אויסגעפוצטע און באצירינגטע ווייבער אין איין וויינענדיקע און כליפנדיקע סטאדע. ווייבערישע הערצער זענען אזוי ווי דאס ווייכסטע וואקס אין די הענט פון א בדחן און ער קאן אויף די דאזיקע הערצער שפילן ווי א מייסטער אויף זיין כלי־זמר.

נח נאשעלסקער האט מיט איבערגעלעגענער צופרידנקייט נאך אמאל א קוק געטאן אויף די פארביקע גרופקעס פון די ווייבער. ער האט געפילט ווי זייערע אלעמענס בליקן זענען אומרואיק פון נייגעריקייט און דערוואַרטונג און הענגען אויף זיינע ליפן ווי בינען אויפן האניג. נח נאשעלסקער איז נאך געווען רויט פון זיין אויפטריט פאר די גרעסטע צדיקים פון פוילן, און ער האט באטראכט זיין איצטיקן אויפטריט ווי א טריאומף און ווי אן אפרו.

די קלעזמארים האבן אויפגעשפילט א וויינענדיקס, און נח נאשעל־סקער האט אנגעהויבן צו באזינגען די כלה.

שוין ביי די ערשטע זאצן ווי נח נאשעלסקער האט אנגעהויבן צו פארגלייכן דעם חופה־טאג צום יום־הדין און אנגעהויבן צו רעדן צום הארץ פון דער כלה, איז אין דער גרויסער ליכטיקער שטוב געווארן א שטיל געוויין. פון די אפענע פענצטער האט אריינגעשמעקט די אויסגע־שטערנטע תמוז־נאכט. מ'האט געהערט ווי עס רוישן אין דער פינצטער די ביימער אין סאד. די כלה איז געזעסן א דערשראקענע און איר פנים איז געווען ווייס ווי דאס חופה־קלייד וואס זי האט געטראגן און ווי דער חופה־שלייער וואס האט ארומגענומען אירע צעפלאכטענע האר. נח נאַ־שעלסקער האט ווייטער אויסגעמאלט זיינע טרויעריקע בילדער פון דעם לעבן פון א מענטש און פון יעדן טאג פון א מענטש וואס קאן גריילעך זיין דער לעצטער טאג פון זיין לעבן, און ער האט געפילט ווי די הערצער פון די ווייבער פילן זיך אן מיט שרעק. די געוויינען האבן זיך געשטארקט,

וואָרעם פון נחס ווערטער האָט בפירוש געשמעקט מיט יענער־וועלט. בלויז די שטאָלצע קאָלישער רביצן איז געבליבן אין איר שטאַנד, זי האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם כשוף פון דעם באָרימטן בדחן און געקוקט אויף אים מיטן גיאות פון אַ ווייבערישן תלמיד־חכם. די באָבע לאהס אויגן זענען פול געוואָרן מיט אידעלער פייכטקייט און זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע יתומדיקע קינדער־יאָרן און אין די וויסטע יאָרן נאָך איר חתונה איינע אַליין אויפן בוידעם־שטיבל לעבן דער קוטנער ווייבער־שול. די מומע רויזע מיטן טשיפּיק און מיטן טערקישן טוך, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן און געקוקט, האָט זיך מיט אַמאָל מיישב געווען, אַ קוויטש־אויף געטאָן מיט אַן אַלט פייפנדיק געוויין ווי מ׳וואָלט זי געהאַט אָוועקגעשאָכטן מיט אַ חלף.

פון די אָפענע טירן האָבן באַהאַלטן אַריינגעקוקט די פּראָסטע דאָר־פישע פעטערס אין זיידענע קאַפּאָטעס און מיט גרויסע סאַמעטנע קאַש־קעטן אויף די קעפּ. די אויערן האָבן ביי זיי זיך אויפגעשטעלט און די מיילער האָבן זיך ביי זיי געעפנט און זיי האָבן געשלונגען נח נאַשעלסקערס ווערטער. דעם פעטער מרדכי־בערס ברענענדיקע וואָלפישע אויגן זענען געווען פאַרשלייערט מיט אַ פייכטן נעפל, דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון גרויס מתיקות. אויך סימכע גייגע איז דאָרט געשטאַנען און הויך געהעשעט. פּלוצעם אָבער האָט ער דערזען ביי דער זייט זיין קליין ווינ־ציק ווייבל שרה־בינה. ער האָט אויף איר אַ גלאָץ געטאָן מיט אַ פּאָר רויטע גזלנישע אויגן און איר מיט אַ העשענדיק קול אַריינגעזאָגט אַ גראָבע פּויערישע קללה.

נח נאַשעלסקער האָט אָנגעהויבן צו שילדערן דאָס גרויסע גליק פון זיידע ברוך און די באָבע חיה וואָס האָבן געהאַט דעם אומגעווינטלעכן זכות זיך משדך צו זיין מיט די גרעסטע צדיקים פון פּוילן. די מוזיק האָט געשפּילט. באַלד איז געוואָרן אַ געשריי אַז ר׳ יהושיעלע קוטנער מיטן חתן גייען באַדעקן די כלה.

צווערשט איז געגאַנגען דער משמש הירשל נאמן אָנגעטאָן אין אַלע זיינע זיבן קאַפּאָטעס. פון אים האָט געווייעט דער ריח פון קוטנער יאַט־קעס. הירשל נאמן האָט געפאַכעט מיט אַ רויטער שמוציקער פאַטשיילע. דאָס איינע אויג זיינס האָט ביז געגלאָצט. ער האָט געשריגן: „דער רב גייט״! און מיט דער פאַטשיילע אָוועקגעיאָגט די ווייבער וואָס זענען

געשטאַנען אויפן וועג. די קופּקעלעך פאַרביק־אויסגעפּוצטע ווייבער האָבן זיך צונויפגעדריקט אין די ווינקעלעך. אַרום דער כלהס פּאַטעל איז מיט אַמאָל געוואָרן לײדיק, און עס זענען דאָרט איבערגעבליבן בלויז די עלטערע רביצנס מיט דער קאַלישער רביצן. פון דער טיר וואו ס׳איז געזעסן דער חתן האָבן זיך ווילד געגעבן אַ שיט אַריין אַ כאַפּטע מיט רבנים אין שטריימלעך און אין שוואַרצע זײדענע קאַפּאָטעס. אינמיטן פון די רבנים איז געגאַנגען דער גאון ר׳ יהושיעלע קוטנער, אַ נידעריקער, אַ ביסל אַן אײנגעבויגענער מיט אַ קליין גראָ בערדל. דער גרויסער לומדישער שטערן האָט אים אַפּערגעלויכטן פון דעם שווערן האַריקן שטריימל וואָס ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ. ר׳ יהושיעלע איז פּאַמעלעך געטרעטן צווישן די רבנים, זיין פּנים האָט שטיל געשמייכלט און ער האָט עניוותדיק געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל כדי נישט צו קוקן אויף די ווייבער. האַרט לעבן אים איז געגאַנגען דער חתן, אַ בלאַסער, אַ יונגיטשקער און אַ דאַרער. דאָס גרויסע שטריימל איז נישט־פּראָפּאָרציאָנעל געזעסן אויפן אײדעלן ײנגלשן קאָפּ. דער חתן האָט זיך אַרומגעקוקט אַ צעשראָקענער, ער האָט אפילו נישט געזען די כלה וואָס איז אַ ווייסע געזעסן אויפן פּאַטער־שטול. ווען זיי אַלע זענען צוגעקומען צו דער כלה האָט די קאַלישער רביצן דערלאַנגט די אַנקומענדיקע אַ זיל־בערנע טאַץ אויף וועלכער ס׳איז געלעגן דער חופּה־שלייער.

אַ רעגן מיט האָפּן האָט זיך געשיט פון אַלע זייטן אויף דער טאַץ מיטן חופּה־שלייער, אויפן בלאַסן חתן און אויף דער כלה. דאָס האָבן די רביצנס געשיט גאַנצע הויפנס מיט האָפּן. דער חתן האָט אַ דער־שראָקענער אַ וואָרף אַרויף געטאָן אויף דער כלהס צעפלאָכטענעם קאָפּ דעם ווייסן שלייער. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט. די ווייבער האָבן אויסגעשריגן מזל־טוב. און ר׳ יהושיעלע קוטנער מיטן חתן און מיט די רבנים האָבן זיך שנעל דערווייטערט.

פּאַרויס זיי איז געגאַנגען הירשל נאמן אין די זיבן קאַפּאָטעס. ער האָט געפּאַכעט מיט דער רויטער פּאַטשיילע און געשריען אויף זיין הייזעריק קול: אַוועק, אַוועק, דער רב גייט!

די ווייבער האָבן אָפּגערוימט דעם וועג.

# קאַפּיטל זיבעצן

הבדלות ברענען. מען גייט צו דער חופּה. קאַפּעליעס שפּילן. אַסמאַלינער ייִדן און פּויערים אין די שמעקנדיקע תּמוזדיקע נאַכט־פּינצטערנישן. די כּלה גייט. די מומע רויזע טראָגט אַ גרויסע הבדלה. הירשל נאָמן זינגט „מי אַדיר". דער „נפש־חיה" לייענט די כּתובה. די קאַלישער רביצן טאַנצט דעם יונגן פּאָר אַקעגן מיט אַ קוילעטש.

צענדליקער פאַרביקע הבדלות האָבן געפלאַקערט אין די אויפגע־הויבענע הענט פון די מחותנים. די הבדלות האָבן גאָלדיק געפלאַקערט איבער די שוואַרצע שטריימלעך. אין דער שטוב פון חתן האָט מען זיך געגרייט צו דער חופה.

אין דער שטוב איז געווען אַ געשטופעריי. די פאַרביקע הבדלות האָבן געפלאַקערט און זיך געגרייכערט מיט אַ זיסן וואַקס־ריח. דער חתן איז געגאַנגען אין אַ ווייסן לאַנגן קיטל מיט אַ גאָלדענער עטרה, און אויפן קאָפּ אַ גרויס, שוואַרץ גלאַנציק שטריימל. — דער זיידע ר׳ משה און דער זיידע ברוך זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פון חתן און געוואַרט אויפן אונטערפירן.

די מוזיק האָט אויפגעשפילט אַן אַלטן יידישן חופה־מאַרש. דער מחותנים־צוג האָט גערירט.

די לינדע תמוז־נאַכט איז געווען אָנגעפילט מיט די ריחות פון סאָד. מ׳האָט געהערט דאָס ווייטע קוואַקען פון פרעש. אַ שטילער וואַרעמער ווינט האָט געווייעט צווישן די אויבס־ביימער. אין די הימלען האָבן גע־פינקלט די שטערן. דער ריח פון די צעפלאַקערטע הבדלות האָט זיך אויסגעמישט מיט ווינט און מיט נאַכט. די מוזיק איז צעשוואומען אין דער ביינאַכטיקער ווייטקייט.

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער חופה. אויך דאָרט האָבן אין דער נאַכט געפלאַקערט הבדלות און שטורקאַצן. אַרום דער חופה האָט עס געברומט פון מענטשן. פון דער נאַכט האָבן זיך — רעמבראַנ־דיש — אַרויסגעשיילט גאַנץ און האַלב באַלויכטענע פּנימער. יידן פון אַסמאַלין ווי אויך פויערים און פויערטעס זענען געקומען צו זען די חופה. זיי זענען געשטאַנען אַריינגערוקט טיפער אין דער נאַכט און צווישן

די פייכט־פינצטערע סאַד־ביימער. דאָס רויטע מיט גאָלד אויסגעשטיקטע טוך פון דער חופה האָט פיערלעך און וואַרעם אַרויסגעלויכטן פון דער נאַכט. דאָס חופּה־טוך איז געווען אויסגעצויגן אויף פיר דרענגלעך. עטלעכע עלטערע יידן שמשים האָבן געהאַלטן די דרענגלעך. די הבדלות האָבן באַלויכטן זייערע פּנימער און זייערע בערד. דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער חופה. די אונטערפירערס האָבן דעם חתן אינעם ווייסן קיטל אַרונטערגעפירט אונטער דער חופה. דאָס בחורל אין קיטל און אין שוואַרצן שטריימל איז געשטאַנען און זיך צוגעהאַלטן די אויגן מיט אַ טיכל. דאָס ליכט פון שטורקאַצן און הבדלות האָט אים באַלויכטן.

די נאַכט האָט געשמעקט מיט ווינט און מיט אויבס.

פלוצעם האָט מען געהערט אין דער נאַכט אַ נייעם אויפשפּיל פון מוזיק.

דער צוג מיט דער כלה האָט זיך דערנענטערט פון הינטער די סאַד־ביימער. צענדליקער ווייבער, אין פאַרשיידענע קליידער און יופּעס, האָבן געטראָגן הבדלות. טייל עלטערע ווייבער האָבן אונטערגעטאַנצט און געפּאַטשט מיט די הענט. אין דער נאַכט האָט עס אומהיימלעך אָפּגע־קלונגען. די מומע רויזע אין אַ טערקישן שאַל איז געגאַנגען אין אַ זייט, זי האָט געטראָגן אַ וואַקסענע הבדלה גרויס ווי אַ יום־כּיפּור־ליכט. אין מיטן די ווייבער מיט די הבדלות איז געגאַנגען די כלה פּאַמע־לעך און טיף פאַרשלייערט אין ווייסן. דער נאַכט־ווינט האָט לייכט גע־ווייעט אין די כלה־שלייערן. פאַר די הענט האָבן זי געפירט די באָבע חיה און די באָבע לאה. הינטער די איז געגאַנגען די באָבע פריווע מיט דער קאַלישער רביצן. אויך די ווייבערישע פּנימער האָבן זיך גרופּעסוויז אַרויסגעשיילט פון דער לינדער תמוז־נאַכט, האַלב און גאַנץ באַלויכטן פון די צעפלאַקערטע ליכטער פון די הבדלות.

אַרונטערגעקומען אונטער דער חופה איז די באָבע לאה מיט דער באָבע חיה אַרומגעגאַנגען מיט דער ווייס פאַרשלייערטער כלה זיבן מאָל אַרום דעם חתן וואָס האָט זיך אַלץ געהאַלטן די אויגן פאַרדעקט מיט אַ טיכל. נאָך דער דאָזיקער פּראָצעסיע איז די כלה געבליבן שטיין קעגנ־איבער דעם חתן.

דער משמש הירשל נאמן האָט מיט זיין גראָבלעך־הייזעריק קול הויך געזונגען „מי אדיר”. וואו עס זענען געקומען די גאָר הויכע טענער

האָט ער, הירשל נאמן, אויפגעהויבן דעם האַלב־בלינדן קאָפּ צו די שטערן און האָט צוגעפּאַנפּעט מיט דער רויטער פאַרלייגטער נאָז. זיינע אַלע זיבן קאַפּאָטעס זענען געווען ברייט פונאַנדערגעקנעפּלט. אין דער לינדער אָפּענער תמוז־נאַכט, אין גערויש פון די סאַד־ביימער און אין די מיט הבדלה־ליכטער באַלויכטענע פינצטערנישן האָט הירשל נאמנס הייזעריק קול אָפּגעקלונגען ווי דאָס וויסטע זינגען פון אַ סאַטיר.

נאָכדעם האָט דער קאַלישער רב אָנגעהויבן צו לייענען די כתובה.

ער האָט געלייענט מיט אַ דייטלעך און געלאָסן קול. די שווערע אַראַמעאישע ווערטער האָבן עקזאָטיש אָפּגעקלונגען אינמיטן דעם ביי־נאַכטיקן מענטשן־געברום אַרום דער חופּה און אינמיטן די פלאַקערנדיקע הבדלות. ווייט צווישן די ביימער האָבן פויערים געשאָסן אויף וויוואַט. דער קאַלישער רב האָט געלאָסן און דייטלעך געלייענט. ער האָט אויס־גערעכנט די אַלע בבלישע שמוק־שטיקער און געווענדער וואָס דער חתן מוז געבן דער כלה. דאָן, די אַלטע בבלישע מטבעות פון די צייטן פון די גאונים — וואָס פון זיי באַשטייט דער ווערט פון דער כתובה. דאָן, אַלטע פאַסילן פון יידישער רעכטלאַזיקייט אין מיטלאַלטער, צב"ש, אַז דער חתן מוז זיך פאַרשאַפן דעם „טריישן", ד"ה די דערלויבעניש פון דעם הגמון אויף צו קענען חתונה האָבן. ווען דער קאַלישער רב האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיקן אַלטן יידישן דאָקומענט, האָט זיך אָנגע־הויבן דער סדר־קידושין.

ר' יהושיעלע קוטנער האָט מסדר־קידושין געווען.

די קאַפּעליעס האָבן אויפגעשפּילט. טיף אין ביינאַכטיקן סאָד האָבן פויערים געשאָסן אויף וויוואַט. חתן־כלה האָט פאַרלאָזט די חופּה, באַ־גלייט מיט הבדלות און שטורקאַצן.

אין ליכט פון די הבדלות האָט די קאַלישער רביצן דעם יונגן פּאָר אָקעגנגעטאַנצט מיט אַ קוילעטש.

די נאַכט האָט געשמעקט מיט ווינט און מיט אויבס.

# קאַפּיטל אַכצן

דער פעטער יעקל מיט ירחמיאלן לויפן אַרויס קוקן ווי ר׳ ישעיה פּריוועס קומט צופאָרן מיט דער קאַטש. ר׳ ישעיה פּריוועסעס גאָלד־גרובן אויפן גזשיבאָוו. ר׳ ישעיה פּריוועס אין זיין גדלות. די גבירטע שבעלע פּריוועס. אירע צען מאַגנאַטישע חדרים אין מיטן דעם יידישן גזשיבאָוו. ר׳ ישעיה פּריוועס און זיינע מיטמענטשן. ר׳ ישעיה פּריוועס און זיינע זעקס זין. ר׳ ישעיה פּריוועס טראָגט אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק און מיט אַ בענדל. די פּריוועסאָוקעס. ר׳ ישעיה פּריוועס קעמפט מיט שטריימלעך. ר׳ ישעיה פּריוועס — וואַרשעווער דאָזאָר, ער פאָרט אין דער גמינע אַריין מיט אַ קאָטש און יידן האָבן דרך־ארץ. ר׳ ישעיה פּריוועסעס „מענטשן". ר׳ ישעיה פּריוועס און זיינע מחותנים. שבת ביי ר׳ ישעיה פּריוועס. מוצאי־שבת נאָך הבדלה קומט די משפּחה. כיבודים. שבעלע פּריוועס אין גאָלד און אין בריליאַנטן. שבעלע פּריוועס מיט אירע שנירן. ר׳ ישעיה פּריוועס מאַכט הבדלה. פּורים ביי ר׳ ישעיה פּריוועס. טירן עפענען זיך פאַר אָרעמע יידן. פּורים־שפּילער. יידישע זעלנער אין ר׳ ישעיה פּריוועסעס סאַליעס.

פרייטיק אויף שבתדיקע שבע־ברכות זענען אָנגעקומען צו פאָרן נייע מחותנים.

יעדע נייע קאַטש האָט געמאַכט אַן אויפרודער, און מ׳האָט אַרויס־געקוקט פון די „הויף״־פענצטער צו זען ווער עס קומט אָן.

אויף אַ ברייטער לעדערנער קאַטש איז אָנגעקומען ר׳ ישעיה פריוועס פון וואַרשע מיט זיין ווייב שבעלע.

ר׳ ישעיה פריוועסעס אָנקומען האָט געמאַכט גאָר אַ גרויס אויפזען. אַלע זענען אַרויסגעלאָפן קוקן. פאַרשטייט זיך, פון די ערשטע קוקערס — וואָס זענען צוגלייך געווען די ערשטע אָפּצוגעבן ר׳ ישעיה פריוועסן אַ ברייטן שלום־עליכם באַלד נאָך דעם ווי ער, ר׳ ישעיה, איז אַראָפּגעשטיגן פון דער קאַטש — איז געווען דער פעטער יעקל. נאָך אים איז געגאַנגען דער אידעם ירחמיאל. ירחמיאל איז געווען שטאַרק אַנטוישט פון ר׳ ישעיהס קאַטש. מחמת וועדליג ער האָט זיך אָנגעהערט פון ר׳ ישעיהס רייכ־טימער איז ער זיכער געווען אַז ר׳ ישעיה וועט מן הסתם קומען ווײַ־ניקסטנס אין אַ גאָלדענער קאַטש ווי עס איז דער שטייגער פון מלכים ושרים, צום סוף נאָ דיר אַ לעדערנע קאַטש גלייך ווי אַלע קאַטשן.

פון גרויס אַנטוישונג האָט זיך פון ירחמיאלס ליפּן אָוש אַרויסגע־ריסן: ראַצע!

ר׳ ישעיה פריוועס איז געווען דער רייכסטער ייד צווישן די חסידים אין פוילן. מ׳האָט אים געשאַצט ביי אַ צען מיליאָן קערבלעך. אינמיטן דער גרויסער אָרעמקייט פון די יידישע מאַסן אין פוילן האָט אַזאַ ציפער פון רובלס אַרויסגערופן ממש פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. אין אַלע שטעטלעך און אפילו אין וואַרשע גופא זענען צווישן דער חסידישער

אַרעמקייט אַרומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן ר׳ ישעיה פּריוועס, און זיין פאַרמעגן איז געווען שפּריכווערטלעך.

ר׳ ישעיה פּריוועסן האָט מען אויך גערופן ר׳ ישעיה אייזנמאַן. דעם נאָמען אייזנמאַן האָט ער געהאַט איבער צוויי סיבות: קודם־כל זיין שווער האָט געהייסן גבריאל אייזנמאַן און פון אים טאַקע האָט ר׳ ישעיה פּריוועס געירשנט דאָס אייזן־געשעפט וועלכעס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן פאַרן גרעסטן אייזן־געשעפט אין פּוילן. פאַר ר׳ ישעיהן איז עס געוואָרן אַ גאָלדגרובן. אייזנמאַן האָט געקלונגען אידענטיש מיט ר׳ ישעיהס אייזן־געשעפט. ר׳ ישעיה פּריוועסעס פאַרמעגן איז אויסערגעוויינטלעך שנעל געוואַקסן. חסידים האָבן דערציילט אַז אַלס יונגערמאַן האָט ער באַקומען פון קאָצקער רבי אַ ברכה. מער האָט מען נישט געדאַרפט. ס׳האָט גע־הייסן, — צו וואָס ר׳ ישעיה האָט זיך צוגערירט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָלד.

ווי עס שיינט אויסצוקוקן האָט ר׳ ישעיה פּריוועס פּערזענלעך נישט געמוזט זיין דערוואַקסן צו דער שטעלונג וועלכע ער האָט באַקומען אין דער יידישער געזעלשאַפט אין פּוילן. איך האָב אַ סך געהערט פון אים דערציילן. אַזוי ווי מיין פרוי איז זיינס אַן אייניקל, איז מיר אויסגעקומען גוט צו קענען זיינע קינדער און זיין הויזגעזינד, אַ סך צו הערן פון אים, און מיר פאַרצושטעלן וועגן אים אַ בילד. ווי יעדע פּערזאָן וועמען דאָס לעבן און דאָס גליק שטעלט העכער פון זיינע גייסטיקע ווערטן, האָט זיך אויך ר׳ ישעיה פּריוועסן געמוזט היפּש פאַרדרייען אין קאָפּ און ער האָט באַקומען דרך־ארץ און אָפּשיי פאַר זיין אייגענער פּערזאָן און פיל פיל איינרעדעניש. צווישן זיינע מיטמענטשן איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ פאַנצער פון קאָמפּלעקסן, דערפון האָט זיך גענומען אַ סך קאָמישס אין זיין גאַנצער שטעלונג.

וועגן ר׳ ישעיה פּריוועסעס הויז אין וואַרשע האָט מען אויך דער־ציילט פאַרשיידענע מעשיות. זיין פרוי שבעלע איז געווען אַ גבירישע טאָכטער און זי האָט געהאַט אַ גבירישן שניט. הגם ר׳ ישעיה האָט אין וואַרשע געוואוינט אויפן גזשיבאָוו אין אַ מויער וואו ס׳האָבן געוואוינט נאָך יידן, רייכע און אָרעמע, פונדעסטוועגן איז זיין דירה געווען איינגעאָרדנט אויף אַ מלכותדיקן אופן. די צען חדרים זענען געווען פול מיטן געשמאַקפולסטן און סטילפולסטן מעבל, טייערע פאַרצעלאַנען,

אַ סך גאָלד און זילבער. זיין ווייב שבעלע פלעגט פאָרן אין די רייכסטע אויסלענדישע בעדער און פון דאָרטן האָט זי מיטגעברענגט טייערע חפצים, געוועבן פון פראַנצויזישן בראָקאַט, און די איידלסטע בעלגישע שפּיצן. פאַמעלעך האָט זיך ר׳ ישעיה פריוועסעס הויז אויפן גזשיבאָוו פאַרוואַנדלט אין אַ פאַטריאַרכאַלער דירה.

אינמיטן די סטילפולע מעבלען, די קרישטאָלן און קונסטפולע זילבערנע און גאָלדענע געפעסן, — יידיש מלכות צווישן יידישער אָרעמקייט, — איז זיך ר׳ ישעיה פונאַנדערגעוואַקסן. אויך די מיינונגען פון דעם דאָזיקן חסידישן ייד וועגן זיך אַליין האָבן אָנגענומען משונה־דיקע פאָרמען. ר׳ ישעיה פריוועס וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר פסיכאָ־אַנאַליטיקער צו שטודירן און צו באַשרייבן דאָס וואַקסן און אויפבויען זיך פון פאַרשיידענע קאָמפּלעקסן, קאָמפּלעקסן פון מינדערווערטיקייטס־ און איבערווערטיקייטס־געפילן. עס געהער אָבער נישט צו די גבולן פון מיינע זכרונות צו פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע ענינים. זיין גאַנצע סביבה האָט זיך צו ר׳ ישעיה פריוועסן באַצויגן מיטן גרעסטן אָפּשיי. און זיין סביבה איז געווען סאַמע אָרעמע און קבצנישע חסידים וואָס האָבן שטענדיק געהאָפט פון אים עפּעס צו באַקומען און געוואָרט אויף זיינע חסדים. די גרויסקייט־מאַניע פון ר׳ ישעיה פריוועס איז פון קיינעם נישט קריטיקירט געוואָרן, ד״ה זי איז נישט קאָרעגירט געוואָרן, און די השגות פון דעם דאָזיקן גאַנץ מיטלמעסיקן פוילישן ייד וועגן זיך אַליין זענען געוואַקסן אין אומבאַגרענעצטן אַריין. הגם ער איז געווען אַ גאַנץ געווינטלעכער בן־תורה האָט ער דאָך געהאַט דאָס איינ־רעדעניש צו זיין אַ גרויסער למדן. די אָרעמע אמתע גרויסע לומדים האָבן געמוזט צוהערן זיינע גאַנץ מינדערווערטיקע חידושי־תורה, און זיי האָבן אפילו געמוזט זיי רימען און אויסדריקן אָנטציקונג פאַר ר׳ ישעיהס לומדות. פון דער דאָזיקער איינרעדעניש האָט זיך אין זיין כאַראַקטער אויסגעבילדעט אַ הערשערישע דעספּאָטישקייט, וועלכע האָט קיינעם נישט געשוינט און אומעטום געמוזט אַרויסהייבן ר׳ ישעיה פריוועסעס גאָט־גע־בענטשטע אויטאָריטעט. אפילו אין שייכות צו זיינע קינדער איז ער געווען מער הערשער ווי פאָטער. ער האָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אויך אַריינגעפּלאַנצט אין דעם כאַראַקטער פון זיינע זעקס זין, יידן ווי בערן מיט אַלע איינרעדענישן פון ר׳ ישעיה פריוועס. ר׳ ישעיה פריוועסעס

זעקס זין זענען געווען יידן מיט בייכער מיט שיינע צעקעמטע בערד, מיט היפשע הויזגעזינדן פון קינדער, שנירן און איידעמס. פאַרן פאָטער האָבן זיי אַלע געציטערט אין דעם גרעסטן אָפּשיי. זיי זענען געגאַנגען פאַר אים אויף די נעגל, און שטילערהייט געפּירט צווישן זיך אַ פאַרביסענעם קאַמף ווער ס׳זאָל האָבן די בכורה אין ר׳ ישעיהס חסד. אויך דעם קאַמף צווישן זיינע זעקס זין וועגן זיין גענאַד האָט ר׳ ישעיה גענומען אויפן חשבון פון זיין אויסדערווײלטער שטעלונג און כסדר געהויבן זיין אייגע־נעם אַנזען אין די אייגענע אויגן.

וועגן ר׳ ישעיה פּריוועסעס זין, זייערע הויזגעזינדן און זייערע דרכים, וועט מיר נאָך אין די שפּעטערע בענדער אויסקומען אַ סך, אַ סך צו דערציילן.

בכדי אונטערצושטרייכן די קאַמפּלעקסן פון זיינע מאַכט־אַמביציעס איז ר׳ ישעיה פּריוועס געפאַלן אַלע מאָל אויף אַנדערע אויסטערלישע געגנג. אפילו אין זיין טראַדיציאָנעלער יידישער הלבשה — זי איז דאָך געווען ביי די פרומע פּוילישע יידן אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן אין איר שניט און אין איר סטיל — האָט ר׳ ישעיה שוין אויסגעפונען מעגלעכקייטן כדי אויך דאָ אונטערצושטרייכן זיין איבערלעגנהייט. אַזוי האָט ער צו דעם אָנגענומענעם יידישן היטל זיך צוגעגייט אַ לעדערנעם דאַשעק מיט אַ בענדל. אַפילו זיין סאַמעטן שבתדיק היטל האָט געהאַט אַ לעדערנעם דאַשעק מיט אַ בענדל. אַ ספּעציעלער היטל־מאַכער האָט געמוזט מאַכן ר׳ ישעיה פּריוועסעס היטלעך. ר׳ ישעיהס יידיש היטל האָט זיך אויס־געצייכנט פון אַלע יידישע היטלעך אין פּוילן. ר׳ ישעיה פּריוועסעס היטל! די היטלעך מיט בענדלעך האָבן אפילו אין וואַרשע באַקומען אַ באַזונדערן נאָמען, די „פּריוועסאוועקעס״. און אויב ס׳האָבן זיך געפונען יידן בעלנים וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן די יידישע היטלעך מיט בענדלעך כדי מיט עפּעס ענלעך צו זיין צו ר׳ ישעיה פּריוועס, אָבער אַזוי ווייט, צו אַ לעדער־נעם דאַשעק האָט קיינער נישט געהאַט די העזה צו דערלאַנגען. די דאָ־זיקע פּריווילעגיע צווישן אַלע פרומע פּוילישע יידן האָט געהאַט איינציק און אַליין דער עכטער ר׳ ישעיה פּריוועס. דער אויפטו מיט די היטלעך האָט אים אַזוי געמוזט האָבן גערעדט צום פאַרקאַמפּלעקסירטן געמיט, אַז ער האָט אינמיטן דערינען זיך מיישב געווען און דערקלערט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן צו די שטריימלעך. נישט חס־ושלום אַז יידן זאָלן

בכלל אויפהערן צו טראָגן שטריימלעך. אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע טענ־דענצן פאַרן כלל פון יידן זענען גאַרנישט געלעגן אין די אַמביציעס פון ר׳ ישעיה פריוועס. ער האָט נאָר געהאַט אין טענדענץ, געמלעך, אומע־טום און אומאויפהערלעך אונטערצושטרייכן זיינע מאַכט־קאָמפּלעקסן, די מאַכט־קאָמפּלעקסן פון אַ מיטלמעסיקן פוילישן ייד, וואָס דאָס גליק איז געשטאַנען ביי זיין וויגעלע. אַזוי האָט ר׳ ישעיה פריוועס דערקלערט אַ קריג די שטריימלעך בנוגע זיך אַליין און זיינע זעקס זין ד״ה ר׳ ישעיה פריוועסעס זין. ער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין שטריימל אין שבת און אין יום־טוב ווי אַלע חסידישע פוילישע יידן, און אומעטום פּאַראַ־דירט מיטן סאַמעטענעם היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק. עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז זייענדיק אַ געררער חסיד, איז ער, ר׳ ישעיה פריוועס, דער גרויסער מאַגנאַט צווישן די פוילישע חסידים, איינער פון די ערשטע טישזיצערס ביים געררער רבין, פונדעסטוועגן אויך שבת ביים רבינס טיש — אַנטקעגן אַלע אָנגענומענע מנהגים און טראַדיציעס — געזעסן אינעם סאַמעטענעם היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק. על־טערע חסידים האָט אפילו אין דער שטיל פאַרדראָסן ר׳ ישעיהס דרייסט־קייט אַקעגן גערער רבין, נאָר זיי האָבן געשוויגן. ווער וואָלט ר׳ ישעיהן זאָגן אַ וואָרט? פאַרט נישט קיין קלייניקייט, ר׳ ישעיה פריוועס!

פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ ישעיה פריוועס איז געווען דאַזאָר אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע. אָבער אויך דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן די פּראָווינציעלע מאַכט־קאָמפּלעקסן פון אַ מיטלמעסיקן מענטש. פון ר׳ ישעיה פריוועסעס דירה אויפן גזשיבאָוו צו דער יידישער גמינע איז געווען אינגאַנצן עטלעכע טריט. ר׳ ישעיה איז אַהין געפאָרן אין אַ קאַטש. דער תירוץ איז געווען אַז יידן זאָלן נישט זען ווי ר׳ ישעיה פריי־וועס טראָגט אַ צילינדער, מחמת אַ דאַזאָר האָט אין דער גמינע געטראָגן אַ צילינדער. לויט ר׳ ישעיהס כאַראַקטער און לויט זיינע התנהגותן איז דער תירוץ מיטן צילינדער געווען בלויז אונטערצושטרייכן די אויסער־געוויינטלעכע חשיבות פון זיין פּערזאָן.

אַ חוץ דעם איז ר׳ ישעיה געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. קיין גרויסן חשבון אין זיינע אייגענע געשעפטן האָט ער אַליין ניט געוואוסט. צווישן זיינע „מענטשן״ האָבן זיך געפונען אַ סך חסידישע בטלנים, און אויך אַ סך וואָס האָבן אויף נישט קיין ערלעכן אופן אָנגעפילט זייערע קעשענעס

פון דער אויסערגעווינטלעכער שפע וואס איז געפלאסן פון ר׳ ישעיהס אייזן־געשעפט. ר׳ ישעיה אליין האט אויך נישט געמוזט האבן קיין גרויסע סוחרישע פעאיקייטן, אזיסט וואלט ער זיינע מאכט־אמביציעס נישט געווען אויסגעלאדן אויף קליינלעכע זאכן. נאר ווער האט דאן געדארפט פעאיקייט! פוילן האט זיך ערשט דאמאלס אנגעהויבן צו איני־דוסטריאליזירן. מ׳האט געבויט באנען און פאבריקן און ווי שלימזלדיק ר׳ ישעיה זאל נישט האבן געפירט זיין געשעפט און וויפל דינע „מענטשן" זאלן נישט האבן אראפגעלאזט אין די קעשענעס, דאס געלד איז דארט אריינגעפלאסן פון אלע פענצטער. מ׳האט זיך נישט געחשבונט. ר׳ ישעיהס הויזגעזינד איז זיך צעוואקסן. ר׳ ישעיה פריוועס האט זיך משדך געווען מיט די גרעסטע גבירים אין פוילן, הגם ער האט זיי נישט גע־האלטן פאר זיינס גלייכן. ער האט קיין אנדערע עצה נישט געהאט. ער האט דאך זיינע קינדער געמוזט חתונה מאכן. און ער האט באטראכט זיינע גבירישע מחותנים פאר די גליקלעכסטע וואס האבן זוכה געווען אז ר׳ ישעיה פריוועס זאל זיך צו זיי אראפלאזן און נעמען זייערע טעכ־טער פאר שנירן. משדך זיין זיך מיט די גרויסע יידישע גבירים פון רוסלאנד וואס האבן אויך געשמט מיט מיליאנען, — האט ר׳ ישעיה נישט געהאלטן פון ליטוואקעס. צוויטנס: האט ר׳ ישעיה פריוועס שטענדיק געוואלט זיין דער אויבערשטער פון שטיסל: אלע זאלן צו אים ארויפקוקן, פאר אלע זאל זיין א זכיה זיך צו אים צוצורירן. אין זיינע שידוכים האט ער נאר אויסגעשפרייט די ספערע פון זיינע מאכט־קאמ־פלעקסן. ער האט געטריפט מיט דעם ליכט פון זיין חשיבות אויף די קעפ פון די אנדערע יידישע גבירים אין פוילן וואס זענען ביי זייער גאנצער גבירישקייט פארט נישט געווען קיין ר׳ ישעיה פריוועסעס. בלויז די מחותנים פון ר׳ ישעיה פריוועס.

די פורימס און די ימים־טובים ביי ר׳ ישעיה פריוועס האבן אויך געהאט א שם אין פוילן. איך האב געהערט זייער א סך פון זיי דערציילן. וואס מער זיין הויזגעזינד איז געוואקסן און ס׳האבן זיך געמערט די שנירן און די אייניקלעך, אלץ מער און מער האט זיך איינגעפונדעוועט ר׳ ישעיה פריוועסעס פאטריארכאלישקייט און זיין גבירישע הערשאפט איבער דער סביבה. זיין ווייב שבעלע מיט אירע רייכע שנירן זענען אלע געפארן אין די בארימטסטע אויסלענדישע בעדער. טייערע קרישטא־

לענע און גאָלדענע חפצים, טײַערע טיולן, שפּיצן און בראָקאַטן האָבן זיך געמערט און זײַ זענען געווען זייער גוטע אָביעקטיווע דעקאָראַציעס צו ר׳ ישעיה פּריוועסעס מאַכט־קאָמפּלעקסן. ער האָט אָנגעהויבן אײַנצו־פירן אין זײַן שטוב אמתע הויפישע עטיקעטע. די לאַסט פון דער דאָזי־קער עטיקעטע, ד״ה דאָס גרויסע און זעלטענע גליק צו געהערן צו ר׳ ישעיהס הויזגעזינד האָט ער געלאָזט פילן זײַנע גרויסע בײַכיקע זין. און זיי האָבן עס געפילט מיט דער גאַנצער נשמה. דאָס דאָזיקע שווערע געפיל פון געהערן צו די פּריוועסעס האָבן די זעקס זין ווייטער אויסגע־שפּרייט איבער זייערע אייגענע הויזגעזינדן, איבער זייערע קינדער, שנירן און אײדעמס. די משפּחה פּריוועס האָט זיך טאַקע אײַנגעמיטן דעם פּוילישן יידנטום פאַרוואַנדלט אין אַ היפּשע אָפּגעשלאָסענע הויף־קאַמאַ־רילע וועמעס צענטער ס׳איז געווען ער אַליין, ר׳ ישעיה פּריוועס, אין זײַן גאַנצער שווערער פּאַטריאַרכאַלישקייט. מ׳מוז צוגעבן: די חסידישע פּוילישע אָרעמקייט האָט די דאָזיקע פּריוועס־קאַמאַרילע אויף זיך געענו־מען מיט אַ געוויסן פּיעטעט און מיט היפּש דרך־ארץ.

אַרויפצוקומען צו ר׳ ישעיה פּריוועסן אין שטוב אַריין איז נישט געווען קיין לײַכטע זאַך אַפילו פאַר זײַנע אייגענע זעקס דערוואַקסענע זין. פאַר די אייניקלעך און פאַר דער גאַנצער משפּחה זענען געווען אויס־גערעכנט די בלויזע שבת־צונאַכטסן, ווען ר׳ ישעיה פּריוועס האָט זיך געוויזן אין זײַן גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישקייט פאַר דעם אייגענעם הויז־געזינד. די גרויסע זילבערנע לײַכטערס, די קרישטאָלענע הענגלײַכטערס, וועלכע זײַן ווײַב די גבירטע שבעלע האָט געבראַכט צופירן אַזש פון די ווײַטע אויסלענדישע בעדער, האָבן געפלאַקערט מיט צענדליקער סטעאַרין־ליכט. אויפן טיש זענען געווען אויסגעשטעלט די פײַנסטע כיבודים, טײַערע טיראָלער עפּל און אַנדערע זעלטענע פרוכטן. איטלע־כער באַזונדער פון פּאַטריאַרכאַלישן פאַרפאַלק האָט אויפגענומען זײַנע געסט אין די באַזונדערע אַפּאַרטאַמענטן. ביי ר׳ ישעיהן אין שטוב האָבן זיך געזאַמלט זײַנע זעקס חשובע זין מיט זייערע אײדעמס און משפּחה־מיטגלידער פון מאַנסבילשן געשלעכט. די פענצטער אין גאַס אַרײַן זענען געווען פאַרהאַנגען מיט פראַנצויזישע בראָקאַטן. ר׳ ישעיה האָט זיך אָפּ־געשיידט דערמיט פון דעם שמוציקן אָרעמען יידישן גזשיבאָוו. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט געטראָגן די פײַנקלדיקע זײַדענע קאַפּאָטע מיטן

סאַמעטענעם היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק. ער האָט אָקערשט געמאַכט הבדלה. אויפֿן טיש איז נאָך געשטאַנען די פֿאַרשימלטע פֿלאַש מיטן אַלטן אונגער־ווײַן, דער פּראַכטפֿולער זילבערנער ווײַן־בעכער. עס האָט נאָך געשמעקט מיטן אויסגעגאָסענעם הבדלה־ווײַן אויפֿן טיש, מיט בשמים און מיט געברענטן הבדלה־וואַקס. די זילבערנע לײַכטערס האָבן געפֿלאַקערט אין מוצאי־שבת. ר׳ ישעיה האָט גערייכערט דעם דיקן שמעקנדיקן האַוואַנאַ־ציגאַר, געזעסן אויבן־אָן אויף דער ברייטער מאַכאַ־גענער פֿאַטער־שטול, און אַרום דעם טיש, זײַנען זײַנע זין מיט זייערע מאַנסבילשע הויזגעזינדן, געזעסן שטיל און געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ ר׳ ישעיהן אין מויל אַרײַן און געוואַרט אויף זײַנע ווערטער.

ביי ר׳ ישעיהס ווײַב, דער גבירטע שבעלע, אין אירע אַפּאַרטאַמענטן, האָבן זיך אויך דאָן אין די שבת צו נאַכטסן פֿאַרזאַמלט די שנירן און דאָס ווײַבערישע געשלעכט פֿון זייערע הויזגעזינדן. אַרויפֿצוקומען צו דער חשובער שוויגער האָבן זיך די שנירן אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן און דעם בעסטן און זיך באַהאַנגען מיט זייערע פּערל און בריליאַנטן ווי צו אַ חתונה. אויך ביי שבעלען זענען די פֿענצטער געווען פֿאַרהאַנגען מיט אַלטע בראָקאַטן. קרישטאָלענע הענגלײַכטערס און זילבערנע קאַנדע־ליאַברעס האָבן געפֿינקלט אינעם גלאַנץ פֿון די פֿיל ברענענדיקע סטע־אַרין־ליכט וואָס מ׳האָט אָנגעצונדן נאָכדעם ווי דער ליבער שבת־קודש איז אַוועקגעגאַנגען און ס׳איז געקומען די נײַע וואָך. שבעלע האָט גע־הערט דאָס הבדלה־מאַכן פֿון ר׳ ישעיה פֿריוועסן און געשמעקט בשמים פֿון זיין גרויסער זילבערנער בשמים־ביקס, אַ בשמים־ביקס אין דעם געשטאַלט פֿון אַן אַלטן גאָטישן טורעם מיט גראַוויורן און גלעקלעך. נאָכדעם איז שבעלע צוריקגעגאַנגען אין אירע חדרים וואו אירע שנירן און אייניקלעך זענען געווען פֿאַרזאַמלט. שבעלע, אַליין אַ גבירישע טאָכ־טער, האָט געהאַט פֿיל געשמאַק אין איר אָנטאָן און טואַלעט. זי האָט געלאָזט נייען אירע קליידער ביי די גרעסטע שניידערינס אין וואַרשע, דאָרט וואו מ׳האָט גענייט די קליידער פֿאַר די פֿרויען פֿון דער פּויליי־שער שליאַכטע, און זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן מיט פֿיל אַריסטאָקראַטי־שער ווערדע. שבעלע האָט געהאַט פֿיל צירונג, באַזונדערס פֿאַר איב־דערוואַכן, און באַזונדערס פֿאַר שבת און ימים־טובים, און באַזונדערס אויף שמחות און חתונות. שבת־צו־נאַכטס האָט זי נאָך געטראָגן אירע

שבתדיקע צירונגען, גרויסע פערל אויפן האלדז, אין די אויערן אוירינג־לעך פון גרויסע גרינע שמאראגדן געפאסט אין אלט־גאלד, און אויפן קאלנער פון איר שווארץ זיידן קלייד — וואס איז געווען ארומגעניים מיט די איידלסטע בריסעלער שפיצן — האט זי געטראגן א גרויסע ברי־ליאנטענע קאליע. אויף איר יידיש שייטל האט זי געטראגן א געוועב פון די טייערסטע שפיצן. שבעלע איז געווען א קליינע דראבנע פערזאן, און זיצנדיק אין איר פאטער־שטול אין די פריצישע קליידער, אין שפיצן און אין צירונג איז זי אויסגעקומען ווי א קליינע צירלעכע ליאלקע אינמיטן דעם געזעמל פון אירע שנירן און אייניקלעך. אויך ביי דער גבירטע שבעלע אין חדר האט געהערשט די פאטריארכאלישע פייערלעכקייט אין די שבת צו נאכטסן. די ווייבער האבן שטיל געטרונקען טיי אין די קריש־טאלענע בעלגישע גלעזער, געגעסן פרוכטן און איינגעמאכטסן, שטיל געשמועסט צווישן זיך, און אלץ געווארט טאמער וועט די דראבנע שבעלע אין דער פאטער־שטול עפעס וועלן זאגן און זיי זענען גרייט געווען צו הארכן.

נאר איינמאל אין יאר האבן די פארשלאסענע טירן פון ר׳ ישעיה פריוועסעס דירה זיך אויפגעעפנט פארן פראסטן פאלק. דאס איז געווען פורים. ארעמע יידן פון גאנץ ווארשע האבן פורים אנגעפילט די רייכע חדרים פון ר׳ ישעיה פריוועס. טישן זענען געווען געדעקט מיטן פולן פורימדיקן כל־טוב, סעודה־קוכנס, פליישן און פישן. ר׳ ישעיה האט געטיילט נדבות אלעמען ווער ס׳איז נאר אריינגעקומען. ווארעם אין פורים זענען ר׳ ישעיהס טירן געווען אפן פאר אלעמען. יידן באקאנטע און אומ־באקאנטע האבן געגעסן און געטרונקען, זיך געלאזט וואוילגיין, זיך גע־ווינטשעוועט און אפילו זיך דערדרייסט צו דריקן ר׳ ישעיהס ווייכע גבירישע האנט, צו טרינקען צו אים לחיים. ארעמע יידן האבן געוואונטשן ר׳ ישעיהן הצלחה אין זיינע געשעפטן. צווישן די ארעמע יידן זענען אויך אריינגעקומען גאנצע כאפטעס פורים־שפילער. דאס זענען געווען די פראסטע מענטשן, די טרעגערס און די בעלי־מלאכות פון גזשיבאוו וואס האבן קיינמאל נישט געהאט די זכיה צו זען ר׳ ישעיה פריוועסן פון דער נאענט, סיידן ארויפצוקוקן צו די טונקעלע פארהאנגענע פענצטער פון ר׳ ישעיהס דירה, הערן דערציילן חידושים פון ר׳ ישעיהס רייכקייט, פון זיינע אייזערנע קאסעס וואס זענען פול מיט גאלד און ברילִיאנטן,

און פון די גרויסע גבירישע פּירעכצן זיינע, מעשיות פון זיין הויזגעזינד און פון זיינע גרויסע מחותנים, אָדער אַמאָל זען די פאַרמאַכטע קאַטש וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון דעם טויער פון ר׳ ישעיהס הויז און גענומען איר וועג צו דער יידישער גמינע אויף גזשיבאַווסקע. מ׳האָט געוואוסט, אַז דאָרט אינעווייניק אין דער קאַטש זיצט ר׳ ישעיה פּריוועס אין זיין גאַנצער לייבלעכקייט, אַנגעטאָן אין אַ שוואַרצן צילינדער און ער פאָרט אין דער גמינע אַריין. פּורים, זענען די אַלע אָרעמע פּראָסטע יידן, פאַר־שטעלטע, איינגעריסטע, אין מאַסקעס, מיט פּאַפּירענע קרוינען אויף די קעפּ, אָדער פאַרשטעלטע פאַר גוטע־יידן מיט לאַנגע קליאַטשענע בערד און פּאות, געשטאַנען נאָענט צו ר׳ ישעיה פּריוועס און צו זיין הויזגעזינד, געזען זיין פּאַטריאַרכאַליש גבירישע פּנים און געזען די ברילייאַנטן אין די אויערן און אויף די העלדזער פון זיינע שנירן און אייניקלעך וואָס זענען געשטאַנען אין די טירן און זיך צוגעקוקט צו די לוסטיקע פּורים־שפּילן. די „פאַרשטעלטע״ האָבן פאַר ר׳ ישעיה פּריוועס געזונגען זייערע פּורים־לידער און געגעבן זייערע פאַרשטעלונגען ווי „מכירת־יוסף״ און „אחשורוש״. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט נישט ליב געהאַט די פּורים־שפּילער און ניט זייערע פאַרשטעלונגען. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פּראָסטע מענטשן, קיין געזאַנג און קיין שפּיל. אָבער פּורים האָט ער ווי אַן אומ־פאַרמיידלעך בייז געמוזט פאַר ליב נעמען אָט די אַלע אָרעמע און גראָב־יונגערישע „פאַרשטעלטע״ וואָס האָבן געטאַנצט איבער זיינע אויסגע־וואַקסטע און באַדיוואַנטע דילן איבער וועלכע ס׳איז אַ גאַנץ יאָר געווען שטיל ווי אין אַן אויער, און האָבן דאָרט אויסגעפירט זייערע פּאַרביקע און פריילעכע שפּילן. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט מיט קיין ברעם נישט קיין ריר געטאָן, זיין פּנים האָט נישט אויסגעדריקט די מינדסטע הייטער־קייט פאַר דעם אויפגעפירטן פּורים־שפּיל צי פאַר דעם פריילעכן פּורים־ליד, ער האָט קיין טעם נישט געהאַט דערין און ס׳איז אים געווען לעסטיק. נאָר פאַרפאַלן. פּורים. זייער טאָג. פונדעסטוועגן האָט ר׳ ישעיה געהייסן מקצר זיין מיט די פּורימדיקע לידער פון די פּורים־שפּילער און באַפוילן ווי צו געבן געלט און שטיקער זיסן פּורים־קוי־לעטש. אַליין מיט זיינע ווייבע, וואָרעמע און אויסגעבאַוועטע הענט האָט ער זיך נישט צוגערירט צו די גראָבע האָרעפּאַשנע הענט פון די פּורים־שפּילער.

פורים ביינאַכט זענען אַפילו די פענצטער פון ר׳ ישעיהס דירה נישט געווען פאַרהאַנגען מיט די שווערע פראַנצויזישע בראָקאַטן. די פענצטער האָבן גביריש און רחבותדיק געלויכטן אינמיטן דעם שמוציקן און אָרעמען יידישן גזשיבאָוו.

חוץ דעם האָט מען ביי ר׳ ישעיהן אויסגעשטעלט טישן מיט מעדנים און עסנס פאַר די יידישע זעלנער וואָס האָבן געדינט אין רוסישן מיליטער אין וואַרשע. ר׳ ישעיה האָט זיך באַמיט ביי דער מיליטערישער מאַכט אַז מ׳זאָל ספּעציעל באַפרייען פאַר אים אויף פורים ביי אַ הונדערט יידישע זעלנער. יידן פון וואָלין און טיף ראַסיי, יידן וואָס האָבן געשטונקען מיט רוסישן דזשעגעכץ, האָבן געטראָגן זעלנערישע היטלעך קרום אויף די קעפּ, און האָבן אַפילו געגעסן טרפות פון רוסישן קאַזאַרמע־קעסל, זענען פורים געזעסן אין דער נאָענטקייט פון ר׳ ישעיה פריוועס, געטרעטן אויף זיינע דילן מיט זייערע גראָבע זעלנערישע שטיוול, געגעסן פורימדיקע פיינקוכנס און געטרונקען בעסאַראַביער שטאַרקן ווין צו וועלכן ר׳ ישעיה האָט זיינע ליפּן קיינמאָל נישט צוגערירט, נאָר ער האָט אים געקויפט פאַר די זעלנער און פאַר די פּראָסטע אָרעמע יידן וואָס האָבן געגעסן ביי זיין פורים־טיש. אַלע האָבן מיט גרויס דרך־ארץ געטרונקען צו ר׳ ישעיהן לחיים און אים געווינטשעוועט גליק און הצלחה אין זיינע געשעפטן.

איינער פון ר׳ ישעיה פריוועסעס מחותנים איז געווען דער באַרימטער קאַלישער רב, דער „נפש־חיה״. ווי איך האָב שוין דערציילט האָט זיך דער קאַלישער רב גערעכנט נישט בלויז פאַר אַ גדול בתורה נאָר אויך פאַר אַ גבירישן מענטש, אַזוי צו זאָגן אַ גבירישער רב. דעריבער האָט ער צוגעפּאַסט צום רומל פון ר׳ ישעיהס מחותנים. אַזוי ווי דער קאַלישער רב איז געווען אַן איידעם פון ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט זיך ר׳ ישעיה פריוועס געפילט פאַרפליכטעט צו קומען אויף דער חתונה צוזאַמען מיט זיין ווייב, די גבירטע שבעלע. דער זיידע ברוך מיט זיין משפחה וואָלטן זיכער ר׳ ישעיה פריוועסן נישט אָנגעשטאָגען צום יחוס.

# קאַפּיטל ניינצן

דער גרויסער וואַלד־סוחר ר׳ יעקב ענגלמאַן. ר׳ יעקב ענגלמאַנס „הויף" אין גלאַזנאָוו. ר׳ יעקבס „גערטנער". אורחים און לומדים אין גלאַזנאָוו. בית־המדרש און מקווה. אַלצדינג הפקר. ר׳ יעקבס זין און זייערע מלמדים. ר׳ יהושיעלע קוטנער קומט אויף „פרישע־לופט". הירשל נאָמן פּרעגלט זיך אין האָניג. אַלע ווילן אָנרייכערן ר׳ יהושיעלען די ליולקע. די גמרות אין גלאַזנאָוו. די עופות און די גויים אין גלאַזנאָוו. ר׳ יעקבס טעכטער. צווישן ווייץ און צווישן קאָרן. מינדל ר׳ יעקבס פּלונית און די קינדער־שפּע פון איר טאַטן ר׳ לייב קושמעראַק. ר׳ לייבס ווייבער און קינדער. ר׳ לייב ווערט געהרגעט פון אַ דונער. זיין יונגע אַלמנה און דער חסידישער חלוש פון וואַרשע. ר׳ יעקב ענגלמאַן פּאָרט אין זיינע וועלדער. די אַלטע וועלדער רוישן און ר׳ יעקב איז מעיין אין אַ ספר. די פּוילישע וועלדער און ר׳ יעקב ענגלמאַן. ר׳ יעקב און די פּריצים. ר׳ יעקב קומט אַהיים אויף שבת. ר׳ יעקב אין דער מקווה. ר׳ יעקב עסט אַן אייער־קיכל און לערנט זוהר. בוידן מיט אָרעמע יידן ציען צו ר׳ יעקבן אויף שבת. די שנאָרערישע פּעדלער אין גלאַזנאָוו. אָרעמע ווייבער אין ר׳ יעקבס קיך. אַלצדינג איז הפקר.

נאָך איינער פון די גרויסע יידישע גבירים אין פוילן איז געקומען אויף שבת־שבע־ברכות, און דאָס איז געווען ר׳ יעקב ענגלמאַן.

ר׳ יעקב ענגלמאַן איז אַפילו געווען אַ מחותן פון ר׳ ישעיה פּריוועס, נאָר עס האָט זיי אַ סך פֿונאַנדערגעטיילט. ר׳ ישעיה פּריוועס האָט געהערט צו די שטאָטישע גבירים אין פוילן און ר׳ יעקב ענגלמאַן איז געווען פון די גרעסטע וואַלד־סוחרים. הגם ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט מיטן זיידע ברוך קיינמאָל נישט געפירט קיין געשעפטן, אָבער אַ סך פון זייערע וועלדער האָבן זיך געגרענעצט און די יידישע וואַלד־סוחרים אין פוילן האָבן זיך ליב געהאַט צו לאָדן. ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט געהאַט מיטן זיידן אַפטע גרענעץ־סכסוכים און זיי האָבן זיך יאָרן לאַנג געלאָדן אין די געריכטן. פון דאַנען האָט זיך געגומען זייער נאָענטקייט, — הגם דער זיידע ברוך איז געווען אַ פּראָסטער ייד און אַרויסגעקומען פון אַ פּראָסטער דאָרפישער משפחה און ר׳ יעקב ענגלמאַן איז געווען אַ רבס אַ זון, אַליין געווען אַ גרויסער למדן און אַ שאַרפער קאָפּ, האָט מיט זיינע פיל זין און טעכטער זיך משדך געווען מיט די שענסטע יידישע משפחות אין פוילן און איז געווען אַ שם־דבר.

ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט געהאַט זיינע וועלדער איבער גאַנץ פוילן, אָבער זיין אייגנטלעכע רעזידענץ איז געווען דאָס גוט גלאַזנאַוו לעבן קוטנע. דאָרט האָט ער געפירט אַ שטאָט פון אַ לומדישן יידישן פּריץ. ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט נישט געהאַלטן פון קיין גערטנער און פּאַרקן, פון קיין בלומען און אויבס־ביימער. דערפאַר האָט ער ביי זיך געהאַט אַ גרויס בית־המדרש און אַ מקווה. צו זיינע פיל זין האָט ער געהאַלטן די שאַרפסטע לומדים פאַר מלמדים. שטענדיק זענען ביי ר׳ יעקבן אין גוט גלאַזנאַוו געווען כלערליי חסידישע און לומדישע שלעפּערס פון גאַנץ פוילן, גוט־יידישע „אייניקלעך", אָפּגעברענטע רבנים, מחברים און

ווייבערישע רבילעך. אַלע האָבן ביי אים געגעסן און געטרונקען. די שאַ־פּעס אין חסידישן אומגעלומפּערטן הויז זענען תמיד געשטאַנען אָפן. די סטאַדעס געבנדז, הינער, קאַטשקעס און אינדיקעס זענען געוואַקסן אויף גאָטס באַראָט און אַרומגעגאַנגען אויף הפקר, ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין הארצן האָט זיי געשאָכטן און געגעסן. ביי ר' יעקב ענגלמאַן אין „הויף" איז שטענדיק געווען ווי אויף אַ יריד. דאָס בית־המדרש שטענ־דיק פול מיט פרעמדע אורחים וואָס זענען וואָכן־לאַנג ביי ר' יעקב ענגל־מאַנען געווען אויף קעסט, געגעסן ביי זיינע טישן, זיך געוויקט אין זיין מקווה און געלערנט אין זיינע ספרים. קיינער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט פון וואַנען און פון וועמען. אין גוט גלאַזנאָוו ביי ר' יעקב ענגלמאַנען האָט שטענדיק געשאַלט דאָס קול תורה סיי פון פרעמדע יידן, סיי פון די גרויסע לומדישע מלמדים וואָס האָבן געקנעלט מיט זיינע זין. אַזוי ווי ר' יעקב ענגלמאַן האָט אויך געהאַט אַ סך טעכטער האָבן תמיד דאָרט געגעסן עטלעכע איידעמס קעסט. אויך זיי האָבן געהאַט באַזונדערע מלמדים וועלכע האָבן מיט זיי געלערנט. פון אַלע פענצטער אין ר' יעקב ענגלמאַנס רעזידענץ האָבן אַרויסגעשאַלט די קולות פון דער תורה.

זומער־צייט אין די גרויסע היצן פלעגט ר' יהושיעלע קוטנער אַרויס־קומען קיין גלאַזנאָוו אויף עטלעכע וואָכן. אַזוי צו זאָגן אויף זומער־וואוינונג. ר' יעקב ענגלמאַן האָט נאָך אים געשיקט די קאָטש. פאַר־שטייט זיך, אַז די דאָזיקע טעג זענען געווען פון די גליקלעכסטע אין לעבן פון משמש הירשל נאמן. ווען די קאָטש איז געשטאַנען פאַר דער קוטנער בית־דין־שטוב און געוואַרט אויף ר' יהושיעלען, איז הירשל נאמן געזעסן אַ האַלבן טאָג אויפן באָק מיט פולע פלעשער וואַסער אין די קעשענעס פון אַלע זיינע זיבן שטינקעדיקע קאַפּאָטעס, און אין גלאַזנאָוו ביי ר' יעקב ענגלמאַנען האָט ער זיך געפרעגלט אין פוטער און אין האָניג. הירשל נאמנס דינסט־שעהן ביי ר' יהושיעלע קוטנער זענען געווען קנאַפּע, סיידן ער האָט אַמאָל אַריינגעבריינגט אַ ברענענדיק שטיק קין פון ר' יעקבס קיך און דערמיט אָנגעצונדן ר' יהושיעלען די ליולקע. אָבער דאָס האָט ער אויך זעלטן געטאָן, וואָרעם צווישן די אַלע אורחים און פרעמדע יידן וואָס האָבן זיך וואָכן־לאַנג אַרומגעוואַלגערט ביי ר' יעקבן אין גלאַזנאָוו האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים ר' יהושיעלען אָנצוצינדן

די ליולקע. טייל האָבן עס געטאָן פון דרך־ארץ פאַרן וועלט־באַרימטן גאון, טייל פון לידיק־גיין. ר׳ יעקבס אײדעמס זענען אַלע כמעט געווען געבאַלעוועטע גבירישע קינדער און האָבן געהאַט קנאַפּ חשק אין די גרויסע זומערדיקע טעג צו זיצן מיט זייערע אויסגעטרוקנטע לומדישע מלמדים און צו קנעלן אַ סוגיה. אויך זיי, די גבירישע אײדעמס, האָבן זיך באַמיט ווי וויט מעגלעך משמש צו זיין ר׳ יהושיעלע קוטנער און אים אָנצוצינדן די ליולקע. ס׳איז געווען דער בעסטער תירוץ פּטור צו ווערן פון די אַלטע פאַרפּעטסטע און צעריסענע גמרות אין וועלכע עס האָבן געלערנט און געבלעטערט פאַרשיידענע הענט. וואָרעם אפילו די גמרות זענען ביי ר׳ יעקבן געווען הפקר, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט אין זיי געלערנט און זיי צעריסן, און די גמרות האָבן תמיד גע־שמעקט מיט דעם ריח פון כלערליי יידן. ר׳ יהושיעלע אַליין, פאַרשטייט זיך, האָט זעלטן פאַרלאָזט זיין אָנגערייכערט צימער און שטענדיק פאַר־טאָן געווען אין תורה און געפּופקעט די ליולקע וועלכע מ׳האָט אַלעמאָל אונטערגעצונדן מיט אַ ברענענדיק שטיק האָלץ. אָבער אַמאָל האָט זיך ר׳ יהושיעלע פאַרט דערמאָנט אַז ער איז אַהערגעקומען נאָך גלאַזנאָוו אויף פרישער לופט, און צוליבן בריאות מוז ער אַ ביסל אַרויסגיין שפּאַצירן. הירשל נאמן איז דאַן אַרויסגעקומען פון די אינעווייניקסטע חדרים אָדער פון דער קיך וואו ר׳ יעקבס ווייב מינדל האָט נישט אויפגעהערט אים צו קאָרמענען מיט אַלעם גוטן. ער איז אַרויסגעקומען מיט זיינע זיבן קאַפּאָ־טעס און אָנגעהויבן צו פאָרען זיך ביי ר׳ יהושיעלעס שפּאַציר, הגם ער, הירשל נאמן, האָט גאָרנישט געטאָן נאָר געטראָגן די פלעשער וואַסער. הירשל נאמן האָט געהאַט גוטע טעג אין גלאַזנאָוו. דאָס געזונטע אויג האָט אים פעטלעך געגלאַנצט און דער בויך איז אים געוואַקסן אונטער די זיבן קאַפּאָטעס. מיט ר׳ יהושיעלען זענען מיטגעגאַנגען ר׳ יעקבס זין און אײדעמס און סתם פרעמדע יידן וואָס האָבן זיך וואָכן־לאַנג גע־וואַלגערט ביי ר׳ יעקבן אין בית־המדרש, אַרום די אָפענע עס־שאַפעס פון זיינע חדרים אָדער אין דער קיך צווישן די טעפּ וואָס האָבן שטענדיק פולע און גרויסע געקאָכט אויפן פייער.

וואוהין ר׳ יהושיעלע איז געגאַנגען שפּאַצירן איז שווער צו זאָגן, וואָרעם אין דעם מכלומרשטן סאָד אַרום ר׳ יעקב ענגלמאַנס „הויף״ האָט קיינמאָל גאָרנישט געוואַקסן און קיינמאָל גאָרנישט געבליט. די ביימער

זענען תמיד געשטאַנען ווי עלנטע קאַליקעס מיט אָפּגעבראָכענע צווייגן, דאָס האָבן אַלערליי יידן מיט מיחושן געבראָכן די צווייגן פון די ביימער און באַנוצט זיי אויף שטעקנס. די בלעטער פון די ביימער און קשאַקעס האָט מען גענוצט אויף אשר־יצר־פּאַפּיר. די בית־הכסאס פון ר׳ יעקבס רעזידענץ האָבן נישט געקאָנט אַריינבעמען אין זיך אַלע פרעמדע יידן, — אַזוי האָבן יידן געטאָן זייערע געברויכן אונטער אַלע ביימער. און אפילו ר׳ יעקבס גוים האָבן דאָרט געטאָן זייערע מענטשלעכע געברויכן. די שטאַמען פון די ביימער זענען געווען צעשניטן מיט קליינע מעסער־לעך, בחורים און סתם רבנישע לײדיק־גייער האָבן דאָרט אַריינגעשניטן פאַרשיידענע געכתיבהטע אותיות. אין די פרייטיקן פלעגן יידן אַרויס־שניידן שטיקלעך האָלץ פון ר׳ יעקב ענגלמאַנס סאַד־ביימער און די שטיקלעך האָלץ צוזאַמען פאַרברענט מיט די אָפּגעשניטענע נעגל לכבוד שבת. אין אַ גרויסן שטח אַרום און אין ר׳ יעקב ענגלמאַנס סאַד האָט מען תמיד געפילט דעם ריח פון ר׳ יעקבס מקווה וועלכע מ׳האָט שטענדיק געהייצט און כסדר האָבן זיך דאָרט כלערליי יידן געוויקעט און געבאָדן, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אויסבויען אַ באַזונדער קליין מקווהלע פאַר די נשים. וואָרעם אין דער גרויסער מקווה האָבן ר׳ יעקבס טעכטער און שנירן זיך נישט געקאָנט אַריינבאַקומען. סיידן גאָר שפּעט ביי נאַכט.

אין דער דאַזיקער „פרישער לופט" האָט ר׳ יהושיעלע קוטנער זיך געשטאַרקט דאָס בריאות. ער איז דאָרט געגאַנגען שפּאַצירן אין דער באַגלייטונג פון נאָך לומדים. מ׳האָט זיך געשאַרפט אין חידושי־תורה און ר׳ יהושיעלע האָט אַלעמען פאַרבליפט מיט זיינע קשיות און תירוצים. די הינער, די גענדז, די קאַטשקעס און די אינדיקעס וואָס האָבן אויס־געקוקט ווי זיי וואָרטן נאָר דערויף זוכה צו זיין געשאָכטן צו ווערן און זיך אַריינצובאַקומען אין די גרויסע טעפּ וואָס האָבן זיך געקאָכט ביי ר׳ יעקבן אין קיך זענען זיך צעלאָפן מיט גרויס געשריי און צעפלויגן מיט אַ געפילדער. הגם די דאַזיקע כשרע עופות זענען געווינט געווען צו יידן און צו לומדים. געלאָפן זענען זיי מן הסתם פאַר דעם ריח פון די קוטנער יאַטקעס וואָס האָט אומברחמנותדיק געווייעט פון הירשל נאמנס קאַפּאָטעס. פאַר די עופות האָט עס באַשיימפערלעך געשמעקט מיט שוחט און מיט הינערשן מלאך־המות.

אינמיטן אַט דער וועלט פון תורה, חסידות און הפקרישער יידישער רחבות אין וועלכער ס׳איז באַשטאַנען ר׳ יעקב ענגלמאַנס גוט גלאַזנאַוו איז נאָך געווען אַ צווייטע וועלט, די וועלט פון זיינע פיל טעכטער.

הגם וואָס שייך יידישקייט האָט מען ר׳ יעקבס טעכטער גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן. זיי זענען געווען פרומע און גאַטספאָרכטיקע, געגאַנגען אין די וועגן פון ר׳ יעקבס יידישקייט, חתונה געהאַט מיט די מאַנען וועלכע די גרעסטע לאַנד־שדכנים פון גאַנץ פוילן האָבן געברענגט פאַר ר׳ יעקבס וועגן פון די שענסטע און רייכסטע יידישע משפחות פון פוילן. ר׳ יעקב ענגלמאַנס טעכטער האָבן קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע ווידערשפעניקייט צו די דרכים פון פאָטער און מוטער און זיך געפירט פאַר און נאָך זייערע חתונות ווי כשרע יידישע ווייבלעך באַדאַרפן זיך פירן. און אויך דערצויגן זייערע קינדער אין גייסט פון פרומער ידישקייט. פונדעסטוועגן, האָט עס ר׳ יעקב געפונען פאַר פאַסיק — און דאָס מן הסתם אונטערן איינפלוס פון די פיל פוילישע פריצישע הייף וואו ר׳ יעקב האָט געהאַנדלט און דאָרט געקויפט זיינע וועלדער איבער גאַנץ פוילן — אַז ער זאָל אויך אין זיין „הויף” איינפירן אַ ביסעלע פריצישקייט. מיט זיינע זין האָט ער עס נישט געקאָנט טאָן. זין מוזן שטענדיק זיין אונטער דער בייטש פון די מלמדים, און ביטול־תורה מאַכט חרוב די וועלט און קאָן טאַקע אויך צוזאַמען חרוב מאַכן זיינע וועלדער. אָבער טעכטער זענען פטור פון תורה. מיידלעך אין גלאַזנאָוו דרייען זיך אַרום פוסט און פּאַסט. אין קיך פּאַסט נישט זיך צו פּאָרען פאַר ר׳ יעקבס טעכטער. אַזוי האָט ר׳ יעקב ענגלמאַן געהאַלטן צווישן אַלע מלמדים און לומדים אויך אַ צוויי דריי לערער און לערערינס וואָס זאָלן אויסלייטישן די טעכטער און זיי מאַכן אַ ביסל פריציש. צווישן די לערער און די לערערינס אין ר׳ יעקבס „הויף” האָבן זיך געפונען פערזאָנען וואָס האָבן שפּעטער אין דער משכילישער וועלט געשפּילט אַ ראָל. הגם זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום משכילישן איינפלוס אויף ר׳ יעקבס טעכטער מיט וועלכע זיי האָבן געלייענט שילערן און מיצקעוויטשן, און געגאַנגען מיט זיי שפּאַצירן אויף די פעלדער ווייטער פון דעם גאַנצן חסידישן און לומדישן טאַראַראַם אַרום ר׳ יעקבס רעזידענץ. דאָרט אויף די פעלדער, זענען ר׳ יעקבס טעכטער געגאַנגען שפּאַצירן צווישן ווייץ און קאָרן און דעקלאַמירט הויך שילערס לידער. אָבער דאָס אַלץ

האָט געדויערט נאָר ביז צו דער חתונה ווען דאָס מיידל איז איינגעשפּאַנט געוואָרן אין יאָך פון יידישקייט. אין ר׳ יעקבס הויז זענען קיינמאָל נישט געווען קיין טראַגעדיעס. און שילערס לידער זענען פאַרפלויגן צו־זאַמען מיט דער מיידלשער יוגנט. ביי ר׳ יעקבס טעכטער אין שטוב האָבן זיך אויך געפונען בלומען און בלומען־טעפּ וואָס זענען טאַקע געוואַקסן און געבליט, אָפּגעראַטעוועט פון די כלערליי יידן וואָס האָבן געשאַלטעט און געוואָלטעט אין ר׳ יעקבס סעדער.

די גרויסע שפע פון קינדער־ברכה וואָס איז געוואַקסן אינעם שויס פון ר׳ יעקבס ווייב מינדל האָט געשטאַמט פון איר משפחה. דאָרט איז געווען אַ ווילד גערעטעניש אויף קינדער. איר פאָטער האָט געהייסן ר׳ לייב קושמעראַק, איינער פון די עלטסטע יידישע גבירים אין פוילן, אויך אַ גרויסער וואַלד־סוחר. ר׳ לייב קושמעראַק איז געווען אַ ייד אַ גבר, האָט באַגראָבן אין זיין לעבן אַ היפשע צאָל ווייבער, אַ סטאַדע אַ גאַנצע, און אַלע זענען זיי געשטאָרבן אין דער קימפּעט אָדער גלאַט אָועקגעפאַלן און איינגעבראָכן געוואָרן. וואָרעם הגם ר׳ לייב קוש־מעראַק האָט כסדר חתונה געהאַט מיט בתולות, און אפילו די ווייבער וואָס ער האָט גענומען אויף זיינע עלטערע יאָרן זענען געווען יונגע בליענדיקע בתולות, פונדעסטוועגן האָט קיין שום פּרוי, ווי געזונט און שטאַרק זי זאָל נישט זיין, נישט געקענט לאַנג אויסהאַלטן די גרויסע שפע וואָס איז געפלאָסן פון ר׳ לייב קושמעראַקס דיכן. זיינע קינדער וואָס זיי האָבן כסדר געטראָגן אין זייערע בייכער, זענען געווען גרויס און שטאַרק און מיט אַזוי פיל טעמפּעראַמענט ווי ר׳ לייב קושמעראַק. און די ווייבער האָבן נאָך עטלעכע יאָר צוזאַמענלעבן מיט ר׳ לייבן געמוזט אָפּטרעטן די עבודה פאַר ייִנגערע און געזינטערע. ר׳ לייב האָט דערי־בער פאַרפלייצט פוילן מיט זיינע קינדער. זיין בכור איז געווען מיט אַן עטלעכע זעכציק יאָר, צי נאָך מער, עלטער פאַרן מוזיניקל. ר׳ לייבס מאַנספערשוינישע פּרוכטבאַרקייט האָט ממש געשמעקט מיט אומשטערב־לעכקייט, און ער וואָלט נאָך אפשר ביז היינט געלעבט, מחמת אַ פּראָסטער מלאך־המות וואָלט זיך נישט געוואַגט צוצוגיין צו ר׳ לייב קושמעראַקס בעט. ר׳ לייב קושמעראַק איז געהרגעט געוואָרן פון אַ שרעקלעכן דונער אינמיטן איינעם פון זיינע גרויסע וועלדער, און דער גרויסער קוואַל

פון פּרוכטבאַרקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ נאַטור־קאַטאַס־טראָפע.

ווי ווייט די דאָזיקע מאַנספערשוויגישע אומשטערבלעכקייט האָט אָנגעשטעקט זיינע אייגענע ווייבער, זאָל דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט:

די לעצטע אלמנה פון ר׳ לייב קושמעראַק, וואָס נאָר זי אַליין האָט געהאַט דאָס נס בשלום אַרויסצוקומען פון ר׳ לייבס בעט און גראַד אים, ר׳ לייבן, איבערצולעבן, איז פאַרשטייט זיך געווען נאָך גאָר אַ יונגע אלמנה. ר׳ לייב האָט מיט איר חתונה געהאַט ביי די אַכציקער יאָרן זיינע, און ווי דער שטייגער איז, איז זי צו דער חתונה געווען אַ יונגע בליענדיקע בתולה. זי איז געווען מיט ר׳ לייבן אַ יאָר דריי, און נאָך זיין טויט געבליבן מיט צוויי לעבעדיקע טעמפּעראַמענטפולע קינדער און מיט אַ קליינס ביי דער ברוסט, אַ קליינס וואָס האָט אויך געהאַט ר׳ לייבס כוחות און זיין אַפּעטיט קיין עין־הרע. פונדעסטוועגן קיין יידישע קינדער פאַרזיצן נישט, און מ׳קאָן נישט קיין אלמנה, אפילו ר׳ לייבס אלמנה, לאָזן זיצן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. שדכנים און אירע עלטערן האָבן זי אויסגעגעבן פאַר אַ וואַרשעווער גבירישן תלמיד־חכם, אַ שוואַכן קרענקלעכן ייד מיט אַ סך חסידישע מיחושן. דער ייד איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, אָן אָפּגעהיטענער גערער חסיד, נאָר נעבעך אַ שוואַכער מאַנספערשוין. דער ייד האָט נעבעך נישט געוואוסט מיט וואָסער גבורה דער זקן לייב קושמעראַק האָט אָנגעשטעקט די בתולה, זיין לעצט ווייב. אין ר׳ לייב קושמעראַקס בעט דאַרף נישט אַריינגיין אַבי ווער. דער גייסט פון ר׳ לייבס גוואַלדיקער פרוכטבאַרקייט האָט נאָך טויטער־הייט געווירקט אויף זיין אלמנה. און דער נייער מאַן, דער איידעלער קרענק־לעכער תלמיד־חכם האָט נעבעך נישט אויסגעהאַלטן ר׳ לייב קושמעראַקס שול, און עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט ער זיך אָפּגעטראָגן אויפן עולם־האמת. מיט וואָסער גרינגשעצונג און ביטול ר׳ לייב קושמעראַק האָט אים אָנגעקוקט אין ליכטיקן גן־עדן, שטעל איך מיר פאָר.

*

ווען אין זיינע רעזידענצן אין גלאַזנאָוו, איבער זיינע עופות און איבער זיינע שאַפעס מיט עסן, איבער זיינע ספרים, איבער זיין מקוה און זיינע סאַד־ביימער האָבן געשאַלטעט און געוואַלטעט ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און אַ פוס, ווען פון אַלע פענצטער דאָרט האָט געקלונגען

דאָס קול פון תורה, און אַלערליי פרומע און הייליקע יידן האָבן דאָרטן געלעבט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן, איז ר׳ יעקב ענגלמאַן אַ גאַנצע וואָך אַרומגעפאָרן איבער זיינע וועלדער, אָדער איבער די „הייף״ פון די פוילישע פריצים און מיט זיי געפירט זיינע וואַלד־מסחרים. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אפשר איבער אַ העלפט פון די וועלדער וואָס האָבן פינצטער גערוישט איבער דער פוילישער ערד האָט דער־גרייכט ר׳ יעקב ענגלמאַנס האַק. די עלטסטע און העכסטע ביימער זענען געפאַלן פאַר ר׳ יעקב ענגלמאַן. אין די טונקלסטע און אומהיימלעכסטע וועלדער האָט נאָך אַ סך צענדליקער און אפשר הונדערטער יאָרן צוריק אַריינגעלויכטן די גאָלדענע זון. און אַלץ אין זכות פון ר׳ יעקב ענגלמאַן. ווען ער איז אַליין געפאָרן מיט זיין קאַטש איבער די איינזאַמע פוילישע וועגן אָדער אין די ווערגלאָזע וועלדער, האָט ר׳ יעקב ענגלמאַן, ווען ער האָט נאָר געהאַט צייט, געלערנט גמרא אָדער פוסקים, מעיין געווען אין פלפול־ספרים. וואָרעם ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט מיט זיך מיטגענומען אין וועג אַריין אַ גאַנצע ספרים־שאַנק. די וועלדער האָבן גערוישט אין די האַרבסטיקע ווינטן, די רעגנס האָבן געפלאָסן אָדער די שנייען האָבן געשיט אין די וועלדער, ר׳ יעקב האָט קיינמאָל נישט געהערט דאָס ווילדע קול פון דער נאַטור. ער איז געזעסן טיף איינגעגנורעט אין זיין קאַטש, האָט געלערנט, און דער בעל־עגלה האָט געשמיסן די פערדלעך. ר׳ יעקב האָט נאָר מפסיק געווען ווען ער האָט געהאַט צוגויפצושטעלן די פונקטן פון אַן אָפּמאַך וואָס ער האָט געמאַכט מיט אַ פריץ בנוגע אַ וואַלד־קניה. ר׳ יעקבס אָפּמאַכן מיט די פריצים זענען געווען מייס־טערשטיק פון יורידישן פלפול, שטיקער שווערער מהרש״אַ, און זיי זענען געווען אַזוי סאָפיסטיש פאַרפּלאָנטערט אַז די בעסטע אַדוואָקאַטן אין פוילן האָבן זיך נישט געקאָנט דאָרט פונאַנדערפּלאָנטערן. אָפּמאַכן מיט פּשטלעך און מיט סעיפים אין וועלכע קיין זאַך האָט מען נישט געוואוסט אויף קלאָר. די גוישע מוחות האָבן עס גאָרנישט געקאָנט באַנעמען. פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזעלכע אָפּמאַכן האָבן זיך אויסגעלאָזט יאָרן־לאַנגע לאָדענישן אין די געריכטן. אויך די געריכטן האָבן זיך דאָרט נישט געקאָנט פונאַנדערפּלאָנטערן. און לאָדן זיך יאָרן־לאַנג, פאַרשפּילן און געווינען, אַלעמען האַלטן אין סאָפיסטישן שפּאַן איז געווען

די גרעסטע ליידנשאַפט פון ר׳ יעקב ענגלמאַנען. אַזוי אַרום האָבן זיך זיינע וועלדער פאַרבונדן מיט די בלעטער גמרא.

ס׳רוב פלעגט ר׳ יעקב ענגלמאַן אַהיימקומען קיין גלאַזנאָוו אויף שבת. די אַלערליי יידן וועלכע האָבן ביי אים געוואוינט און געגעסן און ר׳ יעקב האָט זיי צומאָל אַליין נישט געקאַנט, האָבן אַרומגערינגלט זיין קאַטש און פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט הענט און אָפּגעגעבן שלום־עליכם. ר׳ יעקב איז געווען פאַרשטויבט פון וועג, נישט אויסגעשלאָפן און נישט אויסגערוט, דער שאַרפער מוח האָט כסדר געאַרבעט, וואָרעם שטענדיק האָט ער געקויפט און געהאַקט וועלדער, און געלאָדן זיך אין די געריכטן מיט די פוילישע פריצים. באַלד ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין דער שטוב און גערעדט עטלעכע ווערטער צו זיין ווייב מינדל — זי האָט שוין פאַר אים געהאַט אַ קלאָר ווייס העמד לכבוד שבת — איז ר׳ יעקב ענגלמאַן געגאַנגען אין זיין שטאַרק אונטער־געהייצטער מקווה, וועלכע איז פּרייטיק פול געווען מיט כלערליי יידן. ר׳ יעקב האָט זיך קוים אַריינגעשטופּט צווישן די נאַקעטע יידן וואָס האָבן זיך געטובלט און געטונקען אין דער מקווה. קוים ער האָט זיך געקאָנט אונטערטונקען צווישן די פּיל באַפּיאותטע און באַבערדלטע קעפּ וואָס האָבן זיך געטונקען אונטערן וואַסער. ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט נאָך דער מקווה קוים געקאָנט געפינען זיין ווייס גביריש העמד צווישן די צעריסענע און געלאַטעטע העמדער וואָס זענען געלעגן אַרום אויף די שמוציקע און נאַסע מקווה־בענק. אין דער מקווה האָט היפּש געשטונקען. אַהיימקומענדיק צוריק אין זיין חדר האָט אים זיין ווייב מינדל דער־לאַנגט אַ היפּשע פּאַרציע געקאָכטע און געפּעפּערטע פיש מיט עטלעכע אייערקיכלעך. נאָכדעם ווי ר׳ יעקב ענגלמאַן האָט דערפון פאַרזוכט, וואָרעם ער איז געווען אַ קנאַפּער עסער און אַ קנאַפּער מבין אויף די אַלע גוטע מאכלים וואָס מינדל האָט נאָך געקאָכט לויט די רעצעפּטן פון ר׳ לייב קושמעראַקס קיך, האָט זיך ר׳ יעקב ענגלמאַן אָנגעטאָן די שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל און זיך אַוועקגעזעצט לערנען זוהר.

אויף זיינע פּיל זין און אידעמס האָט ער זיך נישט אומגעקוקט און זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גלאַזנאָוו צווישן די אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע יידן. די טעכטער האָט ער זעלטן ווען געזען. ר׳ יעקב האָט

זיך דערמאָנט וועגן אַ טאָגטער סיידן ווען ער האָט באַדאַרפט מיט איר טאָן אַ שידוך. דעם חשבון פון זיינע פיל קינדער האָט ר׳ יעקב געפירט אויף אַ ליידיק שער־בלאַט פון אַן אַלטן „חושן־משפט״, וואו זיי זענען אַלע געווען פאַרשריבן מיט זייערע מאַנען, ווייבער און קינדער, ווי אויך די דאַטעס פון זייער געבוירן.

אין די זומערדיקע דאָנערשטיקן האָבן אויף אַלע וועגן געצויגן בוידן מיט וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט צו ר׳ יעקבן נאָך גלאַזנאָוו אויף שבת. שוין פרייטיק באַגינען זענען די שייערס און די סטויגן לעבן ר׳ יעקבס „הויף״ פול געווען מיט יידישע בעטלערס. די לייווגטנע בוידן זענען געשטאַנען צווישן ר׳ יעקבס פורן און קאַטשן. די בעטלערישע ווייבער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין ר׳ יעקבס קי־שטאַלן און אַליין, ביי קיינעם נישט פרעגנדיק, געמאָלקן די קי אין זייערע ערדענע קריגן אַריין. אפילו די בלינדע קאַליקע פערדלעך פון די בעטלערישע בוידן זענען געוואָרן האָפערדיק אין גלאַזנאָוו, געהירזשעט מיט שנאָרערישער חוצפה, אַרומגעשפּרונגען אויפן גראָז, אָדער גאָר פרעך אַריינגעלאָמט אין ר׳ יעקבס פערד־שטאַלן, זיך אַריינגעשטופּט צווישן ר׳ יעקבס פערד און געגעסן פון זייערע קאָרעטעס. קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט. אפילו ר׳ יעקבס גויים האָבן גאָרנישט געזאָגט. הפקר. די קיך ביי ר׳ יעקבן אין „הויף״ איז פרייטיק פול געווען מיט יידישע בעטלערקעס, זיי האָבן גענומען וואָס זיי האָבן געוואָלט פון דער גרויסער שפע וואָס איז גאָרנישט געמינערט געוואָרן. חסידישע יידן וואָס זענען אַריינגעקומען אין ר׳ יעקבס קיך נאָך אַ גלעזל קאַווע אָדער טיי, אָדער זיך אָנרייכערן די ליולקעס ביי דער ברענענדיקער קיך, האָבן זיך קוים געקאָנט אַדורכשטופּן דורך די ווייבערישע בעטלערקעס וואָס מיט זייערע שמאַטעס האָבן זיי אָנגעפילט ר׳ יעקבס קיך מיט די ריחות פון פעלד און זון.

# קאַפּיטל צוואַנציק

דער סאָכאַטשעווער גאון. זיין יוגנט אין קאָצק. דער קאָצקער און ר׳ אברהמעלע. קאָצקער באַלעבאַטישקייט. דער יידישער פּראָפּינאַטאָר. דער ערל וואָס קויפט יידיש חמץ. דאָס רבל פאַרקויפט דעם בראָנפן נישט על־פּי דין. גיהנום־שרעקן. דעם פּראָפּינאַטאָר שטייט פאָר בדלות צו ווערן. נאָך קרושנעוויץ. אין אַ בריטשקע אויף די פרילינג־פעלדער. דער קרושנעוויצער גאון וויל ראַטעווען דעם ייד. דער תוספות לאָזט נישט. ר׳ יהושיעלע קוטנער איז מכשיר די חמצדיקע בראָנפנס. דער פּראָפּינאַטאָר עסט געגנזנס גאָר די גאונים האָבן פאַראיבל איינער אויפן אַנדערן.

פון די זייער חשובע געסט וואָס זענען אָנגעקומען אויף שבת־שבע־ברכות איז אויך געווען דער סאָכאַטשעווער גאון ר׳ אברהמעלע. דאַמאָלס איז ער נאָך געווען קרושנעוויצער רב.

לעבן ר׳ יהושיעלע קוטנער איז ר׳ אברהמעלע געווען דער צווייטער תלמודישער וועלט־אויטאָריטעט. ער איז געווען אַ סך ייִנגער פון ר׳ יהושיעלען און אַן אייִדעם פון קאָצקער רבין. שפּעטער איז ער אַליין געוואָרן רבי צוגלייך מיטן „שפת־אמת״.

וועגן זיין יוגנט זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס ווי וועגן דער יוגנט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער. ר׳ יהושיעלעס יוגנט איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פאָלקסטימלעכן אָרעאָל, צוליב זיין מוטער די מאַרק־שטייערין אין פּלאָצק, און צוליב דער גאַנצער סביבה וואו ר׳ יהושיעלע איז דערצויגן געוואָרן. ר׳ אברהמעלעס יוגנט איז פאַרפלאָסן אין אַ ריין רבנישער און גוט־ייִדישער אַטמאָספערע. זיין פאָטער איז געווען רב אין ביאַלע, אַ גדול און אַ שאַרפער קאָצקער חסיד. דאָס ייִנגל אברהמעלע האָט געשמט מיט גרויסער עילוישקייט און נישט קיין אַנדערער ווי אַזאַ מיזאַנטראָפּישער אינדיווידואַליסט ווי דער קאָצקער רבי — ער איז שוין דאַמאָלסט געזעסן צווישן זיינע מייז און פרעש — האָט אָנגעשלאָגן דעם ביאַלער רב, אַז ער וויל נעמען דעם שאַרפן עילוי פאַר אַן אייִדעם. דער קאָצקער רבי האָט געהאַט אַ צווילינג (צוויי טעכטער) פון זיין צווייט יונג ווייבל, ר׳ משה חלפנס טאָכטער פון וואַרשע, און פאַר איינע פון די צוויי טעכטער האָט ער גענומען דעם עילוי אברהמעלע פאַר אַ מאַן. נאָך דער חתונה האָט ר׳ אברהמעלע געגעסן קעסט ביים סאָמע קאָצקער און לגבי אים האָט דער קאָצקער משנה געווען אַ סך פון זיינע מיזאַנטראָפּישע גענג. אין קאָצקערס שטוב איז ר׳ אברהמעלע געזעסן טעג

און נעכט על התורה ועל העבודה. דער קאַצקער האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך האַלטן פונדערווייטנס פון די ליידיק־גייערישע חסידים און מער נישט טאָן נאָר עוסק זיין אין לערנען. אינמיטן ר׳ אברהמעלעס לערנען פלעגט דער קאַצקער אַפילו קומען אַריינצוטשאַפּטשען אין זיינע אַלטע אומגעלומפּערטע גרויסע לאַטשן און אין זיינע צעריסענע בגדים און טיילמאָל גאָר זיך אָוועקגעשטעלט ביים אויוון און צוגעהערט ר׳ אברהמעלעס תורה. עס איז כדאי דערמאָנט צו ווערן, אַז צווישן קאַצקערס שטוב — וואו מ׳האָט קיינמאָל נישט אויסגעקערט דעם דיל און נישט געעפנט קיין פענצטער, און וואו די גרויסע פעטע מייז און אויסגעפּאַ־שעטע העסלעכע פרעש זענען פריי און פראַנק אַרומגעגאַנגען און אַרומ־געשפּרונגען לעבן קאַצקער און געוואַרט ביי זיין טיש אויף די קרישקעס וועלכע ער האָט זיי צוגעוואָרפן שפּעט ביינאַכט — און צווישן די רעשט חדרים פון זיין דירה, וואו עס האָט געשאַלטעט די יונגע רביצן, האָט גע־הערשט אַ גרויסער תהום. אין דער קאַצקער באַלעבאַטישקייט האָט געהערשט אַ פשוטער און אַפילו גוט־בירגערלעכער שטייגער. מ׳האָט גוט געגעסן און געטרונקען און זיך היפּש אָנשטענדיק געקליידט. מ׳דערציילט אַ פאַקט, אַז ווען דער קאַצקער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו ר׳ אברהמעלען אין שטוב, געשטאַנען ביים אויוון און געהערט דעם עילוישן אידעם לערנען, איז אויך די רביצן, דעם קאַצקערס וויב, אַריינגעקומען אין חדר. דער קאַצקער רבי האָט זיך אינמיטן דערין אָנגערופן צו דער רביצן, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף מען דעם אויוון איבערשטעלן — הגם דעם אויוון האָט גאָרנישט געפעלט. — די רביצן האָט דעם קאַצקער גע־ענטפערט מיט די פאָלגנדיקע סאַרקאַסטישע ווערטער: „צו דיר באַדאַרף מען האָבן אַ לייכטן קאָפּ און אַ שווערן בייטל.״ ווי עס קוקט אויס, האָט די יונגע לעבנס־פריילעכע רביצן, ר׳ משה חלפנס טאָכטער פון וואַרשע, געהאַט גאָר קנאַפּ פאַרשטענדעניש פאַרן קאַצקערס אינדיווידואַליסטיש־מיזאַנטראָפּישע דרכים. דער קאַצקער האָט איר גאָרנישט געענטפערט און צוריק אַריין געטשאַפּטשעט אין זיין פאַרשלאָסענעם חדר צו די מייז און צו די פרעש. דער קאַצקער האָט, ווי עס שיינט, זייער ליב געהאַט זיין פרוי. בעת די פסחדיקע סדרים איז זי געזעסן מיט אים ביי איין טיש. אין יענע רבישע צייטן, און ביי אַזאַ מיזאַנטראָפּ ווי דער קאַצקער, איז דאָס געווען דער גרעסטער סימן פון צוגענייגטקייט.

איינמאָל איז ר׳ אברהמעלע, בכלל אַ גרויסער חלוש, זייער שווער קראַנק געוואָרן ביים קאָצקער אין הויז. ר׳ אברהמעלע איז כל ימיו געווען אַ לונגען־ליידנדיקער, און אין קאָצק האָט ער באַקומען אַ שווערן „בלוט־שטורץ״. אַלע האָבן געמיינט אַז ס׳עקט זיך מיט אים, און דאָס צוקונפטיקע גרויסע ליכט פון תורה וואָס גייט אַזוי וואונדערלעך אויף אין יונגן עילוי וועט פאַרלאָשן ווערן. מערקווערדיק, גראָד אין דעם זעלבן מאָמענט ווען דער טויט האָט געפאָכעט איבער ר׳ אברהמעלעס בעט האָט דער קאָצקער אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט צום שווער קראַנקן געליבטן איידעם. ווען ס׳האָט מיט ר׳ אברהמעלען געהאַלטן זייער שלעכט איז ר׳ אברהמעלעס פאָטער, דער ביאַלער רב, אַריינגעגאַנגען צום קאָצקער, אַז ער זאָל אַלצדינג טאָן מיט זיינע תפילות כדי אָפּצוראַטעווען דעם גרויסן עילוי. דער ביאַלער רב האָט נישט פאַרגעסן דעם קאָצקער צו דערמאָנען ר׳ אברהמעלעס גרויסע זכותים און אַז ער זיצט יומם ולילה און לערנט. „ער לעלעט״ האָט אים סאַרקאַסטיש נאָכגעשפּעט דער קאָצקער. עס האָט אויך געהערט צו די ווידערשפּרוכן אין דעם מיזאַנטראָפּישן אינדיווידואַליזם פון קאָצקער.

נאָכן קאָצקערס טויט איז ר׳ אברהמעלע געפאָרן צו צוויי גוטע־יידן וואָס האָבן „געפירט״ נאָכן קאָצקער, צום גערער „חידושי הרים״ און צו ר׳ הענעכן פון אַלעקסאַנדער. נאָך ר׳ הענעכן ווען עס האָט אָנגעהויבן צו פירן דער „שפת אמת״, האָבן זיך אַ טייל פון די אַלטע קאָצקער חסידים אָפּגעריסן פון דער מאַסע און געמאַכט ר׳ אברהמעלען פאַר רבי.

אָבער נישט אין דער רבישקייט האָט געשטעקט זיין אויטאָריטעט. אַלס רבי האָט ר׳ אברהמעלע אין פוילן נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל. דערפאַר איז זיין רום געוואַקסן אַלס וועלט־גאון און ער האָט אין דער דאָזיקער הערארכיע פאַרנומען אַן אָרט לעבן ר׳ יהושיעלע קוטנער.

די דאָזיקע צוויי וועלט־גאונים אין פוילן — הגם דאָס שטעטל קרושנעוויץ וואו ר׳ אברהמעלע איז געווען רב, איז געווען אַ שטעטל נישט ווייט פון קוטנע — האָבן פונדעסטוועגן זיך זעלטן ווען געזען. גאונים האַלטן נישט פון פאָרן און פראַווען „געסט״, זיי זענען פאַרטאָן געווען אין זייערע ספרים און האָבן קאָרעספּאָנדירט צווישן זיך אין גרויסע שאלות ותשובות וואָס זענען באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער רבנישער וועלט.

סיי ר׳ יהושיעלע סיי ר׳ אברהמעלע האָבן איינער פון אַנדערן שטאַרק געהאַלטן, און זיי זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, פריינט פונדערווייטנס. ווארעם יעדער האָט אויף זיין אופן פאַרנומען אַן אויבן־אָן אין ים־התלמוד און זיי האָבן זיך נאָר צוזאַמענגעטראָפן אין גרויסן פלפוליסטישן געפעכט. בריוולעך פאַרשטייט זיך. איין מאָל אָבער איז צווישן די דאָזיקע צווי גאונים אַדורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. כלערליי חונפים און חסידישע טעלערלעקערס האָבן געפּרואווט דעם אינצידענט צו פאַרטיפן אין אַ מחלוקה און אַ היפּשע צייט האָט צווישן ר׳ יהושיעלען און ר׳ אברהמעלע קרושנעוויצער געהערשט אַזוינס ווי איבערגעריסענע באַציאונגען, הגם אויך ברוגזערהייט האָט זיך איינער שטאַרק אינטערעסירט מיטן אַנדערנס חידושי־תורה.

דער אינצידענט איז אַרויסגעקומען איבער די פאָלגנדיקע געשע־ענישן, און ער גיט אונדז צוגלייך אַ פאַרביק בילד פון די דאַמאָלסדיקע יידישלעכע צושטאַנדן אין פוילן.

אין גאָר אַ קליין שטעטעלע נישט ווייט פון קרושנעוויץ האָט גע־וואוינט אַ יידישער פּראָפּינאַטאָר. ער האָט געהאַט גרויסע פולע סקלאַ־דעס מיט בראַנפן און פלעגט דעם בראַנפן פאַרקויפן צו אַלע קרעטשמעס אין די סביבהדיקע דערפער. דערין האָט געשטעקט זיין גאַנץ פאַר־מעגן. ער איז געווען אַ פראָסטער ייד, אַ האַלבער ישובניק ווי אַלע פּראָ־פּינאַטאָרס אין פוילן. פאַר פסח פלעגט דער רב פון שטעטל פאַר אים מאַכן אַ שטר־מכירה. דער גאַנצער בראַנפן אין אַלע סקלאַדעס איז לויטן שטר־מכירה פאַרקויפט געוואָרן צו אַן אַלטן לאָמען גוי. דער גוי האָט יאָרן לאַנג יאָר ביי יאָר געהערט לייענען פון רב דעם לשון־קודשדיקן שטר־מכירה. אַלע ערב פסח אין דער פרי איז דער ערל אַריינגעקומען צום רב שוין היפּש בגילופן שכורלעך לכבוד דעם פּיקטיון זשידאָווסקן קויף. צוליב דעם גרויסן אַקט פלעגט זיך דער רב אָנטאָן די זיידענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל; זיך אַרומגעגאַרטלט מיטן שבתדיקן זיידענעם גאַרטל, געשאָקלט זיך אין שכורן גוי אַריין ווי ער וואָלט אין אים אַריינגעדאַוונט, און הויך אויפן קול, מיט אַ גמרא־ניגון, איבערגעלייענט דעם לאַנגן לומדישן כתב. דער גוי האָט שכור צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, גענומען עטלעכע קערבלעך, אַוועק אין אַ שענק, גענומען פונדאַסניי דעם ביטערן טראָפּן און איינגעשלאָפן אין דער פסחדיקער בלאָטע פון שטעטל. אַזוי

האָט זיך געפירט כמה יאָרן, און דער ישובניק איז געווען זיכער אַז דער רב האָט שוין אַלץ געמאַכט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איינמאָל, עס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פסח, האָט דער רב זיך דערמאָנט, אַז דאָס יאָר האָט ער נישט ריכטיק אויפגעשריבן דעם שטר־מכירה, און דער גאַנצער פיקטיווער פאַרקויף צום לאָמען שיכורן ערל איז נישט געמאַכט געוואָרן על פי דין. דאָס אָרעמע קליינשטעטל־דיקע רבל איז אויפגעציטערט געוואָרן ביי דעם דאָזיקן געדאַנק, און דער קאַלטער שוויס איז אים גערונען פון אונטער דער יאַרמלקע. איין קליינינקייט! דער רייכער פּראָפּינאַטאָר שלאָפט איצט רואיק אין זיין בעט און חלומט וועגן די טויזנטער וואָס זיינע סקלאַדעס בראָנפן וועלן אים ברענגען, און סך־הכל — איז ער, דער גביר, דורך איין נאַכט געוואָרן אַ בעטלער, און אַלץ צוליב אים, דעם שלימזלדיקן רב צו וועלכן דער פּראָסטער ייד האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. דורך דעם גרייזיקן שטר־מכירה זענען אַלע די סקלאַדעס וואָס זענען פול מיט הונדערטער פעסער בראָנפן חמץ שעבר עליו הפסח און מ'טאָר זיי נישט פאַרקויפן און פון זיי נישט די מינדסטע הנאה האָבן, נאָר פשוט עפענען די צאַפּנס און דעם גאַנצן בראָנפן לאָזן טייכנווייז אויספליסן אין די שטעטלדיקע בלאָטעס. אפילו קיין גוי טאָר מען נישט צולאָזן צו די טייכן בראָנפן וואָס וועלן פליסן, וואָרעם טאָמער נעמט זיך דער גוי פון גרויס התפעלות אַראָפּ דאָס היטל פאַרן אומגליקלעכן פּראָפּינאַטאָר און זאָגט אים אַ שיינעם דאַנק, דאַן האָט דער פּראָפּינאַטאָר אַ שטיקל הנאה — מישטיינס געזאָגט אַ דאַנק פון אַ שכורן ערל — פון זיינע פליסנדיקע בראָנפנס און פון חמץ שעבר עליו הפסח טאָר מען נישט קיין הנאה האָבן. דאָס בלאָסע דערשראָקענע רבל האָט געזען ווי די גאַנצע אומ־ברחמנותדיקע שטרענגקייט פון יידישן דין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פונעם רייכן פּראָפּינאַטאָר וואָס אַנט נאָך דערווייל נישט פון דער פינצטערער איוב־בשורה. נישט זאָגן און באַהאַלטן דעם ביטערן סוד, איז דאַמאָלס די ערלעכע פרומקייט געווען זייער שטאַרק ביי פּוילישע ייִדן, און בלויז פאַר דעם בליץ פון דעם זינדיקן געדאַנק וואָס האָט אויף אַ רגע אויפגעלויכטן אין מוח פון רבל נעבעך, האָט ער שוין געזען ווי דאָס גאַנצע גיהנום איז אָפן פאַר זיינע פיס און די אייביקע פייערן פלאַקערן און לעכצן אים צו פאַרשלינגען און אים צו בראָטן מיליאָנען

און מיליאָנען פון יאָרן. די מלאכי־חבלה באַלעקן זיך שוין פון גרויס תענוג אַרויפצוכאַפּן אויף זייערע לאַפּעטעס אַ זינדיקן רב און מיט אים צו לערנען דעם אמתן גיהנמשן בלק. דער רב האָט שוין געזען ווי די אויגן פינקלען ביים אַשמדאַי אַליין און לילית פּרעגלט זיך אין גרויס תענוג. אַ קלייניקייט! אַ רב אַ חוטא ומחטיא את הרבים. איך גלייב נישט אַז דעם רב איז אפילו איינגעפאַלן נישט צו זאָגן. די פעסער בראָנפן פון חמץ שעבר עליו הפסח וואָס זענען אסור בהנאה, אַזאַ טריפהנע טומאה שטעקט אין זיי, אַז אפילו אָט אַ די זינדיקע פעסער עפענען זיך (אין רבס דמיון) פאַר אים און בעטן זיך רחמים: גיס אונדז אַרויס אין דער בלאָטע, מיר זענען אומריין, און מיר ווילן נישט חס ושלום מכשיל זיין אַ וועלט מיט יידן.

חוטא ומחטיא את הרבים. ירבעם בן נבט. קאָן חס ושלום אַ יידי־שער רב זיין אַ ירבעם בן נבט? דעם רבס דינע נאָזלעכער, די נאָז־לעכער פון אַ ייד אַ חלוש, האָבן געשמעקט אַלע סמאַלעס פון גיהנום.

אַ בלאַסער און אַ דערציטערטער פון שרעק און פון שלאָפלאָזער נאַכט און אויך פון גרויס מורא פאַרן רייכן פּראָסטן פּראָפּינאַטאָר וואָס איז אַ ייד אַ גבר, אַ כעסן, און ווער ווייס וואָס ער וועט אים טאָן, האָט דאָס רבל נעבעך, צומאַרגנס, אסרו חג של פסח, קוים אויף זיך אַרויפ־געכאַפּט דעם אויסגעקראַכענעם קאַלפּאַק מיט דער אויסגעדריבלטער זייי־דענער בעקעשע, גענומען אין דער האַנט אַריין דעם שטעקן מיטן ביינער־נעם קנאָפּ, געקושט מיט גרויס פרומקייט די מזוזה, אַ זיפץ געטאָן, און מיט ציטערדיקע קניען זיך אַוועקגעלאָזט צום פּראָפּינאַטאָר.

שטעטל האָט זיך אפילו געוואונדערט, וואָס טוט דער רב אַזוי פרי אויפן מאַרק, דערצו נאָך אָן אַ משמש? נאָר גאָרנישט, אפשר די מקווה פּסול געוואָרן. מאַלע וואָס ס׳קאָן זיך טרעפן.

דער רב האָט שטיל אָנגעקלאַפּט ביים פּראָפּינאַטאָרס טיר.

געעפנט האָט אים דער גביר אַליין. ער איז ערשט געווען נאָכן ערשטן חמצדיקן אָנבייטן. די בעקלעך זענען אים רויט געווען פון דער שיסל חמצדיקן קרויט־באָרשט, דאָס פרישע היימישע ברויט מיט פּוטער און קעז האָט אים באַזונדערס געשמעקט נאָך דער טרוקענער האַרטער מצה וואָס ער האָט נעבעך געמוזט גריזשען גאַנצע אַכט טעג, ער האָט אַקערשט גענומען אַ כוסה פון די חמצדיקע בראָנפנס פון זיינע אָנגע־

פילטע סקלאַדעס. דער פּראָפּינאַטאָר איז געווען גאָר שטאַרק אויפגע־ליגט און געוואַרט אויף זיין ברישקע מיט די שאַרפע צוויי שוואַרצע איינגעשפּאַנטע פערד. מחמת ער האָט בדעה געהאַט אָוועקצופאָרן צו אַ גאָענטן פריץ. דערזען פלוצעם אינמיטן דערין דעם רב ביי דער טיר, האָט זיך דער ישובניק שטאַרק פאַרחידושט. ער האָט פונדעסטוועגן גע־וואָלט דעם רב אָפּגעבן אַ ברייטן ברוך הבא, נאָר דאָס וואָרט איז אים שטעקן געבליבן אין האַלדז. ער האָט דעם רב כמעט נישט דערקענט. דער רב, שוואַרץ ווי ערד, איז געשטאַנען אַ טויטער אויף דער שוועל, ער האָט געציטערט אינגאַנצן —

— אַן אומגליק, ר׳ יאַנקל (דער פּראָפּינאַטאָר האָט געהייסן ר׳ יאַנקל).

— וואָסער אומגליק? האָט דער פּראָפּינאַטאָר געפרעגט. ער האָט אויך געפילט ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך אים אָפּגעשטעלט אין אומהיימלעכער אַנונג.

— אַן אומגליק. איר זענט בדלות, ר׳ יאַנקל. איר זענט פולשטענ־דיק בדלות. איר זענט אַ נאַקעטער אָרעמאַן.

דער פּראָפּינאַטאָר האָט געפינטלט מיט די אויגן און געקוקט אויפן רב וואָס איז אַלץ כסדר געשטאַנען אויף דער שוועל און האָט געציטערט. אפילו די באָרד און די פיאות האָבן ביים רב געציטערט, און ער, דער רב, האָט זיך קוים געהאַלטן אָנגעלענט אויפן חשובן רבנישן שטעקן. דער פּראָפּינאַטאָר האָט נישט באַנומען. וואָס הייסט בדלות? ווי אַזוי בדלות? דער ערשטער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: אַ שריפה. אָבער ווי אַזוי אַ שריפה? און אויב אַ שריפה פאַרוואָס קלינגען נישט די גלאָקן אין שטעטל? און גראָד עפּעס דער רב קומט צו לויפן?...

— בדלות. חמץ שעבר עליו הפסח, האָט דער רב אויסגעשריגן ווי נישט מיט זיין קול, און נאָך אויף דער שוועל האָט ער אויסגעמאָלט פאַרן פּראָפּינאַטאָר די גאַנצע גרייס פון דעם אומגליק.

דער ערשטער געדאַנק ביי דעם פּראָפּינאַטאָר, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך דאָ, איז געווען אַריינצוכאַפּן דעם רב אין זיינע געזונטע הענט אַריין, הענט וואָס זענען געוואוינט געווען זיך צו שלאָגן מיט פויערים, אָדער צו שלעפּן גרויסע פעסער מיט בראָנפן, און צערייבן דאָס רבל אין זיינע הענט אויף שטויב און אויף

אַש. דעם פּראָפּינאַטאָרס אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און דאָס בלוט האָט געברענט ווי דאָס פייער פון גיהנום. דער רב איז זיכער געווען אַז ס'איז געקומען זיין לעצטע שעה, און ציטערנדיק אינגאַנצן פאַר שרעק און פאַרצווייפלונג האָט ער פונדעסטוועגן געדענקט אַז מ'מוז זאָגן ווידוי. דער פּראָפּינאַטאָר האָט אַ הייב אויף געטאָן אויף אים זיינע געזונטע באַהאָרטע הענט און ווילד אַ רעווע געטאָן ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה. נאָר דעם פּראָפּינאַטאָרס הענט זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן און זיך נישט אַראָפּגעלאָזט אויפן רבנישן קאָלפּאַק. ערשטנס, האָט דער געזונטער ייד באַקומען עפּעס ווי אַ ווידערווילן צו דעם איינגעקאָרטשעטן האַלב טויטן רבל וואָס האָט געפּלאָטערט אונטער זיינע אויפגעהויבענע הענט, צוגעמאַכט די אויגן, און די באָרד און די פּיאות זענען אים געווען פאַרקלעפּט אין קאַלטן שווייס און פון זיך אַרויסגעגעבן אַן אומאָנגענעמען ריח. צווייטנס, האָט ער געוואוסט אַז אַן דעם דאָזיקן רב וועט ער, דער פּראָפּינאַטאָר, בלייבן גאָר אַ הילפלאָזער און זיך בכלל נישט קאָנען אויסגעפינען אין די טיפע מוראדיקע אָפּגרונטן פון געקריוודעטער יידישער פרומקייט אין וועלכע ער האָט זיך איצטער אַריינבאַקומען. ער האָט זיך באַהערשט מיט דער אינערלעכער גבורה פון אַ פּראָסטן געזונטן ייד און אַ פרעג געטאָן דעם רב:

— וואָס איז דאָ צו טאָן?

— מ'מוז פאָרן נאָך קרושנעוויץ. נאָר ער, דער קרושנעוויצער גאון קאָן דאָ אפשר געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

פון הינטער דעם פּראָפּינאַטאָרס פענצטער האָט זיך געהערט דאָס שאַרפע אָנפאָרן פון דער האָפּעדריקער בריטשקע וואָס האָט דעם פּראָפּינאַטאָר געזאָלט פירן צום רייכן שכנישן פּריץ.

דער פּראָפּינאַטאָר האָט קוים אַ כאַפּ אַרויף געטאָן אויף זיך דעם פּאַלטן, ער האָט דעם רב אַ נעם אָן געטאָן ביים ברייטן קאָלנער פון דער צעדריבלטער יידענער בעקעשע, און אים לייכט אַ שלעפּ געגעבן פאַרויס.

די צוויי יונגע שלאַנקע קאַרע פערד זיינען קוים איינגעשטאַנען איינגעשפּאַנטע אין דער בריטשקע, זיי האָבן געוואָרפן מיט די פעסטע באַגזשיוועטע קעפּ און געקאָפּעט די ערד.

דער פּראָפּינאַטאָר איז אַרויף אויף דער בריטשקע און מיט זיינע הענט כמעט ווי נאָך זיך נאָכגעשלעפּט דעם רב. און ווען די בריטשקע האָט

אַ ריס אויס געגעבן האָט דער פּראָפּינאַטאָר אַ געשריי געטאָן צום פורמאַן ווי ער וואָלט צו אים געוואָלט אויסלאָזן זיין גרויסן איבערלעבן וויטיק:

— קיין קרושנעוויץ, דאַ ראַבינאַ!

אַ גאַנצן וועג האָט דער פּראָפּינאַטאָר נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און האָט טיף געשוויגן... אויך דער רב האָט געשוויגן און איז געזעסן ווי איינגעטוליעט אין זיין צעדריבלטער זיידענער בעקעשע. די פעלדער האָבן געשמעקט מיט נאָך־פּסח־צייט. די הימלען האָבן מילד געלויכטן. די ערד האָט זיך שוין באַדעקט מיט יונגן גראָז און מיט די ערשטע געלע פריילינג־בלימלעך. יונגע גענדזלעך און קאַטשקעלעך האָבן זיך געשפּילט ביי די געטאַיעטע וואַסערן. דאָס שטילע פרידלעכע גליק פון דער דער־וואַכטער וועלט האָט נאָך מער פאַראומערט דאָס געמיט פון פּראָפּינאַטאָר און ער האָט געגלייבט, אַז ער דערקענט גאַרנישט די פעלדער איבער וועלכע זיין ברישקע מיט די קאַרע פערד האָט אים תמיד געטראָגן אַ פריילעכן און אַ צופרידענעם.

אין קרושנעוויץ זענען זיי באַלד פאַרפאָרן צו ר׳ אברהמעלען.

ר׳ אברהמעלע איז געזעסן צווישן זיינע ספרים און הויך געלערנט. ער האָט נישט גערייכערט קיין ליולקע, מחמת ר׳ אברהמעלע האָט נאָך פון דער יוגנט אָן געהאַט שוואַכע לונגען און זיך כסדר געדאָקטערט. דער פּראָפּינאַטאָר מיטן רב האָבן האַסטיק אויפגעריסן ר׳ אברהמעלעס טיר און צומאָל נישט געוואַרט אויפן משמש ער זאָל זיך פריער אָנפרעגן צי ר׳ אברהמעלע קאָן איצטער מפסיק זיין פון לערנען און אָננעמען. דער חלוש ר׳ אברהמעלע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער גמרא, און דערזעענדיק די אָנגסטיקע פּנימער פון די צוויי ייִדן ביי דער טיר, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין רבנישער לעדערנער שטול, צוגעגאַנגען צו דער טיר.

דעם פּראָפּינאַטאָרס רבל האָט נישט געוואַרט אַז ר׳ אברהמעלע זאָל אים עפּעס פרעגן און האָט גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן וואָס עס גייט. ער האָט צו ר׳ אברהמעלען גערעדט מיט אַלע טערמינען פון דער הלכה, און דעם גאַנצן אַהין און צוריק פון דעם שווערן פּראָבלעם.

דער פּראָפּינאַטאָר איז געשטאַנען ביי דער טיר אין זיין גאַנצער מאַסיווער שווערקייט. די פרעמדע שטעכעדיקע לשון־קודשדיקע ווערטער זענען אַרויסגעפלויגן פון רבס ציטערדיקן מויל — ער האָט געפילט,

דער פֿראָסטער ייִד, אַז אין זייער עקזאַטישער און שאַרפֿער פֿאַרכצומקייט שניידן זי אין זיך גענמיט ווי שאַרפֿע בייזע מעסערס, און אין זייערע קלאַנגען איז פֿאַר אים נישט איינגעהילט קיין גוטס. ער האָט זיך דאָ פֿאַרפֿלאָנטערט, צוליב דעם רבס שולד, אין אַ שטעכעדיקן ווירזואַר פֿון הימל־ענינים, וואָס זיינען פֿאַר אים אי פֿרעמד, אי שאַרף, אי אומהיימלעך.

דער קרושנעוויצער רב איז געוואָרן שטאַרק צערודערט פֿון דעם וואָס דאָס רבל האָט אים דערציילט און פֿון דער גרויסער רואינע וואָס עס דראָט דעם אומשולדיקן רייכן ייִד. שוין לויט דעם קוק וואָס דער קרושנעוויצער האָט אויף אים געטאָן האָט דער פּראָפּינאַטאָר דערפֿילט אַז זיין עסק שטייט ביטער און אַז דאָ איז נישטאָ קיין רחמנות נאָר בלויז דין און געזעץ. דער קרושנעוויצער רב האָט אָנגעהויבן מיט זיינע הענט־לעך אַרויסצושלעפּן גרויסע ביכיקע ספרים פֿון דעם ספרים־אַלמער, ספרים און ספרים. ער האָט די ספרים צעלייגט אויפֿן טיש, געמישט און געבלעטערט, געלייענט, גענישטערט, געזוכט. דאַן איז ער ווידער נערוועז אַרומגעלאָפֿן איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט געזוכט אין זיינע געדאַנקען אַן אויסוועג און קאָן נישט געפֿינען. דאַן האָט ער פֿונדאַסניי אַנדערע ספרים אַרויסגעשלעפּט פֿון דעם אַלמער. דער טיש האָט זיך כמעט ווי געבראָכן אונטער דער לאַסט פֿון די אָנגעהויפֿנטע ספרים. דער קרוש־נעוויצער רב האָט געלייענט, געבלעטערט און געמישט, און ווידער פֿונ־דאַסניי אַרומגעלאָפֿן איבער דער בית־דין־שטוב.

דאָס רבל איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויפֿן פּראָפּינאַטאָר. דעם פּראָפּינאַטאָרס פּנים איז געוועזן פֿאַרשטיינערט ווי איינער וואָס וואַרט אויפֿן טויט־אורטייל. אַלע האָבן געזען בחוש, אַז דער קרושנעוויצער רב פֿירט אַ העלדישן קאַמף מיט די דינים. און ס'איז נישט גוט. די דינים לאָזן נישט אָפּ דעם אומגליקלעכן ייִד, זיי ווילן פֿון אים מאַכן אַ תל־עולם.

דער קרושנעוויצער רב האָט מיטאַמאָל צוגעמאַכט די אַלע גרויסע ספרים וואָס זענען געלעגן פֿונאַנדערגעמישטע אויפֿן טיש. ער האָט שווער אָפּגעזיפֿצט און צוגעגאַנגען צו דעם פֿרעמדן רבל.

ס'איז נישט גוט, האָט ר' אברהמעלע נעבעך געקרעכצט. פֿאָלגט מיך, פֿאָרט נאָך קוטנע צו ר' יהושיעלען. נאָר דאָ האָט ער פּלוצעם צו־

געגעבן מיט דער הארבער שארפקייט פון א למדן — אויב ר׳ יהושיעלע וועט זאגן, אז ס׳איז כשר, טא זאגט אים דעם און דעם תוספות.

דער פראפייאטאר האט געפילט בחוש, אז דער גרעסטער און בייז־סטער מלאך־המות זיינער איז אט דער תוספות. אז אלע יענע דיקע ספרים האבן זיך שוין געוואקלט אונטערן כוח פון קרושנעוויצער רב און האבן שוין געהאלטן דערביי ווי עס איז דעם אומגליקלעכן ייד ארויסצולאזן פון זייערע הענט. דער תוספות אבער איז איינגעשפארט און לאזט זיך נישט איינבייסן.

דער פראפינאטאר מיטן רבל זענען אין גרויס איילעניש אוועקגע־פארן קיין קוטנע.

דעם פראפינאטארס רבל האט ר׳ יהושיעלען פונדאסניי אלצדינג דערציילט, און איידער דאס רבל האט נאך פארענדיקט, האט ר׳ יהושיעלע צומאל נישט נאכגעקוקט אין קיין שום ספר, ער האט גלייך אויפן ארט געזאגט, ס׳איז כשר.

דער פראפינאטאר האט געוואלט אויפשרייען פאר שמחה און פאלן ר׳ יהושיעלען צו די פיס, נאר זיין רבל האט עפעס אנגעהויבן צו מאכן מיט די ליפן. דער פראפינאטאר האט געוואוסט, אז דאס פארנעמט זיך יענער שוידערלעכער תוספות זיך ארויסצוקייקלען פונעם רבלס לעפצן, און ער, דער הארטנעקיקער און בייזער תוספות, דער מלאך־המות זיינער, וועט אויך דא אין ר׳ יהושיעלעס שטוב נישט ארויסלאזן דעם חלף פון דער האנט.

דאס רבל איז נאך בלאסער געווארן, אנגסטן שווייס זענען אים ארויסגעטרעטן אויפן שטערן, ער האט מורא געהאט צו קוקן אויפן פראפינאטאר. אין זיינע גאזלעכער האט ער ווידער געשפירט די סמאלעס פון גיהנום ווען ער וועט אויס מורא פארן פראפינאטאר, חס ושלום פאר־הוילן פאר ר׳ יהושיעלען דאס וואס דער קרושנעוויצער רב האט צו אים באפוילן, און ער האט מיט גרויס ציטערניש ארויסגעשטאמלט דעם תוספות.

ר׳ יהושיעלע האט נישט ארויסגעוויזן די מינדסטע התפעלות, און האט אויף אין דער געשווינד געטאן א זאג:

— וואָס מיינט דער קרושנעוויצער רב אַז איך ווייס נישט פון דעם תוספות? איך ווייס פון דעם תוספות, נאָר גאָרנישט. דער בראָנפן איז כשר וישר.

וואָס ס׳האָט זיך שפּעטער געטאָן ביים גליקלעכן פּראָפּינאַטאָר, פון די גרויסע סעודות, מיט די פעטע געבראָטענע גענדז און מיט משקה וואָס מ׳האָט געפּראָוועט לכבוד דעם גרויסן נס, וויל איך דאָ נישט דערציילן. דערפאַר איז אַדורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צווישן די צוויי גאונים פון פּוילן. פרומע לומדישע רכילותניקעס האָבן דערציילט ר׳ אברהמעלען פון קרושנעוויץ, אַז ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט זיך דאָן וועגן אים גרינג־שעציק אויסגעדריקט. תלמידי־חכמים, ווי בכלל גייסטיקע מענטשן, זענען זייער שטאַרק עמפּינדלעך ווען מען רירט אָן זייער ווערדע. די מעשה מיטן פּראָפּינאַטאָרס בראָנפן וועלכן ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט איינס צוויי דריי מכשיר געווען אָן גרויסע פּלפּולים און קאָפּ־ברעכענישן האָט געקלונגען איבער פּוילן. אָבער צוגלייך האָבן זיך פאַרביטערט די שטימונגען צווישן די צוויי תורה־רעזידענצן — קוטנע און קרושנעוויץ.

מ׳מוז צוגעבן אַז די צוויי גאונים האָבן זייערע פאַרדרוסן געהאַלטן זייער דיסקרעט און באַהאַנדלט איינער דעם אַנדערן מיט גרויס כבוד און צאַרטקייט. שטענדיק האָבן זיי זיך געוואָלט איבערבעטן און געזוכט דערצו יעדע געלעגנהייט. לומדישע קאָכלעפל האָבן אונטערגעצונדן אַלע מאָל די פייערן פון רכילות. ענדלעך אָבער פאַר מיין טאַטנס חתונה איז געשלאָסן געוואָרן דער גרויסער שלום, און דער קרושנעוויצער רב, דער גאון ר׳ אברהמעלע, איז דעמאָנסטראַטיוו געקומען אויף דער חתונה.

# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

סימכע גייגע גייט צו די רביצנס. שבעלע פּריוועס אויבן־אָן צווישן די מחותנתטעס. די בריליאַנטן אין שבעלעס אויערן. סימכע גייגע פאַרלירט דעם מוט. די פּריוועסעס. סימכע גייגע אויף די ביינאַכטיקע פעלדער. גוט־שבת, שבעלע פּריוועס! סימכע גייגע קאָן נישט שלאָפן ביינאַכט. שבת אין דער פרי אויף סימכע גייגעס הויף. סימכע גייגע גייט אָנטרינקען זיינע בהמות. דאָס פאַרשייטע ביקל. דער חורבן פון דער יידענער קאַפּאָטע. דאָס גרויסע געוויין פון סימכע גייגע.

שבת פאַרטאָג, כלחוך השור, נאָכדעם ווי די הענער האָבן געקריט, האָט זיך סימכע גייגע געפּעדערט אויפצושטיין און אַרויסצוקריכן פון בעט. ער האָט געוואוסט, אַז היינט, שבת־שבע־ברכות, וועט זיין דער קולימי־נאַציע־פּונקט פון דער גרויסער חתונה, און דאָס גרויסע חשיבות, וואָס ער וועט היינט איבערלעבן וועט איבערשטייגן אַלץ וואָס ער האָט איבער־געלעבט זינט ער איז מיטגעפאָרן נאָך דער וויפּראַווע (אויסשטייער) קיין וואַרשע, אומעטום מיטגעגאַנגען מיט דער באָבע לאה און געגעסן די עסנס ביי העקסלמאַנען אין רעסטאָראַציע. סימכע גייגע האָט זיך געהאַט שטאַרק צוגעוווינט צו כלערליי רביצנס, אַז ער האָט זיך שוין כמעט געפילט ווי אַ שטיק פון דער רבנישער משפחה, הגם די רבנים האָט ער אומהיימלעך געמיטן, קודם־כל איבער דעם פלינקן רעדן זייערן, איבער דעם פעפערדיקן ריח פון זייערע שטריימלעך, און איבער די ווילדע לשון־קודשדיקע ווערטער וואָס האָבן אים געשטאָכן אין די אויערן ווי שפּיציקע דערנער. צווייטנס האָט ער נישט געהאַט קיין חן ביי הירשל נאמן אין די אויגן. הירשל נאמן האָט אים געטריבן מיט ביטול. ער, סימכע גייגע, האָט אויך נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם ריח פון הירשל נאמנס קאַפּאָטעס. סימכע גייגע האָט ביי זיך באַשלאָסן נאָר צו האַלטן זיך ביי די רביצנס, וואו ער האָט געהאַט אַנזען. און סימכע גייגע איז געווען צופרידן. זיין ווייב שרה בינען איז עס נישט אַרויסגעקומען צום געזונט. זי האָט נעבעך נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן דער זיסער יחוס־שפּילקע וואָס שטעכט איר אַלטן סימכען. אין איר קעגנוואַרט איז ער געוואָרן אויפגערעגט, געגלאָצט אויף איר מיט זיינע רויטע אויסגע־שטעלטע אויגן, געשריגן אָן שום סיבה, און געשאָלטן מיט די גרעבסטע פוי־ערישע קללות.

נעכטן פרייטיק־צו־נאַכטס צו שבע־ברכות האָט ער געפילט ווי ער גייט ווידער אַמאָל אַרויף מיט הונדערט שטאַפּלען אויף די זיסע אומזע־

באַרע לייטער, און דאָס נעמלעך איבער ר׳ ישעיה פריוועסעס וויב, די גבירטע שבעלע.

צו סימכע גייגעס אויערן קיין אַסמאַלין, נאָך דאָן ווען ער האָט נישט מער געוואוסט ווי פעלד, פערד און קו, האָבן דערגרייכט די שמועות וועגן דעם ידישן מאַגנאַט ר׳ ישעיה פריוועס פון וואַרשע, — אָבער די דיסטאַנץ צווישן סימכע גייגען הינטער דעם אַקער־אייזן אָדער גאָר אין די שטאַלן פון זיינע בהמות און ר׳ ישעיה פריוועסן פון וואַרשע איז געווען אַזוי וויט, אַז טיפער ווי אויבנאויפיק אין די אויערן אַריין איז עס סימכען נישט אַריינגעגאַנגען. אפילו זייענדיק אין וואַרשע וועגן דעם כלה־אויסשטייער איז ער פאַרנומען געווען מיט דער באָבע לאה, מיט דעם זידנס אין די קראָמען און מיט העקסלמאַנס רעסטאָראַציע. ווען ער האָט אויך אָפטער געהערט רעדן פון ר׳ ישעיה פריוועסן אין די גרויסע שניט־קראָמען אויף די נאַלעווקעס, צי גאָר ביי אַ שניידערין, וואָס האָט זיך גערימט פאַר דער באָבע לאה אַז זי האָט אַמאָל גענייט אַ קלייד פאַר עמעצן פון דער משפחה פריוועס, צי אפילו ווען סימכע גייגע איז געזעסן ביי אַ גרויס שטיק גענדזנס אין העקסלמאַנס רעסטאָראַציע צוזאַמען מיט נאָך וואַרשעווער ידן וואָס האָבן ליב געהאַט העקסלמאַנס מאכלים, פלעגט ער אָפט פון די פרעמדע עסנדיקע ידן הערן דערמאָנען דעם נאָמען פון ר׳ ישעיה פריוועס. אָבער פאַר סימכע גייגען זענען עס געווען צו הויכע פענצטער און צו אומפאַרשטענדלעכע שמועות. זיי האָבן אין זיין פויערישן געמיט נישט אָנגעקלאַפּט. ער האָט נאָר געהאַט אין שוואַכקייט: קוטנער יחוס, די באָבע לאה, די גרויסע קראָמען אויף נאַלעווקעס, און העקסלמאַנס רעסטאָראַציע. סימכע גייגע האָט געהאַט אַ צו קליינע פאַנטאַזיע און אַ צו ענג האַרץ פאַר צופיל איינדרוקן. די לעצטע טעג פון דער חתונה האָט זיך סימכע גייגע שוין געהאַט אַזוי צוגעוויינט צו כלערליי רביצנס, אַז אפילו די קאַלישער רביצן וואָס האָט געבלאָזן מיט יחוס, האָט צו סימכען גערעדט, זיך מיט אים באַדינגט און אים גוטמוטיק גערופן „ר׳ סימכע״. דאָס האָט אים גוואַלדיק אימפּאָנירט.

נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט דעם גרויסן קידוש ביי די מאַנסבילן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פרייטיק־צו־נאַכטס־סעודה פון שבע־ברכות, האָט סימכע גייגע באַלד פאַרלאָזט דאָס גרויסע חדר פון די רבנים. אויף

דער שוועל האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט הירשל נאָמן און באַקומען פון אים עטלעכע לשון־קודשדיקע אַפּשניטן, וואָס הגם סימכע גייגע האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט אין זייער טאָן גוט געפילט ביטול און באַליידיקונג. סימכע גייגע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ער איז גלייך אַריבער צו די ווייבער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די טישן מיט די רביצנס. די רביצנס זענען געגאַנגען אָנגעטאָן זייערע שבתדיקע יופּעס. אויף די טישן האָבן געברענט אַ סך שבת־ליכט און אויך די נייע שבתדיקע דרשה־געשאַנק־לייכטערס אין וועלכע די כלה האָט ס'ערשטע מאָל געבענטשט ליכט. פון אָנהייב האָט סימכע גייגע געפּרואווט אויף זיין גראָבלעך הייזעריק קול צו שרייען און אונטערצוזאָגן די סאַרווערס וואָס האָבן אַרומגעטראָגן לאַנגע „פולמיסקעס" מיט די שמעקנדיקע שבתדיקע פיש. ער האָט אויך געפּרואווט הויך צו שרייען זיינע ווייבערישע ווערטלעך מיט וועלכע ער האָט אַלע מאָל ביי אַ טייל פון די מחותנתטעס אַרויסגערופן אַ שמייכל. אָבער סימכע גייגע האָט באַלד אויפגעהערט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פּויערישע קול, די ווערטלעך זענען אים שטעקן געבליבן אין מויל. ביי די ווייבערישע טישן איז געווען עפּעס אַן אַנדער שטימונג.

עס איז געווען איבער דער גרויסער גבירטע שבעלע פּריוועס, דאָס ווייב פון ר' ישעיה פּריוועס.

די אויסגעפּוצטע ווייבער און מחותנתטעס ביי די טישן האָבן שטילער גערעדט צווישן זיך. סימכע גייגע האָט באַשיימפּערלעך געזען אַז מען באַמערקט אים גאָרנישט. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געוואַנדן אַהין, אויבן־אָן, וואו נישט ווייט פון דער כלה איז צווישן דער קאָלישער רביצן און דער באָבע פּריוועס געזעסן שבעלע פּריוועס.

אויך דאָ איז זי געזעסן ווי אַ ליאַלקע, שבעלע פּריוועס. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ זיידן קלייד דיסקרעט אַרומגעניית מיט איידעלע שפּיצן, אויך דאָס שייטל איז איר געווען אַרומגענומען מיט אַ צאַרטן שפּיצן־שאַל ווי אַן אַלטע שפּאַנישע גראַנדעצאַ. אין אירע אויערן האָבן געציטערט און זיך געבאַמבלט צווי גרויסע ברילִיאַנטענע אויערינגלעך ווי צוויי שטאַרקע ליכט־פּונקטן. די בריליאַנטן אין שבעלעס אויערינגלעך האָבן אַריבערגעלויכטן מיט זייער אינטענסיווקייט אַלע צענדליקער און צענדליקער אָנגעצונדענע שבת־ליכטער וואָס האָבן אין גרויסע

זילבערנע לייכטערס געפלאַקערט אויף די פולע ווייסע געדעקטע טישן. דאָס זילבער פון די גאָפּל־מעסער און פון די לייכטערס און דאָס ווייס־קייט פון די וועבענע טישטעכער איז געווען בלאָס אַקעגן דער ליכטי־קייט פון די ברילייאַנטן. אויך די ברילייאַנטענע קאַליע אויף שבעלעס האַלדז האָט ווייס געשעמעריִרט און אַרויסגעשפּריצט אירע ליכטער פון דעם שוואַרצן אײדעלן זײַדנס פון שבעלעס קלייד.

אין דער געפאַלדעוועטער שוואַרצקייט פון איר קלייד און אין דער העלקייט פון אירע ברילייאַנטן איז שבעלע פּריוועס געזעסן ווי אַ מאַיעס־טעטישע — רעמבראַנדישע — ליכט־פיגור אינמיטן די רביצנס אין זייערע שבתדיקע יופּעס און אין זייער באַשיידענעם גאָלדענעם צירונג.

שבעלע פּריוועס האָט כמעט ווי נישט גערעדט, זי האָט זעלטן אַ שטילן און דיסקרעטן שמייכל געטון, אָדער לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. די ברילייאַנטן אין שבעלעס אויערן האָבן נאָך שפּעדיקער און װיסער אויסגעזאָגן זייערע שאַרפע ליכטער ווען שבעלע פּריוועס האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געשמייכלט, גלייך ווי די ברילייאַנטן אַליין וואָלטן געוואָלט באַלייכטן שבעלעס שמייכל. דאָס האָט שבעלע אַ שמייכל געטון אין דער זייט פון דער קאַלישער רביצן. אַלע יחוס־קאָמפּלעקסן האָבן זיך צעבראָכן אין דער קאַלישער רביצן זיצנדיק ביי שבעלע פּריוועס, און זי האָט אַלעמען געוואָלט ווייזן איר היימישקייט און די אַלטע באַקאַנטשאַפט, די וואַרשעווער באַקאַנטשאַפט מיט שבעלע פּריוועס, און אַז זי רעדט מיט שבעלען ווי מיט אירס גלייכן.

סימכע גייגע איז געשטאַנען אַ פּריטשמעלעטער. ער האָט געזען אַז קיינער קוקט נישט אויף אים און אַז די קאַלישער רביצן וואָלט אים איצטער גאָרנישט דערקענט.

אויך סימכע גייגע האָט מיט זיינע רויטלעכע פּויערישע אויגן אָנגע־הויבן פּאַמעלעך צו קוקן אויף דער קליינער צירלעכער פרוי אין זיידנס און אין איידל־שטיינער וואָס איז געזעסן אויבן־אָן צווישן די שבתדיק אויסגעפּוצטע רביצנס. ער האָט געזען ווי אַלע לייכטערס לייכטן טונקל אַקעגן די ברילייאַנטענע פייערן אין שבעלעס אויערן און אין שבעלעס זיידענעם קלייד־קראַגן. ער האָט געזען ווי שבעלע האָט זיך קוים צוגע־רירט מיט איר גאָפּל צו די שמעקנדיקע שבתדיקע פיש אויף איר טעלער. אויף שבעלעס פינגער האָבן געלויכטן פּערל און גרינע שמאַראַגדן. סימכע

גייגע האָט געזען ווי אַלע די שמעקנדיקע חתונה־מאכלים זייַנען ביי שבעלע פריוועס גאָר עפּעס וואָכעדיקס. אין זייַנע שווערע פויערישע אויערן האָט ערשט איצט אויפסניי אָפּגעקלונגען דער נאָמען „פריוועס" וואָס ער האָט געהערט ביי העקסלמאַנען אין רעסטאָראַציע, אין די נאָך־לעווקער שניט־קראָמען און ביי וואַרשעווער שניידערקעס, וואו מען האָט געניט דער כלהס אויסשטייער. ערשט איצט האָט עס אויפגעלויכטן אין זיין טעמפּן פויערישן שכל, אַז אַט די אַלע רביצנס און אַפילו די קאַלישער רביצן איז נאָך גישט דער העכסטער יחוס־שטאַפּל, צו וועלכן ער, סימכע גייגע, קאָן דערגרייכן. ס'איז נאָך דאָ עפּעס העכערס און עפּעס אויסטערלישערס אין די פיינע און זיסע לאָבירינגטן פון יחוס. איבער אַלע שבת־לייכטערס האָט ער אַריבערגעקוקט צו דער קליינער דיסקרעט־שוויגנדיקער פרוי אין זיידנס און אין בריליאַנטן. און ער האָט אַ טראַכט געטון ווי עמעצער וואָלט אים געטון אַ קלאַפּ אין פויערישן קאָפּ אַריין און אויפגעוועקט פון די הינער־פּלעט —

די פריוועסעס!

דער ערשטער געדאַנק איז געווען ביי סימכע גייגע צוצוגיין צו שבעלע פריוועס און איר זאָגן: גוט־שבת, גוט־שבת, שבעלע פריוועס! — אָבער ער האָט זיך גישט גערירט פון אָרט, די פיס זייַנען אים געווען שווער ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום, עס האָט אים געפעלט יעדער מוט, ער האָט געוואוסט, אַז צוליב דער דאָזיקער קליינער פרוי קאָן אים איצטער קיינער גישט, און ער איז מיטאַמאָל צוריקגעוואָרפן געוואָרן צו די טונקעלע צייטן פון פאַר דער וואַרשעווער נסיעה, צום אַקער־אייזן, צו די שטאַלן מיט די קי און צו די פורן מיסט. סימכע גייגע האָט אַ קוק געטון אויף זייַנע אומגעלומפּערטע גרויסע האַרעפּאַשנע הענט און אויף די נעגל הינטער וועלכע עס ליגט די שוואַרצע ערד פון זייַנע פעלדער. סימכע גייגע האָט מיטאַמאָל דערפילט זיין פויערישע צוריקגעשטאַנענ־קייט, די דיסטאַנץ צווישן אים און שבעלע פריוועס, און אַז די קאַלישער רביצן וואָס האָט אים נעכטן אַזוי גוטמוטיק גערופן ר' סימכע, וועט אים איצטער גאָרנישט דערקענען.

סימכע גייגע האָט זיך ווי אַן איבעריקער פאַרשוין אַרומגעדרייט צווישן די טישן מיט די מחותנתטעס וואָס זייַנען געזעסן ווייטער פון שבעלע פריוועס. ער האָט אַנגסטלעך געמיטן דאָס אָרט וואו זי, שבעלע,

איז געזעסן. קיינער האָט נישט באַמערקט זיין אַנוועזנהייט. ער איז געווען שטיל און נידערגעשלאָגן. אַפילו די סאַרוועדס האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

אַהיימגייענדיק שפּעט נאָך אַסמאָלין איז ער געגאַנגען אַליין אין דער נאַכט. דאָס גראָז האָט פּייכט געשאָרכט אונטער זיינע שטיוול. די ביימער האָבן געראַשט אין די פינצטערנישן. פון די פעלדער האָט געשמעקט דאָס אָפּגעשניטענע קאָרן. הינט האָבן דאָ און דאָרט געבילט אין די שטילע ווייטקייטן. סימכע גייגע האָט געטרעטן אין דער תמוז־נאַכט איינער אַליין מיט שווערע טריט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט אין זיינע אומעטיקע מחשבות כסדר געזען דאָס בילד פון שבעלע פּריוועס ווי זי זיצט אויבן־אָן צווישן אַלע רביצנס און וואָס די זילבערנע גאָפּל־מעסער אויף די טעלער, די ווייסע טישטעכער אויף די טישן און די ברענענדיקע שבת־ליכטער זיינען בלאָס אַקעגן די שעמע־רירנדיקע פלאַקערן פון אירע ברילאַנטן. סימכע גייגע האָט זיך מיט אַמאָל ווי אָפּוועזנדיק אָפּגעשטעלט, זיינע ליפּן האָבן פּלוצעם געזאָגט אין דער ווינטיקער תמוז־נאַכט אַריין:

גוט־שבת, שבעלע פּריוועס...

. אין די הימלען האָבן געפינקלט די שטערן.

אין זיין געריומיקן חדר אין דער היים האָט טריב געקאַפּטשעט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. אין גרויסן דאַרפישן בעט אויף אַ סך קישנס און צוגעדעקט מיט אַ גראָבער פויערישער קאָלדרע איז געלעגן שרה־בינע. זי איז געלעגן אין אַ פאַרשלומפּערטער שלאָף־קופּקע און פעסט געשלאָפן. שרה־בינע האָט אָפן געהאַלטן דאָס ווייכע פאַרמלאָזע מויל און הויך געשנאָרכט. סימכע גייגע האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבן בעט און אויף איר, אויף דער שנאָרכנדיקער יידענע, כעסדיק אויסגעגלאָצט זיינע רויטלעכע פויערישע אויגן. סימכע גייגע האָט הייזעריק אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ פּאָר גראָבע דאַרפישע קללות. דאַן האָט ער פון זיך אַראָפּ־געצויגן די שטיוול און זיך אויסגעטון די יידענע קאַפּאָטע און די הויזן. ער האָט כסדר געוואָרטשעט, און בייזערהייט האָט ער זיך אַריינגעלייגט צו שרה־בינען אין בעט אַריין.

אַ גאַנצע נאַכט האָט סימכע גייגע נישט צוגעטון קיין אויג, און איצט אינדערפרי האָט ער זיך אַרויסגעפּעדערט אינדרויסן אויף זיין הויף. די זון האָט ערשט אָנגעהויבן אויפצוגיין און די ערד האָט לייכט געבליט אין דעם יונגן רויט פון פרימאָרגן. אויף דיביימער האָבן אָנגעהויבן צו זינגען די פייגל. ס'האָט געשמעקט מיט אַלע פרישקייטן פון דער וועלט. פון די עופות־שטאַלן האָט זיך געהערט דאָס געקוואַקעריי פון היגער, געגדז, קאַטשקעס און אינדיקעס. סימכע גייגע האָט אַרויסגע־לאָזט די עופות אויפן הויף. די היגער האָבן געפּילדערט און הויך גע־קוואַקעט און אָנגעהויבן צו פּיקן די ערד. אַ סטאַדע ווייסע מיט שוואַרץ געשפּרענקלטע אינדיטשקעס האָבן זיך מאַיעסטעטיש, אין זיך־וויגנדיקן גאַנג אַרומגעלאָזט איבערן הויף. די אינדיקעס האָבן זיך אָנגעבלאָזן, פונאַנדערגעלאָזט זייערע פעדערן, פונאַנדערגעשאָקלט די רויטע קרעלן אויף זייערע גורגלען און געבאַלדערט. אויך די געגנדז זיינען מיט אַ געשריי זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן הויף. דערזעענדיק סימכע גייגען אין אַ זיידענער שבתדיקער קאַפּאָטע — וואָרעם סימכע גייגע האָט זיך פון גרויס צעמישטקייט אָנגעטון שוין אין גאַנץ פריאיקן באַגינען די זיידענע קאַפּאָטע — האָבן אַ טייל פון די געגנדז צו אים אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער און געסיקעט.

סימכע גייגע האָט מעכאַניש גענומען אין די הענט אַריין צוויי הילצערנע עמערס, און אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם.

ער איז געגאַנגען אָנטרינקען זיינע בהמות.

ער האָט פונאַנדערגעעפנט די טיר פון זיין קי־שטאַל.

אַ וואַרעמער ריח פון היי און מיסט האָט אָקעגנגעשלאָגן פונעם שטאַל. די קי וואָס זיינען געשטאַנען און געמעלה־גרהט ביי די קאַרעטעס האָבן אויסגעדרייט זייערע העלדזער און אים אָנגעקוקט מיט זייערע גרויסע אויגן ווען ער, סימכע, איז אַריינגעקומען אין שטאַל מיט די עמערס וואַסער. ווען סימכע גייגע איז צוגעגאַנגען צו דער ערשטער קו און צו איר אויפגעהויבן דעם פולן עמער מיט קאַלטן ברונעם־וואַסער, האָט זי אים מיט אירע גרויסע נאַזלעכער וואָרעם אַריינגעהויכט אין פּנים אַריין און אים לייכט געלעקט די האַנט. דאַן האָט ער ווידער געבראַנגט וואַסער און אָנגעפּאָיעט די אַנדערע קי. ער האָט אַבסאָלוט נישט באַ־

מערקט, אַז ער גייט דאָ אַרום צווישן זיינע בהמות אין דער שוואַרץ־זיידענער חסידישער קאַפּאָטע.

דעם לעצטן עמער וואַסער פונעם ברונעם האָט ער געברענגט פאַר דעם יונגן ביקל וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן ביי אַ זייטיקער קאַרעטע. דאָס ביקל איז געווען נאָך גאַר אַ ווילד בהמהלע, אַ שקאַציש בהמהלע, און ליב געהאַט אַלעמען צו שטויסן מיט די הערנער, אַפילו די קי האָט עס געשטויסן אין די פולע אייטערס אַריין, אַזוי אַז מ׳האָט עס, דאָס ביקל, נישט געקאָנט אַרויסלאָזן אויף דער פּאַשע צוזאַמען מיט דער גאַנצער טשערעדע, און סימכע גייגע האָט עס כסדר געמוזט האַלטן אין שטאַל צוגעבונדן צו דער קאַרעטע. נאָר פאַר סימכען אַליין האָט דאָס ביקל מורא געהאַט, און ווען סימכע גייגע האָט עס אַ גלעט געטון איבערן קאַרק, האָט עס אים האַסטיק באַהויכט מיט די נאָזלעכער און אים אַפילו געלעקט איבער דער האַנט. איצטער אין שבתדיקן באַגינען איז סימכע גייגע צוגעגאַנגען מיט אַ פולן עמער וואַסער צום אָנגעבונדענעם ביקל.

דאָס ביקל האָט צו סימכען אויסגעדרייט דעם קאָפּ. עס האָט סימכען דערזען אין דער זיידענער קאַפּאָטע, און סימכע גייגע איז אויסגעקומען פאַרן ביקל עפּעס גאַר משונה פרעמדלעך אין שטאַל, עפּעס גאַרנישט דער אייגענער סימכע גייגע ווי תמיד. און אידער סימכע גייגע האָט נאָך באַוויזן צו דערנענטערן זיין עמער מיט וואַסער צום ביקלס מויל, האָט זיך דאָס יונגע שקאַצישע ביקל פאַרפּלאָנטערט מיט די הערנער אין סימכע גייגעס זיידענער חסידישער קאַפּאָטע און מיט אַ ווילדער חיהשער האַסטיקייט אַרונטערגערוסן איר גאַנצן פאָדערשטן טייל.

סימכע גייגע האָט מיט טויטשרעק געזען דעם חורבן. אויס זיידענע קאַפּאָטע. מיט דעם פולן עמער וואַסער האָט ער דעם ביקל געוואָלט דערלאַנגען אין קאָפּ אַריין. נאָר דער עמער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אָנמעכטיקע הענט און זיך פונאַנדערגעגאָסן איבערן שטאָל מיסט. סימכע גייגע האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן שטאַל. די בהמות אַרום אים, האָבן רואיק געמעלה־גרהט. דאַן האָט סימכע גייגע נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף זיין אַראָפּגעשיילטער זיידענער קאַפּאָטע, אים איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, און ער האָט געפילט בחוש, אַז אין אַזאַ הולך וועט ער שוין נישט קאָנען זאָגן שבעלע פריוועס גוט־שבת.

דער ייד האָט זיך הויך פונאַנדערגעוויינט אינמיטן פון זיינע בהמות.

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

צוויי ברידער פון צוויי טאַטעס. דעם פעטער שמעון־יוספס בריהשאַפטן. דער פעטער שמעון־יוסף איז אַ מזג־טוב נאָר ער טיילט פעטש. דער פעטער בונמל. דעם פעטער שמעון־יוספס ליבשאַפט צום פעטער בונמל. דעם פעטער בונמלס שווערע אַחריותן פון יידנס וועגן. דער גברישער פרומאַק משה־טביה סטאַניסלאָווער. משה־טביהס קאַמפן מיטן יצר־הרע. משה־טביה קאָן נעבעך גישט פטור ווערן פון זיין גבורה. די ווייבער אין משה־טביהס שטוב. דער פחד פאַר חילול־שבת. סע שמעקט מיט גיהנום. שעטנז. מלבושים פון יאַרמלקע־צייג. משה־טביה קאַכט פעלן פון נבלות. אַשמדאַי און לילית. אין דער חורבה פון דער שאַלקהאַפטיקער לילית. דער פעטער בונמל מיט אַ נאַרישער יידענע. געדענק, בונמל, דו שפּילסט זיך מיט אַלע וועלטן! ווען עס שפּילן די פידלען. דער פעטער בונמל טאַנצט אַ „פאַרשטעלטער״ פאַר אַ „דייטש. „אַזעלכע „דייטשן״ וועלן אַקעגנטאַנצן משיחן״.

די באָבע לאה האָט געהאַט צווי ברידער, דעם פעטער שמעון־יוסף און דעם פעטער בונמל.

די זיינען געווען ברידער נאָר פון איין מאַמע, ד"ה פון דער באָבע בלימעלע. מחמת די באָבע בלימעלע האָט אין איר לעבן געהאַט גאַנצע דריי מענער, אַלע דריי, גרויסע חסידים און גרויסע רבנים. די באָבע לאה איז געווען פון ערשטן מאַן, דער פעטער שמעון־יוסף פון צווייטן מאַן און דער פעטער בונמל פון דריטן מאַן.

די דאָזיקע צווי ברידער זיינען אינגאַנצן געווען ענלעך צו זייערע באַזונדערע פאָטערס, ד"ה זיי האָבן צווישן זיך נישט געהאַט קיין שום ברודערלעכע ענלעכקייט. זיי האָבן זיך גוואַלדיק ליב געהאַט און גע־האַלטן איינער פון אַנדערן אַן עולם ומלואו, אָבער אין זייער געשטאַלט און אין זייער כאַראַקטער זיינען זיי געווען צווי, צווישן זיך פרעמדע יידן, ענלעך צו די צווי טאַטעס זייערע.

דער פעטער שמעון־יוסף איז געווען אַ ייד מיט אַ געשטעל, מיט אַ פאָר ברייטע פּליינצעס, אַ גרויסן גבירישן בויך און אַ פאָר גרויסע שטאַרק באַוואַקסענע הענט וואָס האָבן נישט געקאָנט איינרוען, שטענדיק האָבן זיי געמוזט עפּעס טון, אָדער ער, דער פעטער שמעון־יוסף, האָט מיט זיי, מיט די שטאַרק באַוואַקסענע הענט זיינע, אַרומגעפאָכעט אַרום זיך אין דער לופטן ווי מיט אַ פּאָר פליגלען. ער האָט געהאַט אַ גרויס רויטלעך פּנים, אַ לאַנגע און תמיד פאַרקאַטערטע נאָז, אַ פּאָר ליכטיקע און לאַבע־דיקע אויגן. חוץ דעם האָט דער פעטער שמעון־יוסף געהאַט אַ רויטע, ווילדע און האַרטע באָרד וואָס האָט, דוכט זיך, געברענט אַרום זיין פּנים ווי פלאַמען. די באָרד איז זיך האַפּערדיק און מיט ברייטקייט צעקראָכן איבער זיין גאַנץ פּנים און אומעטום ביי אים געוואַקסן ווי עקשנותדיקע

קראַפּיווע, אויף די באָקן, אויפֿן האַלדז, אין די אויערן און אין די פֿאַר־קאַטערטע נאָזלעכער פֿון זיין לאַנגער נאָז. דער פֿעטער שמעון־יוסף האָט גערעדט מיט אַ גראָב שרייענדיק קול, הויל ווי פֿון אַ פֿאַס אַרויס, ער האָט גערעדט אַזוי ווי פֿון זיין בויך אַרויס. ער האָט גערעדט און גע־לאַכט הויך און טעמפּעראַמענטפֿול, און דערביי נישט געקאָנט איינרוען מיט זיינע גרויסע באַוואָקסענע הענט.

נישט געקוקט דערויף וואָס דער פֿעטער שמעון־יוסף איז געווען אַ שאַרפֿער חסיד, ר׳ יצחק וואָרקערס אַן איניקל און אַן אידעלער ייד, האָט ער אין זיך געהאַט אַ סך פֿון אַ נאַטורהאַפֿטיקן וואַלד־מענטש.

אַלע האָבן געהאַלטן דעם פֿעטער שמעון־יוסף פֿאַר אַ געוואַלטיקן בריה. ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן פֿאַר אַ געוואַלטיקן בריה. ער האָט געגלייבט, אַז ער קאָן אַלצדינג מאַכן און אַלצדינג צורעכט מאַכן. אַפֿילו זייגערלעך. הגם די אידעלע געווערקן פֿון די זייגערלעך זיינען תמיד אַזוי צעמזיקט געוואָרן אונטער פֿעטער שמעון־יוספֿס הענט, אַז קיין שום זייגער־מאַכער האָט זיי מער נישט געקאָנט צורעכט מאַכן. עס מאַכט נישט אויס, אין אַלעמענס אויגן איז פֿאָרט דער פֿעטער שמעון־יוסף פֿאַרבליבן דער בריה. טאָמער איז עפּעס ביי אים אין שטוב צעבראָכן געוואָרן האָט ער נישט צוגעלאָזט קיין שום בעל־מלאכה און זיך אַליין דערביי געפּאָרעט און עס נאָך מער צעשעדיקט. אָבער ער איז פֿאָרט פֿאַרבליבן דער בריה. אַזוי האָט ער כּסדר בלויז געקויפֿט מציאות, און אַלע זיינע געשעפֿטן זיינען באַשטאַנען פֿון הוילע מציאות און ווילדע בריהשאַפֿטן. ער האָט זיך תמיד גערימט, אַז אַט פֿאָרט ער אַריבער נאָך פּריסן און קויפֿט דאָרט איין אַזעלכע אויסטערלישע מציאות וואָס אין פּוילן האָט זיי נאָך קיינער נישט געזען און ער וועט זיי דאָ אין פּוילן פֿאַרצוקערן מיט גאָלד גלייך. — פֿונדעסטוועגן איז דער פֿעטער שמעון־יוסף דאָס גאַנצע לעבן זיינס פֿאַרבליבן אַ נישקשהדיקער פּריי־לעכער אָרעמאַן און דער גרויסער בריה אין די אויגן פֿון דער גאַנצער משפּחה, און אַלע האָבן זיך געוואונדערט ווי נעמט זיך צו אַזאַ כּמעט ווילד באַוואָקסענעם און פֿאַרקאַטערטן וואַלד־ייד אַזוי פֿיל בריהשאַפֿט. אין דער גאַנצער רוישיקער און טעמפּעראַמענטפֿולער טבֿע זיינער איז דער פֿעטער שמעון־יוסף געווען אַן אמתער מזג־טובֿ. פֿונדעסטוועגן האָבן זיינע אומרואיקע באַהאָרטע הענט זיך אָפֿט פֿאַרבלאָנדזשעט אין

יידישע באַקן און געטיילט הילכיקע פּעטש ביד רחבה. און געטון האָט ער עס איבער צוויי טעמים, ערשטנס האָט דער פעטער שמעון־יוסף נישט געקאָנט לײַדן קיין עוולה און זיך תמיד אָנגענומען פאַר פרעמדע קריוודעס. טאָמער האָט ער געזען אַן עוולה האָבן זײַנע פלינקע הענט זיך נישט געפוילט און אײדער וואָס און ווען איז דאָס גלײַכסטע קודם־כל צו טײלן פּעטש. פּעטש האָבן אויך געקריגן עזותדיקע חסידים פון פרעמדע רבישע לאַגערס. ווען דעם פעטער שמעון־יוסף האָט זיך נאָר אויסגעדוכט, אַז יענע עזותדיקע חסידים רעדן אויף וואָורקע, אָדער גאָר אַפילו זיי האָבן בלויז בדעה צו רעדן אויף וואָורקע, האָבן דעם פעטער שמעון־יוספס הענט נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות און פּעטש האָבן געהילכט. אַפילו אין דער פינצטערער שבתדיקער שלוש־סעודות־צײַט, למשל, האָבן זײַנע הענט געטראָפן אין די באַקן פון שאַרפע חסידישע עזות־פּנימער. פון פעטער שמעון־יוספס פּעטש איז נישט איין קעגנע־רישער עזותדיקער חסיד אַוועקגעגאַנגען מיט היפּש געשוואָלענע באַקן. אַז מען שמועסט אַ בריה.

דערפאַר האָט דער פעטער שמעון־יוסף געהאַט איין גרויסע שוואַכ־קײַט, און דאָס נעמלעך צו זײַן ברודער, דעם פעטער בונמל.

דער פעטער בונמל איז פּונקט געווען דער היפּך פון פעטער שמעון־יוסף. איז ער דאָך פון אַן אַנדערן טאַטן. דער פעטער בונמל איז גע־ווען נישט קיין גרויסער, מער, אַזוי צו זאָגן, אַ קלײנער און אַ דראָבנער, ער האָט געהאַט אַ רונדיקע שוואַרצע חסידישע באָרד, אַ בלאַס פרום־שעמעוודיק פּנים און אַ פּאָר שטילע ציגײַנער־אויגן. דער פעטער בונמל איז געווען אַ מאָדנע פרומאַק, אַ פרומאַק אַ שתקן, אַן עניו און אַ דערשלאָגענער ייִד. אָדער ער האָט געדאַוונט און געלערנט, אָדער אומאויפהערלעך געשאַרפט זײַנע חלפים און זיי געפּרואווט מיטן נאָגל פון זײַן פינגער. זינט ער איז געוואָרן שוחט עפּעס ערגעץ אין אַ קלײן שטעטעלע האָט ער נאָר געציטערט אַז זײַנע חלפים זאָלן נאָר זײַן געַנוג שאַרף, ס׳זאָל אים נישט אַנטקומען די מינדסטע פּגימה, און אַז ער זאָל חס־ושלום נישט מכשיל זײַן אַ שטאָט מיט ייִדן, און אַז דער נאָגל אויף דעם פינגער זײַנעם מיט וועלכן ער האָט געפּרואווט זײַנע חלפים זאָל זײַן געַנוג גרויס. שטענדיק איז דער פעטער בונמל פאַרטון געווען אין ייִדישקײַט, מ׳האָט אים זעלטן געהערט רעדן, געגאַנגען אין דער זײַט

און נישט געטשעפּעט קיין פליג אויפן וואַנט. ער איז כסדר אַרומגע־גאַנגען אַ פאַרעצבהטער און טרויעריקער, וואָרעם די הויט האָט אויף אים געציטערט אַז ער איז קיינמאָל נישט יוצא פאַר פרומקייט. און איבערהויפּט זינט ער איז געוואָרן שוחט איז ער ממש דערדריקט גע־וואָרן אונטער דער לאַסט פון אינערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און ער האָט סיי אויף זיך אַליין, סיי אויף זיין גרויסן פאַרבלוטיקטן נאָגל, סיי אויף די בליצנדיקע חלפים אין די הילצערנע שיידלעך געקוקט מיט חשד און אומצוטרוי, און ער האָט נישט געטרויט זיך אַליין. אַ שוחט און אַ כהן־גדול איז ביי אים געווען איינס און דאָס זעלביקע, און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער נשמה פון יידן איז פאַר אַזאַ דראַבנע נפשל ווי דער פעטער בונמל געווען ממש נישט צו דערטראָגן.

די גוואַלדיקע פרומע מרה־שחורה פון פעטער בונמל און דאָס כסדר־דיקע ציטערן חלילה נישט ניכשל צו ווערן אין ידישקייט האָט געשטאַמט פון זיין שווער, משה־טביה סטאַניסלאַווער.

משה־טביה סטאַניסלאַווער איז געווען אַ פּראָסטער ייד, גאָר אַ קנאַפּער בן־תורה, און אַ גוואַלדיקער גבר, ממש ער האָט געריסןביימער און אַליין זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט צען גויים. נאָר משה־טביה איז דערביי געווען אַ מוראַדיקער פרומאַק, געציטערט פאַרן מינדסטן חשש פון אַן עבירה, און אויף זיין גופישער גבורה האָט ער אַליין געקוקט ווי אויף אַ וויסט אַנשיקעניש פון יצר־הרע, און ער האָט פון זיך אַליין געהאַט גרויס עגמת־נפש און גריזאַטע. וואָס טויג אַ ייד אַזאַ גבורה קיין עין־הרע? עס איז געווען גוואַלדיק גרויס זיין קנאה אויף די קראַנקע חסידים און תלמידי־חכמים וואָס קריכן קוים פון גרויס שוואַכ־קייט, הוסטן און שפּייען און קאָנען נישט אויפהייבן אַ שטרוי פון דער ערד. ער וואָלט מי יודע וואָס אָוועקגעגעבן כדי צו קאָנען זיין אַ צע־בראָכענער ייד מיט טויזנט מיחושן. משה־טביה האָט דעריבער וויניק געגעסן, געגאַנגען אין קאַלטע מקוהס כדי צו כאַפּן אַ פאַרקילונג, און כסדר געפאַסט תעניתים. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. זיין גבורה איז געוואַקסן צוזאַמען מיט זיינע תעניתים, די קאַלטע מקוואות האָבן אים גאָר פרישער געמאַכט די הויט און ער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און געזינטער. משה־טביה האָט זיך אָנגעלערנט מיט ספרים ווי דער „קב הישר” און „שבט מוסר” און ער האָט געזען

דאָס געפּערלעכע שפּיל וואָס דער פּאָסקודנער בעל־דבר פירט מיט אַן אָפּגעהיטענעם יידן. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. די גויים אין שטעטל האָבן געציטערט פאַר משה־טביהס גבורה און ער איז געוואָרן וואָס אַ טאָג פאַר־מרה־שחורהטער און פרימער. ס'האָבן פאַר אים ממש אויס־געפעלט מצוות אין „שולחן־ערוך". משה־טביה האָט זיך געיאָגט נאָך נייע פאַרבאָטן און מצוות. די עבירות ווידער, פון זייער זייט, האָבן אים נאָכגעיאָגט ווי בייזע און זלידנע פליגן. און אַן עבירה איז אַלץ געווען פאַר משה־טביהן, אחוץ דאַוונען, פאַסטן, און קושן די מזוזה. אָבער דער עיקר האָט זיך אים זיין גוישע גבורה איינגעגעסן אין די ביינער ווי אַ דיבוק, רחמנא ליצלן. דער דאָזיקער ייד האָט כל ימיו געפירט אַ ביטערע מלחמה מיטן בעל־דבר.

קודם־כל האָט משה־טביה סטאַניסלאַווער נישט געלאָזט קיין ווייבער אויף די אויגן און געטריבן פון זיך זיין אייגענע אשה און זיינע אייגענע טעכטער, כדי נישט צו קוקן אויף קיין יידענע. ער האָט זיין שטוב פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן פּרומאַקישן גיהנום, מיט גוואַלדיק גרויסע מזוזות, מיט אַ סך פּאַמעניצעס, כדי אומעטום און ביי יעדן ריר זיך צו קאָנען וואַשן די הענט. פאַרשטייט זיך, אַז די פינצטערסטע און שרעקלעכסטע טעג זיינען געווען די טעג פון שבת. דאָ האָט משה־טביה פונאַנדערגעלאָזט איבער זיין הויז־געזינד אַלע מרה־שחורהס און שרעקן פון „קב הישר" און אַנדערע מוסר־ספרים. אַ קלייניקייט, חילול שבת! און וואָס האָט אַלץ ביי משה־טביהן נישט געהייסן חילול־שבת! ער האָט געבענטשט אין די טעפּ, אין די ווינקלען, געשריען און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, וואָרעם אומעטום האָבן ביי אים אין שטוב פינצטער געלויערט די שרעקלעך פון חילול־שבת. און וויפל דער ייד האָט זיך נישט אָפּגעהיטן און געקעמפט און געראַנגלט זיך מיט די חילול־שבתן, עס האָט גאָרנישט געפּועלט. פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיי געלויערט אויף זיין נשמה. שבת ביי משה־טביהן אין שטוב האָט מען כמעט ווי נישט געטאָרט רירן מיט קיין אבר, נישט גיין, נישט צובינדן, נישט אויפבינדן, נישט צוקנעפּלען, נישט אויפקנעפּלען, נישט הוסטן, נישט ניסן, בכלל גאָרנישט האָט מען געטאָרט, און צו גאָרנישט האָט מען זיך געמעגט צורירן. אַלץ איז געווען אַ ווייסטער טאָבו. קאַלטער שווייס האָט נעבעך דעם ייד באַגאָסן ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די בייזע,

שטרענגע און פאַרכצומע שעהן פון שבת. ביי זיין גאַנצער גבורה און פרומאַקישער עקשנות האָט זיך דאָ משה־טביה געפילט שוואַך, אָנמעכ־טיק און הילפלאָז ווי אַ קינד. ער האָט זיך געפייניקט און געמאַטערט און ער וואָלט באַדיי, אָפּגעפאַסט אַ גאַנצן חודש און זיך געוויקט אין די קאַלטסטע מקוואות איידער אַדורכצוקומען אַזאַ שטיקל אַרבעט ווי אַ כשרן שבת. פאַרשטייט זיך, אַז דריי שטערן מוצאי־שבת זיינען אויך נאָך פאַר משה־טביהן געווען צו ווייניק כדי אָנצוצינדן אַ ליכט. ער האָט אַפילו די הימלען נישט געגלייבט וואָס שייך ידישקייט. אומעטום האָט ער חושד געווען, אַז דער בעל־דבר פירט אים אויף אַ גליטש, כדי אים, משה־טביהן, אַריינבאַקומען אין די אייביקע פייערן פון גיהנום. די הימלען האָבן זיך געמוזט היפּש אויסזייען מיט שטערן, כדי משה־טביה זאָל טון אַ שווערן זיפץ און מיט אַ שווער האַרץ הייסן אָנצינדן אַ ליכט. און אויך דאַן איז ער נישט געווען אינגאַנצן זיכער צי ער האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט אין שבת אַריין.

אַזוי ווי משה־טביה סטאַניסלאַוואָר האָט זיך ענדלעך מיישב געווען, אַז דער בעל־דבר טרייבט אויך זיינע טרפהנע שטיק מיט מלבושים און ער, דער בעל־דבר הייטט עס, טוט דאָרט אַריין שעטנז־פעדעם, האָט אים, משה־טביהן, דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו ציטערן אויך אין די דאָזיקע ענינים. אַ ייד נייט זיך אַ קאַפּאָטע ביי וואָסער עס איז שניידערוק און גיי וויס צי האָט זיך דאָרט ערגעץ נישט פאַרפּלאָנטערט אַ פאָדעם שעטנז. שניידערס זיינען לייכטזיניקע יונגען און גיבן נישט צופיל אַכטונג, אַז אַ ייד זאָל נישט נכשל ווערן. איז וואָס זשע טוט מען דאָ? משה־טביה סטאַניסלאַוואָר קאָן דאָך נישט אַרומגיין אַ נאַקעטער. אָבער אויך אויף דעם האָט זיין דערשראָקענער פאַר־מרה־שחורהטער שכל געפונען אַן עצה, געמלעך: כידוע איז דאָס צייג פון יאַרמלקעס דאָס סאַמע זיכערסטע, פרומסטע און כשרסטע צייג פון אַלע סחורות, והראיה, מען נוצט עס בלויז צו פרומע מלבושים, ווי צו יאַרמלקעס, צו שטריימ־לעך און צו טלית־זעק. די גרעסטע גוטע־יידן טראָגן יאַרמלקעס. אַזוי האָט משה־טביה נישט געוואָלט לאַנג ברייען און ער האָט נישט געטראָגן קיין אַנדער צייג פאַר זיינע מלבושים, סיידן דאָס הייליקע און פרומע יאַרמלקע־צייג. ער האָט זיך געלאָזט מאַכן הויזן און קאַפּאָטעס פון יאַרמלקע־צייג. שוין אָפּגערעדט פון יאַרמלקעס אַליין, וועלכע משה־

טביה האָט געלאָזט מאַכן פון אַזאַ גרייס, אַז זיי זײַנען געזעסן אויף זײַן קאָפּ ווי גרויסע שוואַרץ־גלאַנציקע זעק און נאָך היפּש אַריבערגעפאַלן איבערן גברישן שטערן. אויף דעם געביט פון שעטנז האָט טאַקע משה־טביה געוויזן דעם יצר־הרע אַ פייג. אָבער דאָס איז געווען דער אײנ־ציקער זיג וואָס משה־טביה האָט געהאַט איבערן בעל־דבר.

געווען איז משה־טביה אַ היפּש פאַרמעגלעכער מענטש. מ׳קאָן אפילו זאָגן אַ נגיד. דעריבער — און נאָר דעריבער — האָט ער געקאָנט שטעלן וואַסער עס איז ווידערשטאַנד די פינצטערע שאַלקהאַפטיקע עבירות וואָס לאַקערן אויף יעדן טריט פון אַ ייד. אין סטאַניסלאַוו האָט משה־טביה געהאַט אַ גאַרבאַרניע. ער האָט דאָרט געשאַבן די פעלן פון אַלערליי נבילות און זיי געקאָכט אין גרויסע קעסלען פולע מיט דעמ־בענער קאַרע. די דאָזיקע שטינקנדיקע קעסלען מיט טויטע פעלן האָבן אים מן־הסתם באַשיימפּערלעכער אויסגעמאָלט די שוידערלעכע בילדער וואָס עס טוט זיך אין גיהנום מיט יידן, וועלכע ווערן געשטרויכלט אין עבירות. אַ גאַרבאַרניע האָט טאַקע עפּעס אין זיך פון אַ גיהנום. משה־טביהס גאַרבאַרניע האָט פאַרשטונקען מיט אירע וויסטע ריחות אַ האַלב שטעטל סטאַניסלאַוו, און משה־טביה האָט זיך אײַנגעגעסן אין יידישע בײנער נישט בלויז מיט זײַן פרומקייט, נאָר אויך מיט זײַן פרנסה וואָס האָט געשמעקט האַלב מיט אַ תלין און האַלב מיט אַ גיהנום־לאַפּיטוט. ווען משה־טביה איז געשטאַנען אין זײַן גרויסער יאַרמלקע, אין זײַנע הויזן און אין זײַן קאַפּאָטע פון פרומען יאַרמלקע־צײַג און געקאָכט אין זײַנע שטינקנדיקע קעסלען די זינדיקע פעלן פון געפּגרטע בהמות נעבעך, האָט געמוזט פאַלן אַן אימה נישט בלויז אויף פרעמדע יידן, נאָר טאַקע אויף משה־טביהן אַליין, און די דאָזיקע אימה האָט נאָך מער גע־שטאַרקט משה־טביהס פרומקייט און זײַן ציטערן און פלאַטערן פאַרן גיהנום. פאַרשטייט זיך, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס משה־טביה איז בסדר געגאַנגען אין סאַמעט, האָט מען דעם סאַמעט אויף אים כמעט נישט דערקענט, מחמת די שרעקלעכע גאַרבאַרניע־פלעקן אויף אים (אויפן סאַמעט) — פלעקן פון רויטער דעמבענער קאַרע און פון די גע־קאָכטע און געשאָבענע נבילה־פעלן. אין זײַנע סאַמעטענע פרומע מלבושים האָבן זיך אויך אײַנגעזאַפּט די שטינקנדיקע ריחות פון דער גאַרבאַרניע, און ער האָט אַט די גיהנום־ריחות אומעטום מיט זיך מיטגעטראָגן צוזאַ־

מען מיט זיינע אומעטיקייטן און מרה־שחורהס, און איביקע ציטערנישן פאַרן בעל־דבר.

אין דער דאָזיקער פרומאַקישער שטוב, וואו אַלץ איז געווען נידער־געשלאָגן און פאַרציטערט און וואו די ווייבער האָבן זיך אַרומגעטראָגן ווי אומריינקייטן, געטריבן און געיאָגט פון משה־טביהן, איז דער דראָב־נער פעטער בונמל נאָך גאַנץ יונגערהייט אַריינגעקומען אַלס אײדעם. דער פעטער בונמל איז געווען אַ שוואַך שוואַרץ־חנעוודיק חסידיש בחורל און דער פרומאַקישער און אַסקעטישער גבר משה־טביה האָט אים גליך אַריינגענומען אין זיינע שטאַרקע הענט אַריין און אים טאָג און נאַכט געשראָקן מיט די מאַוימדיקסטע שרעקן פון דער ידישער פרומקייט. ער האָט אים פאַרמיאוסט דאָס יונגע ווייבל און אים, בונמלען, איבער־געלייענט און איבערדערציילט די שוידערלעכע מעשיות פון „קב הישר" און אַנדערע מוסר־ספרימלעך און אויסגעמאָלט דעם ווייבס בעט ווי אַ שאַלקהאַפטיקע נעסט פון אַשמדאַי און לילית. אויב אַ ייד מוז אַמאָל דערלאַנגען אַהין, מוז ער וויסן, אַז ער גייט אַריין אין אַ ברענענדיקער חורבה נאָר אויף צו טון אַ געפערלעכע מצווה, און מוז זיין געהיט פאַר יעדן איבעריקן ריר, וואָרעם ער שפילט — אַ קלייניקייט! — מיטן איי־גענעם לעבן און מיט אַלע וועלטן. דעם פעטער בונמל האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויער פון שרעק ווען ער האָט אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן געמוזט נעבעך אַהין גיין, צו דער אשה זיינער, וואָס איז אין אַ שלאָף־קופּקע געלעגן אין דער שדים־נעסט פון אַשמדאַי און לילית, און גראָד דאָרט מיט דער זינדיקער אשה טון אַ מצוה. וואָסערע שווערע און געפערלעכע פליכטן די תורה לייגט אַרויף אויף אַ שוואַכן ידישן יונגג־מאַן! איך ווייס נישט צי דער פעטער בונמל האָט צומאָל געוואוסט ווי זיין אייגענע אשה קוקט אויס אויפן פנים און ער האָט געציטערט אין איר נאָענטקייט אימת־מוות. משה־טביהס מרה־שחורהס האָבן זיך אויך ווילד פונאַנדערגעוואָקסן אין פעטער בונמל. דער פעטער בונמל האָט געגעסן אַ פּאָר יאָר קעסט און געהאָט אין גרויס שרעק און ציטערניש היפּשע עטלעכע קינדער. משה־טביה האָט ענדלעך מיט צופרידנקייט געזען, אַז בונמל האָט זיך שוין גוט צוגעקילט אין די קאַלטע מקוואות און אַז ער טויג ברוך־השם צו גאַרנישט, סיידן צו זיין אַ שוחט.

דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן נייע פּחדים און אומהיימלעכקייטן וואָס משה־טביה האָט אָנגעיאָגט אויף דעם שוואָכן כסדר איבערגעשראָ־קענעם פּעטער בונמל. דער גברישער ייד אין דער הויכער יאַרמלקע און אין דער פאַרפלעקטער און שטינקנדיקער סאַמעטענער קאַפּאָטע איז געשטאַנען לעבן פּעטער בונמל ווען ער האָט מיט זיין גרויסן נאָגל געפּרואווט די חלפים. משה־טביה סטאַניסלאַווער האָט זיך געשאָקלט איבער בונמלען, זיך געריסן פאַר דער יאַרמלקע און כמעט ווי געוויינט און זיך געבעטן ביים הילפלאָזן איידעם:

— געדענק בונמל, דו שפּילסט זיך מיט אַלע וועלטן!

סיי דעם פּעטער בונמלס ברודער, דער פּעטער שמעון־יוסף און סיי זיין מוטער, די באָבע בלימעלע, האָבן פונדעסטוועגן כסדר געזאָגט, אַז אַזאַ בעל־שמחה, ווי עס איז בונמל שיחיה מוז מען זוכן בכל תפוצות ישראל.

אין פלוג האָט עס טאַקע אויסגעקוקט געגנוג אויסטערליש. סטייטש, בונמל אַ בעל־שמחה? ווי קאָן מען עס גאָר זאָגן אויף אַזאַ בלייכן, קרענקלעכן יונגנמאַן וואָס ציטערט און פלאַטערט פאַר די פּרייטיק־צו־נאַכטסן, ווען ער מוז — ווייי איז מיר — טון אַ מצווה מיט אַ נאַרישער יידענע, וואָס ציטערט פאַר די חלפים און פאַר די הינער און קעלבער וואָס ער שעכט און פון וועלכע יידן עסן אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ יונגערמאַן אונטער וועמעס שוואַכע פיס ס׳ציטערט כסדר די ערד און ס׳ברענט ס׳גיהנום — ער און אַ בעל־שמחה?

אָבער עס איז געגוג געווען צו זען דעם פּעטער בונמל אויף אַ חתונה. דאָס בלאַסע דערשראָקענע פּנים האָט אים אויפגעלויכטן פון אַן איבערלעכער פרייד, ווען ער האָט געהערט דאָס ערשטע אויפשפּילן פון די פידלען. אַלע שרעקן, ציטערנישן און מרה־שחורהס וואָס ער האָט אין זיך אַרומגעטראָגן פון משה־טביהס שטוב זיינען ווי אָוועקגע־בלאָזן געוואָרן פון ווינט. עס איז אים לייכטער געוואָרן אויף דער פרומער, פאַראומערטער נשמה און עס איז אים לייכטער געוואָרן אין די פיס. דער פּעטער בונמל האָט געשמט פאַר אַ טענצער, און ער איז עס טאַקע געווען. אויף אַ חתונה האָט דער פּעטער בונמל באַקומען עפּעס אַזוינס ווי פליגלען. ווען די קלעזמאָרים האָבן זיך פונאַנדערגע־שפּילט און יידן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן לכבוד חתן־כלה, האָט דער

פעטער בונמל פאַרגעסן זיינע חלפים, ער האָט פאַרגעסן די הינער וואָס האָבן געשריען אין זיינע הענט ווען ער האָט זיך פאַרנומען זיי צו שעכטן, און ער האָט פאַרגעסן די פייערן פון גיהנום. זיינע שוואַרצע ציגיינער־אויגן האָבן זיך פונאַנדערגעבערענט, און דער פעטער בונמל האָט זיך צעלאָזט אין אַ קאַזאַק, אַז די וועלט האָט נאָר געשוועבט אונטער זיינע פיס. אָבער דער פעטער בונמל האָט נישט געטאַנצט גלאַט אַזוי, ער האָט תמיד געטאַנצט אַ „פאַרשטעלטער”, נעמלעך, ער האָט זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ „דייטש”. די שוואַרצע חסידישע באָרד האָט ער זיך אַרונטערגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, דעם דאַשעק פון זיין סאַ־מעטן היטל האָט ער אויסגעדרייט אויף הינטן, דאַן האָט ער גענומען אַ פאַרביקע קאָלדרע, זי אויפגעצויגן אויף אַ גאַרטל, און אַזוי אַרום זיך אָנגעטון אַ „דייטשישע” פּעלערינע. אין דעם דאָזיקן הולך האָט זיך דער פעטער בונמל פונאַנדערגעטאַנצט שעהנוויז און ער איז נישט מיד געוואָרן צו טאַנצן. און די מוזיק האָט נישט געטאָרט אויפהערן צו שפּילן. זיין ברודער, דער פעטער שמעון־יוסף און זיין מוטער, די באָבע בלימעלע, האָבן געזאָגט, אַז אַזעלכע „דייטשן” וועלן אָקעגנטאַנצן משיחן און פריילעך מאַכן די הייליקע צדיקים אין די גרויסע צייטן פון לעתיד לבוא.

# קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

מוצאי־שבת. די מלכה שבת געזעגנט זיך מיט ייִדן. גוטע־ייִדן און רבנים עסן איינגעמאַכטסן, טרינקען טיי, רייכערן ציגאַרן און ליולקעס. דער פעטער יעקל באַקומט אַ ציגאַר פון ר׳ ישעיה פּריווס. ירחמיאל שמעקט דעם רויך. ר׳ יעקב ענגלמאַן. קלעזמאָרים שפּילן אַ „גוט־וואָך". נח נאַשעלסקער זינגט אַ ליד ווי עס וועט אויסקוקן ביי ייִדן ווען משיח וועט קומען. די צדיקים טאַנצן אַ ראָד לכבוד חתן־כלה. דעם פעטער בונמלס „קאַזאַק". די ווייבער, די פראָסטע פעטערס און דער זשאַנדצע גאָנשעראָווסקי. דעם פעטער מרדכי־בער הייבן זיך די פיס. „טאַנצט מחותן!". דער פעטער מרדכי־בער טאַנצט מיטן פעטער בונמל. שפּילט קלעזמאָרים! די צדיקים קוקן צו ווי דער פראָסטער ייִד, דער פעטער מרדכי־בער, טאַנצט מיט ר׳ יצחק וואורקערס אייניקל.

נאָך הבדלה, ווען מען האָט פון אויפסניי אָנגעצונדן אַלע ליכטער, האָבן די סאַרווערס אַריינגעטראָגן פאַר די מחותנים פרישע, הייסע טיי, שמעקנדיקע איינגעמאַכטסן און אַלערליי פרוכטן. אַלע גרויסע רבנים און גבירים זיינען נאָך געזעסן ביי די טישן אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געוואַלגערט רעשטלעך פון שלוש־סעודות, און די ווייסע טישטעכער זיינען געווען פאַרפלעקט מיט די פאַרגאָסענע ווייַנען וואָס מ׳האָט גע־טרונקען אין די הייליקע פינצטערקייטן פון שלוש־סעודות. ס׳האָט גע־הערשט די גרויסע צופרידענע רואיקייט פון מוצאי־שבת. נאָכדעם ווי די שטרענגע און פאַרכצומע מלכה־שבת האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט יידן ביי די פלאַקערן פון הבדלות און ביי די אָריענטאַלישע ריחות פון די בשמים־ביקסן. יידן מעגן פונדאָסניי אָנהייבן צו טאָן וואָכעדיקע זאַכן, און ס׳ווערט לייכטער אויפן יידישן געמיט. ר׳ יהושיעלע קוטנער, וואָס איז געזעסן אין שבתדיקן שטריימל אויבן־אָן אין דער רעכטער זייט ביים חתן, האָט ברייט פאַררייכערט די ליולקע. לעבן אים איז געזעסן דער קרושנעוויצער גאון און מחמת ער איז געווען אַ הוסטער, האָט ער קיינמאָל נישט גערייכערט, און איצט האָט ער בנעימותדיק געזופּט דאָס גלאָז פרישן און הייסן טיי. לעבן קרושנעוויצער רב איז געזעסן דער קאַלישער רב און גביריש גערייכערט די גרויסע טונקעלע האַוואַנאַ־ציגאַר, וואָס ער האָט באַקומען פון ר׳ ישעיה פריוועס. לעבן קאַלישער רב איז געזעסן ר׳ ישעיה פריוועס אין דער גבירישער זיידענער קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם היטל און לעדערנעם דאַשעק און גערייכערט אַ האַוואַנאַ־ציגאַר און ברייטלעך געקוקט אויפן עולם. פון דער לינקער זייט פון חתן איז געזעסן ר׳ גרשון־העניך ראַדזינער און גערייכערט אַ גרויסע רבישע ליולקע, לעבן אים ר׳ יעקב ענגלמאַן, הגם אַ גביר האָט ער פונ־

דעסטוועגן געטראָגן אַן אויסגעקראָכן רבניש שטריימל און געפּיפּקעט אַ ביליקע מלמדישע ליולקע. אויך די אַנדערע רבנים און מחותנים האָבן גערייכערט ציגאַרן און ליולקעס, געזופּט דעם הייסן טיי און געגעסן פון די איינגעמאַכטסן. דער פעטער יעקל האָט געטראָגן אַן אַלט אויסגעריבן שטריימל און אַ צעריסענע זיידענע קאַפּאָטע. ער האָט אויסגעבעטן ביי ר׳ ישעיה פּריוועסן אַ ציגאַר. דער פעטער יעקל האָט מיט גרויס ערנסטקייט פאַררייכערט ר׳ ישעיה פּריוועסעס ציגאַר, צוגעמאַכט די אויגן, ער האָט געוואָלט רייכערן מיט ישוב־הדעת, באַוועגט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, און פון גרויס פאַרוואונדערונג און תענוג כמעט ווי נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם רויך פון מויל. ר׳ ישעיה פּריוועסעס אַ ציגאַר! הינטער דעם פעטער יעקלס פּלייצעס איז געשטאַנען זיין אײדעם ירחמיאל, ער האָט זיך מיט דער נאָז טיף צוגעבויגן צום פעטער יעקלס מויל, כדי צו שמעקן דעם רויך וואָס דער פעטער יעקל האָט זיך געקווענקלט אַרויסצולאָזן פון די ליפּן. ירחמיאל האָט אַזש געשמייכלט פון גרויס חידוש און התפּעלות און אַלע מאָל געמאַכט אַ־אַ־אַ.

די קלעזמאָרים זיינען אַריינגעקומען אַפּצושפּילן אַ גוט־וואָך. אויך נח נאַשעלסקער איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט די קלעזמאָרים. נח נאַשעלסקער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אויבן־אָן, און אים אַליין, דעם לייב פון די בדחנים, איז קאַלט געוואָרן פון ערפורכטיקייט. פונדעסטוועגן — דאָס געזאַנג פון אַ בדחן לאָזט זיך נישט איינהאַלטן, און נאָכדעם ווי די קלעזמאָרים האָבן אָפּגעשפּילט דעם גוט־וואָך, האָט נח נאַשעלסקער אָנגעהויבן צו זינגען אַ וואונדערלעך ליד ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן ביי יידן ווען משיח וועט קומען. נח נאַשעלסקער האָט מיט זיין ליד ענדלעך אַרויסגערופן אַ צופרידענעם שמייכל אויף די פּנימער פון די גרויסע מחותנים. נאָך דעם ליד איז נח נאַשעלסקער געוואָרן דרייסטער און ער האָט אָנגעהויבן אויפצופאָדערן די הייליקע צדיקים און די גרויסע גבירים פון פּוילן אַז זיי זאָלן אַפּערגיין פון הינטער די טישן און טאַנצן לכבוד דער מלכה־שבת וואָס איז אַוועקגעגאַנגען און לכבוד חתן־כלה. די טישן האָבן זיך גערירט, און די גרויסע מחותנים זיינען פּאַמעלעך אַפּערגעגאַנגען. אין דער גרויסער באַלויכטענער שטוב האָט מען געמאַכט פּלאַץ, אַפּגערוקט די שטולן און אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. אַפילו די שפּילנדיקע קלעזמאָרים מיטן בדחן נח נאַשעלסקער

האָבן זיך אווּעקגעשטעלט אין אַ ווינקל. די מיט שטוב האָט מען איבער־געלאָזט פאַר די גרויסע מחותנים וואָס האָבן זיך אַנגענומען פאַר די הענט און זיך אַרומגענומען אין אַ ראָד. די מוזיק האָט געשפּילט אַ פריילעכס, און די הייליקע און חשובע מחותנים האָבן זיך שווער און לאַנגזאַם באַ־וועגט אין אַ ראָד. אויך ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט זיך געדרייט צוזאַמען מיט אַלע צדיקים און גבירים און פאַר דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם חתן. די צווייטע האַנט פון חתן האָט געהאַלטן דער קאַלישער רב, דער „נפש חיה". דעם קאַלישער רבס האַנט האָט גע־האַלטן דער קרושנעוויצער גאון, און דעם קרושנעוויצערס האַנט — דער גרויסער מאַגנאַט ר׳ ישעיה פּריוועס. די לינקע האַנט פון ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט געהאַלטן ר׳ גרשון־הענעך ראַדזינער און לעבן ר׳ גרשון־העניכן האָט פריילעך געהאָפּקעט ר׳ יעקב ענגלמאַן אין אויס־געקראַכענעם שטריימל און מיט דער ביליקער מלמדישער ליולקע אין מויל. אַלע רבנים און מחותנים האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דעם זיך באַוועגנדיקן ראָד, און דער טאַנצנדיקער קרייז האָט זיך אויסגעברייי־טערט אין דער באַלויכטענער שטוב. די מוזיק האָט געשפּילט. אינמיטן ראָד אָבער, האָט געשפּרונגען און פריילעך געטאַנצט הירשל נאַמן מיט זיינע זיבן קאַפּאָטעס. אַפילו דאָס בלינדע אויג זיינס האָט געשמייכלט. הירשל נאַמן האָט הויך און הייזעריק צוגעזונגען צו דער שפּילנדיקער מוזיק. אויך דער פעטער יעקל אין זיין צעריסענער קאַפּאָטע און מיטן אויסגעריבענעם שטריימל אויפן קאָפּ איז האָפּערדיק געשפּרונגען איינ־מיטן דעם ראָד פון די מחותנים, געדרייט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ און אַלץ געהאַלטן ר׳ ישעיה פּריוועסעס ציגאַר צווישן די ליפּן. אויך דער פעטער שמעון־יוסף אין זיין גאַנצער ברייטקייט האָט געטאַנצט אינמיטן דעם ראָד. ער האָט זיך געהאַלטן האַרט ביי הירשל נאַמנס קאַפּאָטעס, געטופּעט מיט די פיס, און געפּאַכעט אין דער לופטן מיט זיינע גרויסע מגושמדיקע הענט.

ווען דאָס ראָד פון די חשובע מחותנים איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט זיך ערשט דער פעטער בונמל צעטאַנצט איבערן דיל. ער האָט געטאַנצט אַ קאַזאַק און געטאַנצט אַ פאַרשטעלטער פאַר אַ „דייטש". די שוואַרצע חסידישע באָרד אַרונטערגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע, דעם דאַשעק פון זיין סאַמעטענעם קאַשקעט אַרונטערגעקערט אויף הינטן

און אין אַ פֿאַרביקער „פּעלערינע" פֿון אַ סאַמעטענער קאָלדרע אַרויפֿגע־צויגן אויף אַ גאַרטל. דער פֿעטער בונמל האָט געשוועבט איבערן דיל און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ליכטער אין די זילבערנע לייכטערס ציטערן אין זייערע פֿלאַמען, די לינדע נאַכט־ווינטן בלאָזן אַריין דורך די פֿענצטער און די ערד ווערט לייכט אונטער דעם פֿעטער בונמלס פֿיס און זי הייבט אויף אָן צו שוועבן. דעם פֿעטער שמעון־יוספֿס אויגן האָבן געלויכטן פֿון גרויס ליבשאַפֿט צום ברודער, און ער האָט געפּאַטשט מיט זיינע גרויסע באַוואַקסענע הענט און געשריען צו די קלעזמאָרים אַז זיי זאָלן נישט אויפֿהערן צו שפּילן און זאָלן שפּילן וואָס אַמאָל שטאַרקער און פֿריילעכער. אַלע גרויסע רבנים ביי די טישן, אַפֿילו ר׳ יהושיעלע קוטנער און דער קרושנעוויצער גאון, און אַפֿילו דער גבֿיריש־פֿאַרכמור־רעטער ר׳ ישעיה פּריוועס האָבן געקוקט מיט אַ ליבן שמייכל אויף דעם אויסטערלישן „דייטש", דעם פֿעטער בונמל, ר׳ יצחק וואָרקערס אייניקל, וואָס טאַנצט אַ קאָזאַק לכּבֿוד חתן־כּלה און וועגן וועמען די באָבע בלימעלע האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע דייטשן וועלן אָקעגנטאַנצן משיחן.

אַלע טירן וואָס פֿירן אַריין צו דעם גרויסן חדר פֿון די מחותּנים האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט צוקוקער צום פֿעטער בונמלס טאַנץ, אַפֿילו ווײַ־בער האָבן זיך געשטופּט צו זען. די ערשטע אָבער פֿון די צוקוקער זיינען געווען די פּראָסטע פֿעטערס, דעם זיידן ברוכס שוואָגערס. הגם זיי האָבן איצטער אַלע געטראָגן נייע חסידישע זיידענע קאַפּאָטעס און יאַרמלקעס אויף די קעפּ האָבן זיי זיך פֿונדעסטוועגן געהאַלטן פֿונדער־ווייטנס און נישט געוואָגט זיך צונויפֿמישן מיט אַלע חשובֿע מחותּנים. די פּראָסטע פֿעטערס זיינען געשטאַנען ביי די ווייבער אין די טירן און געקוקט. עס איז געשטאַנען דער אַלטער פֿעטער אברהמקע מיט דער מומע רויזע, דער פֿעטער לייזער־יוסף מיט דער מומע טויבע, און גאָר פֿון פֿאָרנט איז געשטאַנען דער פֿעטער מרדכי־בער מיט דער מעוברתער מומע גענענדל. אויך דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי איז געשטאַנען אין דער טיר לעבן פֿעטער לייזער־יוסף. גאַנשעראָווסקי איז געגאַנגען אָנגע־טון זיין אַלטן פּריצישן זשופּאַן און געהאַלטן אין דער האַנט דעם טייערן שטעקן מיט דעם זילבערנעם קנאָפּ וואָס ער האָט נאָך געהאַט פֿון זיינע אַמאָליקע רייכטימער. און גאַנשעראָווסקי האָט זיך מיט איין האַנט גע־דרייט דעם שפּיץ פֿון זיינע לאַנגע שלאַכציקע וואָנסעס. ער האָט אויך

צופרידן געשמייכלט און געקלאַפּט מיט זיין שטעקן צום טאַקט פון דער מוזיק און צום פּעטער בונמלס טאַנץ.

צום אומרואיקסטן פון אַלע איז אָבער געווען דער פּעטער מרדכי־בער. ער האָט זיך כסדר אַפּערגערוקט פון מיטן דעם עולם ווייבער, די אויגן האָבן אים געפינקלט ווי ביי אַ וואָלף און די פיס האָבן זיך אים געוואָלט הייבן ווי אין די פאַרביקע יאָר־מערק אין אַסמאָלין, ווען ער איז זיך פאַרגאַנגען אין טאַנצן מיט די פויערים און מיט די שיקסעס. ער האָט געזען דעם טאַנצנדיקן פּעטער בונמל, געהערט דאָס וואָס אַמאָל האַסטיקערע און פריילעכערע שפּילן פון דער מוזיק און ווי דער ברייט־לעכער באַוואַקסענער פּעטער שמעון־יוסף פּאַטשט וואָס אַמאָל ווילדער מיט זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע הענט. דער פּעטער מרדכי־בער האָט קוים געקאָנט איינשטיין אויפן אָרט. אָבער ער איז נישט דרייסט געווען אין אָנגעזיכט פון דעם ערפורכטיקן אויבן־אָן און ער האָט מורא געהאַט פאַרן זיידן ברוך. אויך די זיידענע קאַפּאָטע וואָס ער האָט גע־טראָגן איז געלעגן ווי אַ פרעמדע לאַסט אויף זיינע גלידער וואָס זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל שווערבנדיקער און לייכטער.

מיט אַמאָל האָט דער פּעטער שמעון־יוסף באַמערקט דעם אומרו־איקן מרדכי־בער. דער פּעטער מרדכי־בער קאָן נישט איינשטיין אויפן אָרט, עס טראָגט אים. דער פּעטער שמעון־יוסף האָט אַ פּאַך געטאָן צו אים מיט זיינע באַוואַקסענע הענט און פּלוצעם אויסגעשריען מיט זיין טיפן בויך־קול אינמיטן דעם שפּילן פון דער מוזיק:

— מחותן, האָט זיך געהערט ווי דער פּעטער שמעון־יוסף שרייט איבער דער גאַנצער שטוב, וואָס שטייט איר דאָרט, מחותן? קומט טאַנצן, אַהער קומט טאַנצן!

דער זיידע ברוך גזשיוואַטש איז בלאַס געוואָרן און לייכט געוויזן דעם פּעטער מרדכי־בער אַז ער זאָל בלייבן אויפן אָרט. אָבער דאָס וואָרט „מחותן" וואָס דער פּעטער מרדכי־בער האָט געהערט פון דער תשובער משפחה פון חתן, פון אַ לייבלעכן פּעטער פון חתן, האָט איב־גאַנצן אָנגעצונדן זיינע געבליטן און די פיס האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו באַוועגן. ער האָט פאַרגעסן זיין פראָסטן באַשטאַנד און אויך זיין מורא פאַרן זיידן ברוך. די מוזיק האָט וואָס אַמאָל פריילעכער געשפּילט און דער פּעטער מרדכי־בער האָט אַ פריילעכער זיך געריבן די הענט

אזוי ווי ער פלעגט עס טאָן אויף די פאַרביקע יאַר־מערק אין אָסמאָלין. דער פעטער מרדכי־בער האָט ליכט אָנגעהויבן צו טאַנצן אין דער זיידע־נער קאַפּאָטע. אָבער אים איז געווען שווער אויף די גלידער פון דער שוואַרצער און פרעמדער קאַפּאָטע. מיט אַמאָל האָט דער פעטער מרדכי־בער זיך אַ טו אויס געגעבן דאָס זיידענע חסידישע מלבוש און עס האַסטיק אַ וואַרף אַרויף געטון אויף דער מעוברתער מומע גענענדל. דער פעטער מרדכי־בער איז געבליבן שטיין אין שפּאַנצער־און־הויזן און אין דער בלויזער סאַמעטענער יאַרמלקע. די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט און דאָס פּנים איז אים רויט געווען פון אַ ווילן זיך צו פרייען. ער האָט די וועלט נישט געזען פאַר די אויגן. אין זיינע אויערן האָט געשאָלט די שפּילנדיקע מוזיק און ער האָט געזען דעם פאַרשטעלטן פעטער בונמל וואָס שוועבט אַ טאַנצנדיקער איבערן דיל. דער פעטער מרדכי־בער האָט אָנגעהויבן הויך צו פּאַטשן אין די הענט, די פיס האָבן זיך אים צעגומען און אָקעגנגעטאַנצט דעם פעטער בונמל אויף דעם אופן ווי עס טאַנצן די פּויערים אויף די אָסמאָלינער יאַר־מערק. אויך דער פעטער שמעון־יוסף האָט פריילעכער און האָפערדיקער געפּאַטשט מיט די הענט און כסדר געשריען: טאַנצט מחותן! טאַנצט מחותן! דער פעטער מרדכי־בער האָט געטאַנצט אין שפּאַנצער־און־הויזן. און דער פעטער בונמל האָט אים אָקעגנגעטאַנצט. באַלד האָט איינער צום אַנדערן אויסגעשטרעקט די הענט ווי זיי וואָלטן זיך גערופן און זיי האָבן זיך פעסט אַרומגענומען פאַר די אַקסלען און געטאַנצט צוזאַמען. די מוזיק האָט געשפּילט. די חשובע מחותנים, באַגלייך מיט ר׳ יהושיעלע קוטנער האָבן געדרייכערט די ליולקעס, ליב געשמייכלט און צוגעקוקט ווי דער פראָסטער ייד, דער פעטער מרדכי־בער אין שפּאַנצער־און־הויזן, טאַנצט מיט ר׳ יצחק וואַרקערס אייניקל.

*

מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער בין איך געבוירן געוואָרן אין אָס־מולסק אין פריצישן הויף פון זיידע ברוך גזשיוואַטש. מל געווען האָט מיך דער שפּעטערער קוטנער רבֿ ר׳ משה־פּנחס, און מיין סנדק איז געווען דער וועלט־גאון פון דער תורה ר׳ יהושיעלע קוטנער.

ניו־יאָרק, 29טן סעפּטעמבער, 1943.

# ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע.)

פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען. (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע.)

מידע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פנחס גראַאובאַרד, וואַרשע.)

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

נאָענט און פרעמד. עסייס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

וועלט־חשבון (פראָזע און לידער וועגן דער וועלט).

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

טביה און מנחם־מענדל אין יידישן וועלט־גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק.)